STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02997

KEGN DI ONFALER OYF DR. HAYIM ZSHITLOVSKI

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קעגן די אָנפֿאַלער אויף
דר. חיים זשיטלאָווסקי

(זאַמלונג)

דר. חיים זשיטלאָווסקי פֿאָלקס־קאָמיטעט
ניו־יאָרק 1944

Kegn Di Onfaler

oif Dr. Ch. Zhitlowsky

•

PRINTED IN U.S.A.

DR. CH. ZHITLOWSKY PEOPLES COMMITTEE

New York, 1944

209

אינהאַלט

פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — — — — — 5

נחמן מייזיל—פעלשונגען און בלבולים — — — — — — — — — — — 7

יעקב מילך—פאַרוואָס שענדן זיי קברים ? — — — — — — — — — — — 33

דר. יעקב שאַצקי—דר. ח. זשיטלאָווסקי און זיין „ביאָגראַף“ — — 39

קלמן מרמר—דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט אַליין אויפגעדעקט זיינע פעלשער — — — — — — — — — — — — — — — — — 46

וויליאַם עדלין—צום שאַנד־סלופּ פון דער יידישער עפנטלעכקייט — 52

ש. ערדבערג—די קאַהאַן־ראַגאָף־ליבערמאַן בלבולים — — — — — 55

מנשה אונגער—דער נייער פראַנקיסטן־בלבול — — — — — — — 63

דר. רפאל מאַהלער—דער קאַרליקעס־טאַנץ אויף זשיטלאָווסקיס קבר 69

ב. צ. גאָלדבערג—די פסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון אַנפאַל אויף דר. חיים זשיטלאָווסקי — — — — — — — — — — — — — — — 81

שלום שטערן—אַן וויסן און אַן געוויסן — — — — — — — — — 97

לייט־אַרטיקלען:

„טאָג“ פון 20טן מערץ, 1944 — — — — — — — — — — — — 105

„קענעדער אָדלער“ פון 3טן מערץ, 1944 — — — — — — — — 107

נחום סומער—בריוו אין רעדאַקציע „דער טאָג“ — — — — — — — — 109

פאָרוואָרט

אין די עטלעכע און פופציק יאָר, וואָס דר. חיים זשיטלאָווסקי איז געשטאַנען אין סאַמע קאָך פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, איז אים אויסגעקומען צו פירן ניט איין קאַמף, וואָס האָט קעגן אים אַרויסגערופן דעם צאָרן פון די הערשער איבער דער יידישער גאַס. ער איז ניט איינמאָל געווען דער צענטראַלער פונקט, אַרום וועלכן עס זיינען געפירט געוואָרן מחלוקתן און קריג. אָבער אַזאַ וואַקכאַנאַליע קעגן אים, ווי עס האָבן דאָ ערשט צעוויגט קאַהאַן־ליבערמאַן־ראַגאָף, איז נאָך אויף אונדזער יידישער גאַס בכלל ניט געווען, לגבי קיינעם ניט, שוין אָפגערעדט אין באַצוג צו דר. חיים זשיטלאָווסקין.

די אַלע פריערדיקע מחלוקתן אַרום דר. זשיטלאָווסקין האָבן בדרך כלל געהערט אין דער קאַטעגאָריע פון אידייען־קאַמף, און זיינען געפירט געוואָרן מער־ווייניקער אין די ריין פון אָנשטענדיקייט. אויך דעמאָלט פלעגט זיך מאַכן, אַז עמעצער אַ באַד־יונג האָט זיך אָפגעריסן און איז באַפאַלן דר. זשיטלאָווסקין מיט בלאָטע. אָבער קיינער האָט אויף אים קיין אויפמערק־זאַמקייט ניט געשענקט. עס איז געווען ווי, למשל, עפּעס אַ יונגאַטש רייסט זיך אַריין אין אַ בית־מדרש, וואו מענטשן אַמפּערן זיך אין תורה...

און אויסער דעם, האָט דאָך דר. חיים זשיטלאָווסקי אַליין געלעבט ביי יענע מחלוקתן און ווי זיין טבע איז געווען, איז ער קיינעם קיין ענטפער שולדיק ניט געבליבן, אויסער די באַד־יונגען און יונגאַטשעס, וועמענס פערזענלעכע אָנפאַלן ער האָט תמיד איגנאָרירט.

היינט איז דער גרויסער לייב ניטאָ מער צווישן די לעבעדיקע. ער אַליין קאָן מער ניט רעאַגירן אויף דעם וואָס ווערט געשריבן קעגן אים און אויף אים. און טאָקע דערפאַר וואָס ער איז מער ניטאָ, האָבן עס זיינע קעגנער און זייערע באַד־יונגען געוואַגט אַרויסצוקומען מיט אַ ריי פעלשונ־גען פון זיינע שריפטן, שקרים און פאַרלוימדונגען, פון אומדערהערטן מין, מיטן באַקאַנט היטלערישן מעטאָד: זאָג די גרעסטע, גרעבסטע ליגנס, עפּעס פון דעם וועט זיך צוקלעפּן...

זיי האָבן געמיינט, אַז זייער טעראָר אויף דער יידישער גאַס איז אַזוי שטאַרק, און אַז זיי האָבן די יידישע עפנטלעכקייט אַזוי קאָרופּטירט, אַז דאָס וועט זיך זיי אָפּלויפן גלאַט, און זיי וועט געלינגען צו פאַראומווירדיקן דעם גרויסן, ליכטיקן נאָמען פון דר. חיים זשיטלאָווסקי.

אַז זייער טעראָר איז ווירקזאַם, האָט מען טאָקע געקאָנט זען אין דעם פאַקט, וואָס אַ גאַנצע ריי יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן

געדאַרפֿט רעאַגירן אויף אַט דעם שענדלעכן אָנפֿאַל, האָבן ניט רעאַגירט... אָבער אין דעם, אַז די יידישע עפֿנטלעכקייט איז שוין אַזוי קאָרופּטירט, אַז זי זאָל אַזאַ נבלה אַראָפּשלינגען, האָבן זיי זיך טועה געווען.

די יידישע מאַסן פֿון אַלע ריכטונגען האָבן זיך אָפּגעקערט מיט עקל פֿון דעם דאָזיקן שאַנטאַזש, און אַ ריי יידישע שריפֿטשטעלער זיינען אַרויס־געקומען אין אַ צאָל אויסגאַבן און אויפֿגעוויזן די פֿאַלשקייט, ליגנערישקייט, שווינדל און פֿאַרלוימדונג פֿון דעם ליבערמאַן־ראַגאָף־קאַהאַן אָנפֿאַל. מיט דעם האָבן זיי געטאָן אַ חסד ניט נאָר דעם זויבערן, לויכטנדיקן נאָמען פֿון דר. חיים זשיטלאָווסקי, נאָר אפֿשר נאָך מער דעם אייגענעם כבוד און דעם כבוד פֿון יידישן וואָרט און פֿון דער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט אין אַמעריקע.

די דאָזיקע אַרטיקלען און אָפּרופֿן אין פֿאַרטיידיקונג פֿון דר. חיים זשיטלאָווסקי קעגן זיינע שווינדלערישע פֿאַרלוימדער ווערן איבערגעדרוקט אין דער דאָזיקער בראָשורע — אין דער צייט־אָרדענונג פֿון זייער דער־שיינען. די בראָשורע אַנטהאַלט אָבער ניט אַבסאָלוט אַלץ, וואָס איז גע־שריבן געוואָרן אין דער פֿאַרטיידיקונג. ניט אַלץ פֿון דעם דאָזיקן מין איז צו אונדז דערגאַנגען, און אַ טייל, ווי די אַרטיקלען פֿון ש. ניגער אין „טאָג״, האָבן מיר ניט געקאָנט אַריינגעבן אין דער דאָזיקער בראָשורע, מחמת דער מחבר האָט אונדז ספּעציפֿיש פֿאַרבאָטן דאָס צו טאָן...

די דאָזיקע בראָשורע ווערט אַרויסגעגעבן פֿון דעם דר. חיים זשיט־לאָווסקי פֿאָלקס־קאָמיטעט, וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפֿגאַבע אַרויס־צולאָזן אַלע ווערק פֿון דעם גרויסן שריפֿטשטעלער אין אַ פֿאָלקס־אויסגאַבע. די ערשטע צוויי בענדער פֿון דער דאָזיקער אויסגאַבע זיינען שוין אין דרוק און וועלן האָפֿנטלעך דערשיינען צום ערשטן יאָרצייט.

אַז דער דר. זשיטלאָווסקי קאָמיטעט זאָל פֿאַר זיין ערשטער אַרבעט דאַרפֿן אַרויסגעבן אַזאַ בראָשורע, איז אַ טרויעריקער אָנווייז אויפֿן מאָראַלישן מצב פֿון אַ געוויסן טייל פֿון דער יידישער עפֿנטלעכקייט...

פֿאַרן דר. חיים זשיטלאָווסקי פֿאָלקס־קאָמיטעט

ב. צ. גאָלדבערג, פֿאָרזיצער

נחמן מייזיל

פעלשונגען און בלבולים

.1

קרוב צו זעכציק יאָר איז דר. חיים זשיטלאָווסקי געווען טעטיק און שאַפעריש אויף די פאַרשיידנסטע געביטן פונעם פּאָליטישן און קולטור־געזעלשאַפטלעכן אַלגעמיינעם און יידישן לעבן. פון זיינע יונגע יאָרן ביזן טיפן עלטער, פון אַ יונג ייִנגל אין זיין היימשטאָט וויטעבסק ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג אין דער ווייטער קאַנאַדער שטאָט קאַלגאַרי, איבער שטעט און לענדער, האָט ער געווירקט אויף די מאַסן און אינטעליגענץ דורך זיין וואָרט און פען. אין זיינע צענדליקער ווערק, אין זיינע טויזנטער אַרטיקלען, דורך זיינע עפנטלעכע אַרויסטריטן האָט ער אָן אויפהער, מיט אַ מערק־ווירדיקער ליידנשאַפט און מיט אַן אויסטערלישן פלייס, געהאַלטן אין איין דערגרונטעווען זיך צו די הויפּט־יסודות פון דעם יידישן פאָלק, זיין מהות און כאַראַקטער און זיין אָרט אין דער וועלט און אין דער געשיכטע, און גלייכצייטיק געקעמפט, געמוטיקט און סטימולירט די כוחות פונעם יידישן פאָלק, די מאַסן און די אינטעליגענץ, די היימישע און די פאַרפרעמדטע, פאַר דער פולער נאַציאָנאַלער ווידעראויפלעבונג פונעם יידישן פאָלק לויט די שענסטע און דערהויבנסטע טראַדיציעס פון זיין גלאָררייכער געשיכטע און אין איינקלאַנג מיט די פּראָגרעסיווע און לויכטנדיקע אידייען פון די שענסטע יידישע און אוניווערסאַלע גייסטיקע פירער.

עטלעכע צענדליק יאָר איז דר. חיים זשיטלאָווסקי געשטאַנען אין צענטער פון אונדזערע קולטור־קינסטלערישע פּאַרמעסטן און בויען. עס איז נישט געווען קיין איין פּרוואו, קיין איין אויפטו אין אונדזער קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואו דר. ח. זשיטלאָווסקי זאָל נישט שטיין אין דער שפּיץ, ווי אַ פּיאָנער, ווי אַן אָנזאָגער, ווי אַ וועגווייזער. און נישט געקוקט אויף די אַלערלייאיקע שטערונגען און שוועריקייטן, איז דר. ח. זשיטלאָווסקי נישט מיד געוואָרן ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל צו רופן און צו דערמאָנען, צו מאָנען און צו שטרייטן מיט אַ באַזונדערער עקשנות און מיט אַן עקשנות־דיקן גלויבן. ביז די לעצטע טעג פון זיין לאַנג, רייך און גייסטרייך לעבן האָט

ער אַלץ פאַרמאָגט די קאַמפּלוסטיקייט און דעם ווילן אָפּצושלאָגן אַטאַקעס און צו טייטלען אויף די אויסגעקעמפּטע אמתן און נישט געשראָקן זיך אַרויסצוזאָגן זיינע מיינונגען און פאַרטיידיקן זיינע באַהויפּטונגען, וואָס האָבן געקאָנט רייצן און אויפרייצן זיינע פאַרביטערטע קעגנער, — די רעאַקציאָנערע און אָפּגעשטאַנענע כוחות אין דער יידישער וועלט.

און שוין צענדליקער און צענדליקער יאָרן, ווי דר. ח. זשיטלאָווסקי, אַדאַנק זיינע גוואַלדיקע פאַרדינסטן אין די פאַרשיידענע צווייגן און געביטן פונעם יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז געוואָרן די „פּערסאָנאַ גראַטאַ“, די צענטראַלע פיגור, די אָנערקענטע פּערזענלעכקייט, וואָס נישט געקוקט אויף די מיינונגס־פאַרשיידנקייטן, האָבן אַלע, אַלע אָן אויסנאַם געפילט צו אים די טיפסטע אַכטונג און פאַרערונג.

נאָך צוריק מיט 32 יאָר, אין 1912, האָט מען געפייערט דר. ח. זשיטלאָווסקיס 25־יאָריקן יובילײ (זינט ס׳איז דערשינען זיין ערשטע אַרבעט [אין רוסיש] „די היסטאָרישע גורלות פונעם יידישן פאָלק“); דער יובילײ־קאָמיטעט האָט פאַראייניקט אַרום זיך די אָנגעזעענסטע שרייבער, דענקער און טוער פון דער דעמאָלטיקער יידישער אַמעריקע. און שוין דאַן איז דר. ח. זשיטלאָווסקי באַצייכנט געוואָרן אָט ווי אַזוי: „איינער פון די וויכטיקסטע יידישע פּערזענלעכקייטן פון היינטיקן דור, אַ פאַרשטייער פון דעם יידישן ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלן געדאַנק, אַ דענקער און לערער פון סאָציאַליזם און אַ פירער אין דער פרייהייטלעכער באַוועגונג פון די רוסלענדישע פעלקער — דר. ח. זשיטלאָווסקי — פאַרענדיקט היינטיקס יאָר, צווישן אונדז דאָ אין אַמעריקע, דאָס ערשטע פערטל־יאָרהונדערט פון זיין פאַרדינסטרייכער טעטיקייט.“ און ס׳איז אינעם אויפרוף ווייטער געזאָגט געוואָרן: „דאָס איז אַ יום־טוב נים נאָר פאַר אונדז, זיינע נאָענטע פריינט און פאַרערער; נים נאָר פאַר די פּראָגרעסיווע נאַציאָנאַל־געזאָנענע יידן אין אַמעריקע, וועלכע שעצן אים אַלס טיפן דענקער, טאַלאַנטפולן רעדנער און ערלעכן פירער; נאָר פאַר דער גאַנצער יידישער אויפלעבונגס־ און אַרבעטער־באַוועגונג, פאַראויס פון וועלכער דר. ח. זשיטלאָווסקי איז אָט־די אַלע יאָרן געגאַנגען אין די ערשטע רייען.“ און אָפּשטעלנדיק זיך אויף זיינע ווערק, וואָס דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט פאַרעפנטלעכט פאַר די 25 יאָר, זינט 1887, ווערט ווייטער באַטאָנט: „דר. זשיטלאָווסקיס גרויסע פעאיקייטן, זיין אויפריכטיקער אידעאַליזם און זיין געטרייע איבערגעגעבנקייט צו די בעסטע אינטערעסן פונעם פאָלק, וועלכע מוזן אָנערקענט ווערן אַפילו פון די, וואָס זיינען נים איינפאַרשטאַנען מיט אייניקע פון זיינע אידייען און אויספירונגען, מאַכן אים פאַר אַ פּראָמינענטע נאַציאָנאַלע פיגור, וועמעס לעבן און ווערק עס האָט אַן אַלגעמיינע באַדייטונג פאַר אָנהענגער און קעגנער צוגלייך.“

עס גייען אַוועק נאָך 13 יאָר, יאָרן פון שאַרפע פּאָליטיש־געזעלשאַפט־לעכע און קולטור־קינסטלערישע געשעענישן, פון קאַמפן און גרענעלעגנישן, יאָרן פון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע שטריטן, פון אויסשטאַלטונג און אויס־קריסטאַליזירונג פון נייע אַקטיוו־שאַפערישע כוחות אין דער יידישער וועלט. דר. חיים זשיטלאָווסקי וואַקסט אַלץ־מער אויס ווי אַ באַווירקנדיקע און ווירקנדיקע פּערזענלעכקייט אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. זיין ראָלע אינעם יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן דריקט זיך אויס אין זיין אַלץ־שטייגנדיקער השפּעה אויפן אָרגאַניזירטן יידישן לעבן. דאָס ווערט באַצייכנט אין דעם פייערלעכן מאַניפעסט, וואָס דער יובל־קאָמיטעט, וועל־כער פאַראייניקט אַרום זיך די וויכטיקסטע יידישע געזעלשאַפטלעכע און קינסטלערישע פּערזענלעכקייטן פון אַמעריקע, האָט אין 1925 אַרויסגעגעבן. מיר האָבן דאָרט אַזאַ כאַראַקטעריסטיק פון דעם יובילייאַר:

> „פערציק יאָר ווי דר. זשיטלאָווסקי שטייט אין צענטער פון אונ־דזער עפנטלעכן און קולטור־לעבן; און פאַר דער צייט אומדערמיד־לעך געאַרבעט, געשאַפן און געבויט דעם בנין פון אונדזער געזעל־שאַפטלעכן לעבן, באַרייכערט די יידישע וועלט מיט גרויסע גייסטיקע ווערטן... ניט נאָר אַלס שריפטשטעלער און דענקער, נאָר אויך אַלס כלל־טוער און קעמפער פאַרנעמט דר. זשיטלאָווסקי אַ גרויסן אָרט אין דעם יידישן לעבן בכלל און אין דעם לעבן פון די יידישע מאַסן בפרט. . . . זיין יובילייע איז אַ יום־טוב פון דער יידישער שפּראַך, פון דער יידישער ליטעראַטור, פון דער יידישער קולטור בכלל, און פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן, וועמעס אינטערעסן ער האָט אַזוי גלענצנד און טריי פאַרטיידיקט די גאַנצע צייט פון זיין געזעלשאַפטלעכן לעבן...“

ווען ס'איז אין יענער צייט געגרינדעט געוואָרן דער יידישער וויסנ־שאַפטלעכער אינסטיטוט, איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אויף דער קאָנפערענץ פונעם ייוואָ איז איינשטימיק דר. חיים זשיטלאָווסקי אויס־געקליבן געוואָרן אינעם ערן־דירעקטאָריום באַגלייך מיט פּראָפעסאָר אַל־בערט איינשטיין, שמעון דובנאָוו, זיגמונד פרויד, — דעם ערן־אַמט, וואָס דר. זשיטלאָווסקי האָט געטראָגן ביז סוף פון זיין לעבן.

און נאָך פולער און ברייטער איז געווען דער צונויפשטעל פון דעם יובל־קאָמיטעט, וואָס האָט געפייערט דר. זשיטלאָווסקיס 70טן געבוירנטאָג אין 1935, סיי אין אַמעריקע און סיי אין אייראָפּע. איבער 150 שרייבער, שוישפּילער, קולטור־געזעלשאַפטלעכע טוער זיינען געווען באַטייליקט אין דעם קאָמיטעט, וואָס האָט גענומען אויף זיך צו אָרגאַניזירן די פייערונגען, וועלכע האָט באַדאַרפט ברענגען צום אויסדרוק די געפילן פון פאַרערונג און באַגייסטערונג פאַר דר. זשיטלאָווסקין. און צווישן זיי זיינען אויך געווען

אב. קאַהאַן, הלל ראָגאָף, י. באַסקין, אַדאָלף העלד, נ. כאַנין, — די „זיילן" פֿון דעם „פֿאָרווערטס"־בנין. און אויסער די אַלע פֿאַרשיידנאַרטיקע שרייבער און טוער האָבן זיך אויף באַטייליקט די אָרגאַניזאַציעס: אַרבעטער־רינג, נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פֿאַרבאַנד, „פֿאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאָן, יידישער סאָציאַליסטישער פֿאַרבאַנד, פּאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפֿטן, אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן, פּאַרטיי פּועלי־ציון, פּרץ־שרייבער־פֿאַראיין, יידישע קולטור־געזעלשאַפֿט, ייוואָ א. אַז. וו.

עס איז גענוג צו ברענגען אַ פּאָר אויסצוגן פֿון אייניקע באַגריסונגען. די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פֿונעם אַרבעטער־רינג (י. ווײַנבערג — פּרעזידענט, י. באַסקין — גענעראַל־סעקרעטאַר) האָט אים געוואונטשן „לאַנגע יאָר צו לעבן און קעמפֿן פֿאַר דער דערהויבונג פֿון די אַרבעטער־מאַסן און פֿאַר זייער באַפֿרייאונג." די גענעראַל־עקזעקוטיווע פֿונעם יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד (דוד פּינסקי — פּרעזידענט, ל. סיגאַל — סעקרעטאַר) האָט געזאָגט צווישן אַנדערן: „מיר זיינען שטאָלץ מיט זיינע גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַרן סאָציאַליזם, פֿאַר דער יידישער קולטור, פֿאַר די נאַציאָנאַלע באַפֿרייאונגס־אידייען פֿון יידישן פֿאָלק און פֿאַר אַלעם, וואָס איז שיין און גערעכט אינעם יידישן לעבן און אין דער געזעלשאַפֿט בכלל."

אָט אַזוי האָט די יידישע אַמעריקע, אומאָפּהענגיק פֿון פּאַרטיי און ריכטונג, אָפּגעשאַצט אַלע יאָרן די באַדייטונג און די ראָלע פֿון דר. חיים זשיטלאָווסקי, זיינע ווערק און זיינע אויפֿטוען אינעם יידישן קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן.

אויף דעם היסטאָרישן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז, סעפּטעמבער 1937, וואָס דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט פֿאַר אים פֿיל פּראָפּאַגאַנדירט, האָט זיך זשיטלאָווסקי שטאַרק אָנגעזען, הגם צוליב זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד האָט ער דאָרט אַליין נישט געקאָנט זיין. זיין רעפֿעראַט „פֿון טשערנאָוויץ ביז פּאַריז", וואָס ער האָט אַהין צוגעשיקט, איז געווען אַ וויכטיקער, עיקרדיקער, און דר. ח. זשיטלאָווסקי איז איינשטימיק אויסגעקליבן געוואָרן ווי דער ערן־פּרעזידענט פֿונעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־פֿאַרבאַנד, איקוף.

און דעריבער איז צום שטוינען, וואָס פּלוצים, אינמיטן דריבען, האָט זיך די „פֿאָרווערטס"־חברה גענומען אויף דר. ח. זשיטלאָווסקין. מיר פֿאַרשטייען גוט וואוהין מען צילט. מען רעכנט זיך אָפּ מיט דר. ח. זשיטלאָווסקין פֿאַר זיין גוט־פֿריינטשאַפֿט צום סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, פֿאַר זיין טרייער אַרבעט פֿאַר אייניקייט, פֿאַר זיין העלפֿן אָרגאַניזירן דעם שרייבער־קאָמיטעט און דעם יידישן קאָונסיל פֿון ראַשיען וואָר רעליף. אָבער מען זאָגט עס נישט. צו־פּאָפּולער און געאַכט איז איצט דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד

און צו־הייליק איז איצט ביי אַלעמען די הילף דער רויטער אַרמיי, די סאָוועטישע פעלקער, מען זאָל גיין איצט באַשטרייטן דאָס אַלץ. די „פּאַר־ווערטס״־חבריא האָט אָרגאַניזירט אַ מיאוסע, העסלעכע קאַמפּאַניע, אַ מין מוראַדיקן קרייץ־צוג קעגן איינער פון די ליכטיקסטע און וויכטיקסטע יידישע פּערזענלעכקייטן, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט די לעצטע דורות, און זיך באַנוצט מיט די באַקאַנטע בלבולים און נישט־געשטויגענע באַ־שולדיקונגען.

חיים ליבערמאַן, וואָס איז שוין גוט און טרויעריק באַקאַנט מיט זיינע היסטערישע אָנפאַלן אויף אַלץ וואָס איז פּראָגרעסיוו און ראַדיקאַל, האָט אונדז באַשאָנקען מיט אַ פּאַסקוויל „יידן און יידישקייט אין די שריפטן פון דר. ח. זשיטלאָווסקי״. דער „אַריינפּאַר״ צום בוך הייסט מיטן נאָמען „אַ ייד קעגן יידן״, און, פאַרשטייט זיך, אַז דאָס מיינט מען דר. ח. זשיטלאָווסקי. ער איז עס דער ייד, וואָס איז געווען קעגן יידן!!! און נישט נאָר די לעצטע פּאָר יאָר, ווען דר. זשיטלאָווסקי האָט געפּריידיקט אייניקייט צווישן יידן און גערופן צו שטיצן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס זיינע אַלע פעלקער מיט זייער רויטער אַרמיי שלאָגן זיך מיט דער בעסטיע, — נאָר אַלעמאָל און שטענדיק איז פאַר אים, פאַר דעם „אוהב ישראל״ ח. ליבערמאַן, דר. ח. זשיטלאָווסקי געווען אַ יידישער אַנטיסעמיט, אַ „וואָס אין דער קאָרט״, אַ פלאָג, אַן אומגליק, אַ שעדיקער, אַ מסור, אַ פּראָוואָקאַטאָר, אַן איג־קוויזיטאָר א. אַז. וו.

הויבן הויבט ער אָן, ח. ליבערמאַן, זיין משונהדיקן באַשולדיקונג־אַקט מיט אַ ציטאַטע פון . . . בצלאל שערמאַן. פון אַלץ, וואָס מ׳האָט געזאָגט און געשריבן וועגן דר. ח. זשיטלאָווסקי, האָט אים, חיים ליבערמאַנען, פאַר־שמעקט, שטאַרק פאַרשמעקט גראָד די טיפע „אָפּשאַצונג״, וואָס אָט־דער קאָפּ־מענטש, בצלאל שערמאַן, האָט געגעבן דר. ח. זשיטלאָווסקין: „פופציק יאָר איז ער, דר. זשיטלאָווסקי, געווען אַקטיוו אינעם יידישן לעבן און איז אין תוך פאַרבליבן אַ דרויסנדיקער און פרעמדער.״ אַזוי האָט אָנגעפּאַטש־קעט אָט דער שערמאַן און חיים ליבערמאַן מאַכט עס פאַר אַ „לייט־מאָטיוו״ צו זיין . . . קאַקאַפאָניע, אָבער גלייך מאַכט ער, חיים ליבערמאַן, אַ „קליינע אויסבעסערונג״: „נישט פופציק יאָר... נאָר גאַנצע זעכציק יאָר.״ און ווי־באַלד ער האָט שוין געמאַכט אָט די אויסבעסערונג — פון פופציק אויף זעכציק, זאָגט שוין חיים ליבערמאַן: „עס ליגט אַ גרויסע טראַגעדיע דערין, וואָס נאָך זעכציק יאָר פון אַ מענטשנס אַרבעט צווישן יידן און פאַר יידן, פילט זיך איינער געצוואונגען אים אַרויסצובאַגלייטן מיט אַזאַ טרויעריקן לעצטן נאָכוואָרט: אַ דרויסנדיקער און פרעמדער.״

אַ גרויסער דר. ח. זשיטלאָווסקי! — ער האָט געהאַט אַזאַ לאַנג און אינטערעסאַנט און רייך לעבן, און אים איז גאָר נישט איינגעפאַלן, אַז

„איינער" וועט „זיך פילן געצוואונגען אים אַרויסצובאַגלייטן מיט אַזאַ טרויעריקן נאָכוואָרט"!

און ווי נאָר חיים ליבערמאַן איז פאַרטיק געוואָרן מיטן „לעצטן נאָכוואָרט", האָט ער שוין זיך שטאַרק גענויטיקט אין דעם ערשטן ברוך־הבא. און ער האָט עס... „געפּאַקט".

חיים ליבערמאַן הויבט אָן זיין ביכל־פּאַסקוויל מיט אַ באַהויפּטונג, אַז „צווישן די, וואָס האָבן אים, דר. זשיטלאָווסקין, אַזוי באַצייכנט מיטן נאָמען דער יידישער אַנטיסעמיט, איז, לויט זשיטלאָווסקין אַליין, געווען דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו. און זשיטלאָווסקי דערציילט עס אַמאָל מיט פאַרוואורף, אַמאָל מיט אַ געוויסער גדלות."

דאָס איז אָפּגעדרוקט אויף זייט 3 פון חיים ליבערמאַנס ביכל, און פון דאַנען אייגנטלעך הויבן זיך אָן די אַטאַקעס אויף זשיטלאָווסקין, דאָס איז דער אויסגאַנג־פּונקט פון דעם גאַנצן אָנגריף אויף זשיטלאָווסקין.

אויף אָט דער באַשולדיקונג, וואָס שטיצט זיך אויף אַזאַ אויטאָריטעט ווי דער באַוואוסטער יידישער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו, אויף אָט דער באַשולדיקונג בויט מען ווייטער דעם באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דר. חיים זשיטלאָווסקין.

און טאַקע הלל ראָגאָף, אין זיין גרויסן אַרטיקל, וואָס פאַרנעמט אַ גאַנצע פּלאַכטע פון דעם זונטאָג־„פאָרווערטס" (30טן יאַנואַר), און וואָס הייסט מיט אַזאַ „טייערן" נאָמען „דר. זשיטלאָווסקיס פאַרלוימדונגען אויפן יידישן פאָלק". ה. ראָגאָף שטיצט זיך, פאַרשטייט זיך, אויף דעם פאַראַנטוואָרטלעכן „עדות" שמעון דובנאָוו. הלל ראָגאָף שרייבט:

> „ליבערמאַן דערציילט ביים אָנהויב פון בוך, אַז גלייך ווי זשיטלאָווסקי האָט זיך באַוויזן אין יידישן לעבן, מיט אַ זעכציק יאָר צוריק, מיט זיינע ערשטע שריפטן, האָט דער באַרימטער יידישער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו אים באַצייכנט אַלס „יידישער אַנטיסעמיט"."

און הלל ראָגאָף גיט צו פון זיין זייט:

> „דובנאָוו האָט אים שנעל דערקענט, ווייל זייענדיק אַ געלערנטער פון יידישער געשיכטע, האָט ער געוואוסט די ריכטיקע סימנים פון דעם אַנטיסעמיט, ווי אַזוי צו דערטאַפּן דעם שונא אונטער דער מאַסקע פון „וויסנשאַפט" און די שלייערן פון „פילאָסאָפיע"..."

קומט דער „תנא ברא" (טאַנע באַרע) אַליין, אַב. קאַהאַן און אין זיין העסלעכן אַרטיקל, וואָס טראָגט אַ משונהדיקן קאָפּ „זשיטלאָווסקי — אַן אומאָנגענעמער פּראָגע־צייכן", און האָט נאָך אַ פּאָר מיאוסע, פאַרכעוואַטע „אונטערקעפּלעך", ווי „אונזין אָדער וואַנזין?", „אַ יידישער „פּאַטריאָט",

וואָס האָט געפּריידיקט, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל באַגיין זעלבסטמאָרד און האָט באַרעכטיקט פּאָגראָמען און היטלערן״, — קומט אב. קאַהאַן און וואַרפט צו שפּענער, צום פייער, צום שייטערהויפן און ער צעיאָכמערט זיך מיט אָט די ווערטער:

„אין דעם ים שטוינענדע פאַקטן וועגן זשיטלאָווסקין, וועלכע געפינען זיך אין ליבערמאַנס בוך, לייענט מען, אַז דער באַרימטער יידישער היסטאָריקער ש. דובנאָוו האָט אים גלייך ריכטיק אָפּגעשאַצט און ער האָט אים כאַראַקטעריזירט מיט די ווערטער „יידישער אַנטיסעמיט״.״

און אב. קאַהאַן לייגט צו אַ קאַפּיטל און ער זאָגט ווייטער די ווערטער, וואָס קאָנען זיך אַרויסרייסן ביי אַ מענטשן, וואָס איז לחלוטין נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע רייד, אָדער ביי אַ מענטשן, וואָס איז אין אַ צושטאַנד פון שגעון.

הערט און שטוינט וואָס אב. קאַהאַן זאָגט:

„דערצו דאַרף מען צולייגן, אַז ווי ליבערמאַן באַווייזט, איז זשיטלאָווסקי געווען איינער פון די ערגסטע און ווילדסטע אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן געאַרבעט קעגן יידן. און מיט דעם איז דובנאָוו אייגנטלעך פולשטענדיק איינפאַרשטאַנען.״

דערקלער איך דאָ קלאָר און אָפן, אַז די ווערטער, ווי עס גיט איבער חיים ליבערמאַן אין נאָמען פון זשיטלאָווסקין און אין נאָמען פון שמעון דובנאָוו, זיינען אַ געמיינער מיאוסער ליגן.

קיינמאָל האָט דר. זשיטלאָווסקי אין ערגעץ נישט געשריבן, אַז ש. דובנאָוו האָט אים אָנגערופן „יידישער אַנטיסעמיט״ פּשוט דערפאַר, ווייל שמעון דובנאָוו האָט עס קיינמאָל ניט געזאָגט און ניט געשריבן!

און עס איז אַ נידערטרעכטיקער שקר־בלבול נישט נאָר קעגן דר. חיים זשיטלאָווסקין, נאָר אויך קעגן שמעון דובנאָוון!

דר. חיים זשיטלאָווסקי, אין זיין אַרטיקל „דער ביטערער אמת״ (געשריבן אין 1911־1912), שטעלט זיך אָפּ אויף די הויפּט־הנחות פון זיין דעמאָלטדיקער אָנשויאונג — דער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט פונעם יידישן פאָלק אין די גלות־לענדער, און ער דערציילט ווי מען האָט אויפגענומען זיין ערשטן בוך „די היסטאָרישע גורלות פונעם יידישן פאָלק״, וואָס איז אַרויס אין רוסיש אין 1887, אין מאָסקווע. אין דער צייט, וואָס אַ גאַנצע ריי סאָציאַליסטישע און ליבעראַלע זשורנאַלן האָבן געלויבט דאָס בוך — זאָגט זשיטלאָווסקי, „האָט די יידישע סוחרישע קריטיק (קיין אַנדערע האָבן מיר דעמאָלט ניט געהאַט) באַגעגנט דאָס ווערק — אויף וויפיל איך קאָן מיך דערמאָנען — מיט אַ ניט־באַהאַלטענעם כעס און אַ גאַליקער

שנאה. אויב מיין זכרון נאַרט מיך ניט אָפּ, איז דאָס אין דעם פּעטערבורגער „היום" געשטאַנען שוואַרץ אויף ווייס, אַז איך בין אַן „עוכר ישראל" און אַן „אַנטיסעמיט העברי"." (זע באַנד 6, זייט 246.)

מען דאַרף געדענקען, אַז אַ טייל העברייאישע פּרעסע פון יענער צייט איז געווען ווילד־רעאַקציאָנער און שאָוויניסטיש. לאָמיר זיך דערמאָנען מיט וואָס פאַר אַ זידלערייען, חרמות און תוכחות מען איז דאַן באַפאַלן שלום־עליכמען, י. ח. ראַווניצקין און אַלעמען, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן די „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק" און גענומען שרייבן יידיש פאַר די יידישע פאָלקס־מאַסן.

שמעון דובנאָוו, וואָס האָט דאַן געשריבן אָפּהאַנדלונגען איבער ביכער אינעם רוסיש־יידישן זשורנאַל „וואָסכאָד" אונטערן נאָמען „קריטיקוס", האָט פאַרעפנטלעכט אַ שאַרפע קריטיק קעגן דעם ווערק פונעם יונגן דאַן חיים זשיטלאָווסקי. דובנאָוו האָט אָנגעוויזן אויף אייניקע פאַלשע היסטאָרישע באַהויפּטונגען, ער האָט אָבער אויך אַרויסגעזאָגט זיין הסכם מיט אייניקע געדאַנקען פונעם יונגן מחבר (חיים זשיטלאָווסקי איז דאַן אַלט געווען קוים 22 יאָר), ער לויבט אייניקע שטעלן און פירט אויס, אַז דער אויטאָר איז נישט גענוג באַהאַוונט אין געשיכטע און אַז אייניקע געדאַנקען זיינען ניט גענוג רייף, און ער האַלט דעריבער, אַז זשיטלאָווסקי האָט זיך צוגעאיילט מיטן בוך.

דאָס גאָר! קיין שום אָנדייט אָדער פאַרוואורף אין אַנטיסעמיטיזם איז אין דער אָפּהאַנדלונג פון דובנאָוון נישטאָ!

קריטיקוס־דובנאָווס אָפּהאַנדלונג איז פאַרעפנטלעכט אין „וואָסכאָד" 1887, אין דעצעמבער־בוך, און אין דער ניו־יאָרקער „פּאַבליק־לייברערי" איז אויפגעהיט דער נומער.

ווי זאָל מען שטעמפּלען די „טראַיקע" — ליבערמאַן־ראַגאָף־קאַהאַן — פאַר אַזאַ מיאוסער און סקאַנדאַליעזער פעלשונג?

אדרבא, זאָל דער היגער יידישער פּען־קלוב און דער ייווא, ווען עס דאַרפן זיין טייער די נעמען פון דר. חיים זשיטלאָווסקי און פּראָפ. שמעון דובנאָוו, משפּטן אָט די באַוואוסטזיניקע פעלשער און גיפט־מישער!

און ווייטער: דר. חיים זשיטלאָווסקי, מיט דער כאַראַקטעריסטישער פאַר אים גוטמוטיקייט און דזשענטלמענישקייט (אַ וואָרט, וואָס ער האָט שטענדיק געברויכט און וואָס עס איז געווען אַן עיקר־שטריך אין זיין כאַ־ראַקטער!), דערציילט טאַקע מיט אַ ליבן שמייכל וועגן דער שאַרפער דובנאָוו־קריטיק אין זיינע זכרונות און אין זיינע אָפּהאַנדלונגען. זשיט־לאָווסקי האָט אַפילו אַ גאַנץ קאַפּיטל אין זיין בוך „זכרונות פון מיין לעבן" (באַנד 3, ניו־יאָרק, 1940) אונטערן נאָמען „ש. דובנאָווס קריטיק און מיין ענטפער", וואו ער שטעלט זיך אָפּ גענוי אויף די מיינונג־פאַרשיידנקייטן

צווישן אים און דובנאָוון. און דר. חיים זשיטלאָווסקי רעדט מיט איראָניע וועגן דעם פּאָרוואורף „אַנטיסעמיט״, וואָס אין דעם „היום״ האָט איינער אים געמאַכט, און זשיטלאָווסקי גיט צו, אַז „דעם „היום״ האָב איך קיינמאָל נישט געזען.״ (דאָרט, זייט 131.)

דר. חיים זשיטלאָווסקי און שמעון דובנאָוו, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי זיינען אין זייער אויפפאַסונג פון דער יידן־ און יידישקייט־פּראָבלעם זיך אָפט שטאַרק פאַנאַנדערגעגאַנגען, האָבן זיי אַלע יאָרן איינער צום אַנדערן געפּילט אַ טיפע פריינטשאַפט און פאַרערונג. דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט מיט יאָרן שפּעטער, אין 1908, קריטיקירט ש. דובנאָווס בוך „בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום״. ער האָט עס אָנגערופן: „גייסטיקער־נאַציאָנאַליזם. ער שטעלט אַנטקעגן זיין רעאַלן יידישן נאַציאָנאַליזם. אָבער דאָס זיינען אַלץ ערנסטע קריטישע אָפּהאַנדלונגען, וואָס האַלטן זיך אין די גרענעצן פון טיפער אַכטונג און פאַרערונג.

וואָס דאַרף מען מער?

מיר האָבן אַ גבית־עדות — שמעון דובנאָוו גופא. אין זיין בוך „קניגאַ זשיזני״ (דאָס בוך פון לעבן), וואָס ש. דובנאָוו האָט פאַרעפנטלעכט אין 1934, וואו ער גיט איבער דעם גאַנג פון זיין לעבן, געשטיצט אויף זיינע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען, ווי אויך אויף זיין טאָג־בוך, דערמאָנט ער זיך אָן יענע יאָרן, אָן יענעם פעריאָד, אין די יאָרן 1887־1888, ווען ער האָט געשריבן אין „וואָסכאָד״ קריטיק. ש. דובנאָוו דערציילט, אַז ער האָט שאַרף קריטיקירט אַמאָל, ווען ער האָט נאָך געשריבן קריטיק־אָפּהאַנדלונגען, צוויי אָנפאַנגער — י. ל. פּרצן און ח. זשיטלאָווסקין. ער האָט דאַן גע־שריבן שאַרפע אָפּרופן וועגן נישט־צייטיקע ווערק. דערמאָנט ער זיין אַרויס־טריט קעגן פרצן (דאָס איז געווען וועגן פרצעס ערשטלינג אין יידיש — „מאָניש״) און ער רעדט אויך וועגן זיין אַרטיקל איבער זשיטלאָווסקין. און ער גיט איבער, מיט ליבשאַפט און פאַרערונג פאַר זשיטלאָווסקין, אַז מיט אַ פערציק יאָר שפּעטער האָט אים זשיטלאָווסקי גופא דערמאָנט עס און אים געזאָגט, אַז ער, דובנאָוו, האָט אים אַמאָל אין די יוגנט־יאָרן „אָפּ־געשמיסן״. ש. דובנאָוו פאַרענדיקט זיין דערציילן מיט אָט די ווערטער:

> „און דאָך האָט אונדז דער גורל כמעט אויף דעם זעלבן אופן צו־געשפּילט: שפּעטער זיינען מיר ביידע אויף פאַרשיידענע וועגן גע־קומען צו דער פּראָגרעסיווער נאַציאָנאַלער אידייע.״ (זייט 210).

אָט אַזוי האָט ש. דובנאָוו גערעדט אין 1934 וועגן זיין נאָענטן פריינט, וועגן זיין מיטשאַפער און מיטקעמפער, דר. חיים זשיטלאָווסקי — וואָס דאָס הייליקע „דריילינג״ האָט אויסגעטראַכט אויף זיי דעם ווילדן בלוט־בלבול... שמעון דובנאָוו איז אויך געווען אַ מיטגליד אין דר. חיים זשיט־

לאָווסקיס יובל־קאָמיטעט, וואָס מיר האָבן געשאַפן אין איראָפּע, אין 1935.

ס׳אַר אַ הפקרדיקער ציניזם! אויף וואָס פאַר אַ קרימינעלע ממש מעשים אָט די מענטשן האָבן זיך דערלויבט!

חיים ליבערמאַן, דער „וויסנשאַפטמאַן״, דער „פאָרשער״, גייט ווייטער מיט זיין וועג צו פעלשן זאַכן, צו פאַרקריפּלען ציטאַטן, צו פאַרדרייען קלאָר־אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען.

אב. קאַהאַן, חיים ליבערמאַנס „באָס״, גיט אַ זאָג: „אין דעם ים שטויינענדע פאַקטן וועגן זשיטלאָווסקין, וועלכע געפינען זיך אין ליבער־מאַנס בוך״. דער נאַאיווער „פאָרווערטס״־לייענער, נעבעך, וועט טאַקע באמת מיינען, אַז חיים ליבערמאַן ברענגט גאָט ווייסט וואָס פאַר אַ „פאַקטן״ וועגן זשיטלאָווסקין. ער וועט מיינען, אַז חיים ליבערמאַן האָט „געפאַקט״ געהיימע דאָקומענטן, וואָס דיסקרימינירן זשיטלאָווסקין און כאַפּן אים ביי דער האַנט... אָבער אין אמתן זיינען עס בלויז פאַרדרייטע און געפעלשטע ציטאַטן פון דר. זשיטלאָווסקיס ביכער און אַרטיקלען.

דער ח. ליבערמאַן „אַנטפּלעקט״ אַ מעשה — אַזאַ טאַן האָט זיין דער־ציילן — אַז „זיינע, זשיטלאָווסקיס גויאישע חברים זיינען אַרויס זיך אָנ־צונעמען פאַר יידן קעגן זשיטלאָווסקין״ (ז. 17). איז עס ווידער אַ ליגן, פונקט ווי עס איז אַ ליגן, אַז דובנאָוו האָט אָנגערופן זשיטלאָווסקין „יידישער אַנטיסעמיט״. חיים ליבערמאַן ברענגט די פאַר שורות, וואָס זשיטלאָווסקי גיט איבער אין זיין פאָרוואָרט צום בוך „אין קאַמף פאַר פאָלק און שפּראַך״ (באַנד 6), און ער לייגט אַריין אין מויל פון זשיטלאָווסקיס חברים־קעמפער רייד און ווערטער און כוונות, וואָס זיי ווייסן גאָרנישט וועגן דעם!

נאָך מער, חיים ליבערמאַן לאָזט בכיון אַרויס אַ זאַץ, וואָס שמעקט אים נישט... און דער זאַץ לייענט זיך אַזוי: „אָבער עס איז כ׳לעבן ניט נויטיק צוצוגעבן, אַז סיי זיין (זשיטלאָווסקיס) היציקע קריטיק, סיי די שטרענגקייט פון זיינע פאָדערונגען, וואָס זיינען אַ רעזולטאַט פון זיין הייסער ליבע צו זיין שטאָם, שטעלן, נאָך אונדזער מיינונג נאָך, מיט זיך פאַר ניט די לעצטע מעלה פון אָט דער רעכט־געשאַפענער („דאַבראַסאָוועסטנאַגאַ״) אַרבעט.״

דאָס האָט ליבערמאַן באַוואוסטזיניק אויסגעלאָזט!

און דעם פעלשער איז וויניק, וואָס ער באַהאַלט פאַרן לייענער דעם סוף פון זאַץ, נאָר ער גיט צו, אַז „די רוסישע רעדאַקטאָרן האָבן שוין דעמאָלט אַנגעטאַפּט זשיטלאָווסקיס גאַנצן מהות״.

חיים ליבערמאַן דערציילט אַ בבא־מעשה, אַז „זשיטלאָווסקי איז אַרויס־געטראָטן (אין 1892) מיט זיין אַגיטאַציע קעגן יידישער גלייכבאַרעכטיקונג״ — נישט מער און נישט וויניקער. ער פאַרשווייגט אָבער צו דערציילן, אַז דר. זשיטלאָווסקין האָט נישט באַפרידיקט בלויז גלייכבאַרעכטיקונג, ווייל ער האָט פאַרלאַנגט פולע נאַציאָנאַלע רעכט פאַרן יידישן פאָלק.

און אַט דאָס ביכל „אַ ייד צו יידן", וואָס ה. ליבערמאַן האָט עס אַזוי צעטרייבערט, הויבט אָן דר. ח. זשיטלאָווסקי מיט די ווערטער:

„דאָס גאַנצע לעבן פון דעם יידישן פאָלק שטימט ניט צונויף מיט דעם אידעאַל פון פיזישער, גייסטיקער און מאָראַלישער געזונטקייט. די געזעצגעבונג וועגן יידן אין רוסלאַנד שטימט ניט צונויף מיט די אידעאַלן פון געזעלשאַפטלעכן יושר. אויסגעפינען די מיטלען און וועגן ווי אַזוי ראַדיקאַל איבערצובויען דאָס יידישע לעבן, עס זאָל ווערן ווידער געזונט, און ווי צו רעפאָרמירן די געזעצגעבונג וועגן יידן, זי זאָל ווידער צונויפקלינגען מיט די פאָדערונגען פון יושר, — אָט דאָס הייסט פאַרענטפערן די יידישע פראַגע אין רוסלאַנד."

לאָמיר נאָר געדענקען די צייט, ווען די ווערטער זיינען געשריבן געוואָרן, אין 1892, אין דער צייט פון דער שווערער רוסלענדישער רעאַקציע. די בראָשור ענדיקט זיך מיט דעם רוף צו דער „יידישער אינטעליגענץ, וואָס איר זיינען נאָך טייער די אינטערעסן פון אונדזער פאָלק, קאָנצענטרירן איר גאַנצע ענערגיע, איר גאַנצע מסירת־נפש, אויף וועלכע זי איז מסוגל, אויף דער הילף צו דער דאָזיקער רעוואָלוציע — אַ ראַדיקאַלע פּאָליטישע רעוואָלוציע — מיט אַלע דערגרייכבאַרע מיטלען און אויף דער פּראָפּאַגאַנדע פון איר צווישן דעם יידישן פאָלק אין נאָמען פון זיינע אייגענע פאָלקס־אינטערעסן".

און הערט ווערטער, וואָס דער דעמאָלט יונגער זשיטלאָווסקי האָט מיט 52 יאָר צוריק געשריבן: „אונדזער פאָלק האָט שוין אַרויסגעשטעלט אַ צאָל מאַרטירער־העלדן, וואָס זיינען געפאַלן ווי אַ קרבן אויף דעם מזבח פון אונדזער מוטערלאַנד. זאָל אונדזער פאָלק ניט אויפהערן אַרויסצוגעבן זיינע קאַהאַן־בערנשטיינס און העלפמאַנס, זיינע הויסמאַנס און גינצבורגס, נישט נאָר צוליב דער באַפרייאונג פון אונדזער אַלעמענס מוטער־היים רוסלאַנד, נאָר אויך צוליב דער ווידערבאַלעבונג פון דעם אייגענעם פאָלק."

דאָס הייסט ביי חיים ליבערמאַנען, אַז זשיטלאָווסקי איז קעגן גלייכבאַרעכטיקונג...

.2

אומזין אָדער וואַנזין, אידיאָטסטווא אָדער משוגעת, —
דאָס זיינען ווערטער נישט פון מיין לעקסיקאָן.

איך האָב אַזעלכע מיני ווערטער קיינמאָל נישט געברויכט, און אויך איצט נעם איך זיי נישט פון מיין אייגענעם ווערטער־שאַץ, נאָר איך באָרג זיי — ביי אב. קאַהאַנען.

ער, אב. קאַהאַן, געברויכט זיי קעגן אונדזער ליכטיקן דר. חיים זשיטלאָווסקי אין זיין אַרטיקל־אָנפאַל. באָרג איך ביי אים — און לאָז זיי נישט

ביי זיך, נאָר גיב זיי אָפּ גלייך צוריק און שטעמפּל מיט קאַהאַנס ווערטער די פעלשונגען, באַשולדיקונגען און אינסינואַציעס פון דער „פאָרווערטס״־קליקע: ח. ליבערמאַן, הלל ראָגאָף און אב. קאַהאַן.

אין דעם „באַרימטן״ סדום איז געווען איינגעפירט אַ גאַנץ „פיינער״ מנהג. אַז עס איז געקומען אַהין אַן אורח, האָט מען אים מכבד געווען מיטן באַוואוסטן „סדום־בעטל״. און אַז דער מענטש איז געווען צו לאַנג, האָט מען אים אָפּגעשניטן די פיס, ער זאָל קאָנען אַריין אין דעם סדום־בעטל.

חיים ליבערמאַן, ווי אַ בעל־תשובה, וואָס איז געוואָרן מיט גאָט „ווי אַנדערע צוויי״, קריכט צו „גוטע יידן״ צו כאַפּן שיריים און האַלט אין איין לערנען תורה, האָט אָבער פון דער הייליקער תורה אַרויסגענומען בלויז אָט־די „טייערע מידה״ פון די סדום־לייט. ער האָט דר. זשיטלאָווסקין, זיינע אידייען, מיינונגען און געדאַנקען אַריינגעלייגט אין דעם סדום־בעטל, און ער האַלט אין איין האַקן פיס פון זשיטלאָווסקיס רייד, געדאַנקען און אַרויסזאָגונגען. און עס איז נאָך ווייניק, וואָס ער באַגייט זיך אַזוי מיט זשיטלאָווסקיס ווערטער, — ער טשעפּעט־צו צו יעדן אָפּגעהאַקטן, פאַר־קריפּלטן, צעקאַליעטשעטן זאַץ אַ קינסטלעכן פוס, און ער טייטלט דערנאָך: קוקט, זעט, וואָס זשיטלאָווסקי זאָגט!

חיים ליבערמאַנס „מעטאָד״ פון דיסקרימינירן דר. ח. זשיטלאָווסקין באַשטייט פון די פאָלגנדיקע פּונקטן:

1. ער כאַפּט אַרויס שטיקלעך פּראָזן פון אַ לאַנגן זאַץ, האַקט אים אָפּ פון אונטן, טעסעט אים אַרום פון פאָרנט, און דערנאָך געוואַלדעוועט ער: אַנטיסעמיט! אינקוויזיטאָר! פּראָקוראָר! מיסיאָנער!

2. ער כאַפּט אַרויס ווערטער, וואָס זשיטלאָווסקי זאָגט וועגן אַנדערע, מיט וועלכע ער איז נישט מסכים און באַקעמפט זיי — און ער לייגט זיי גאָר אַריין זשיטלאָווסקין אין מויל אַריין.

3. ער נעמט נישט אין אַכט די צייט, די תקופה, ווען דער געדאַנק איז אַרויסגעזאָגט, — און עס איז דאָך געווען אַ צייט־דיסטאַנץ פון אַ 60 יאָר, — און האָט טענות צו זשיטלאָווסקין.

4. דר. ח. זשיטלאָווסקי געברויכט אין זיינע ווערק „גענזנפּיסלעך״, ווען ער איראָניזירט פון אַ וואָרט, פון אַ באַגריף. די „גענזנפּיסלעך״ גיבן צו דעם וואָרט און באַגריף אַ פאַרקערטע באַדייטונג. ליבערמאַן טוט אַיין קליינינקייט: ער ציטירט די פּראָזע, נעמט אַוועק זשיטלאָווסקיס צוגעגעבענע „גענזנפּיסלעך״ און ער שטעלט דערנאָך זשיטלאָווסקין אַ קלאָץ־קשיא.

אמתע מעשי סדום.

שוין אויפן ערשטן זייטל פון זיין אומווירדיק ביכל ברענגט ח. ליבער־מאַן אַ ציטאַטע פון זשיטלאָווסקין און פאַלסיפיצירט זי. ליבערמאַן שרייבט, אַז זשיטלאָווסקי „זאָגט אַפילו אין איין אָרט, אַז ער איז נאָך באמת געווען

צו־ווייניק אַנטיסעמיטיש״. קאָן מען דערפון אַרויסדרינגען, לויט ליבער־מאַנען, אַז דר. זשיטלאָווסקי האָט דורכאויס געוואָלט און געשטרעבט צו זיין וואָס מער אַנטיסעמיטיש. אָבער ליבערמאַן האָט אָפּגעטאָן איין קליי־קייט, — ער האָט אַרויסגעגנבעט די „געגנזנפּיסלעך״, וואָס זשיטלאָווסקי האָט צוגעגעבן צום וואָרט.

„אַנטיסעמיטיש״, זאָגט זשיטלאָווסקי מיט איראָניע. אָבער ליבערמאַן בויט שוין אויף פון דער אייגענער פעלשונג אַ גאַנצן בנין.

רעדנדיק וועגן זשיטלאָווסקיס רוסישער בראָשור „אַ ייד צו יידן״, זאָגט ה. ליבערמאַן אין איין אָרט אַט וואָס: „אין דעם זעלביקן ביכל, ׳אַ ייד צו יידן׳, רופט ער די חובבי־ציון: ׳מיזאַנטראָפּן צו דער גאַנצער מענטש־הייט׳, וואָס שטרעבן ׳צו פאַרכאַפּן איינע פון די טערקישע פּראָווינצן׳...״

דער גלויביקער און נאַאיווער לייענער, אויך דער גלויביקער שרייבער, ווי דר. א. מוקדוני, וואָס וועט לייענען אָט די שטעלע פון ליבערמאַנען, וועט קנייטשן מיטן שטערן און איבערטראַכטן ביי זיך: „גאָט ווייסט, וואָס עס איז געשען מיט אָט דעם זשיטלאָווסקין!״ ער וועט זיך רייבן די אויגן און טראַכטן: „שוין זשע בין איך און אַלע, אַלע צענדליקער טויזנטער געווען בלינד און טעמפּ און נישט באַמערקט אַזעלכע אויסדרוקן ביי זשיט־לאָווסקין — אין אַ בוך, וואָס איז וויט און ברייט פאַרשפּרייט אין דער וועלט אויף פאַרשיידענע שפּראַכן און אין יידיש?״

וואָס זשע טוט גאָט? די גאַנצע זאַך, די גאַנצע פראַזע, וואָס ליבערמאַן ברענגט, איז אַ צעדרייטע, אַ צעקריפּלטע, אַ צוגעפּיקסטע. ליבערמאַן, כדי מ׳זאָל אים נישט כאַפּן ביי דער האַנט, ווייזט נישט אָן וואו ער האָט גענומען די ציטאַטע. ער האָט זיך באַוואָרנט...

הערט אַ מעשה:

דר. זשיטלאָווסקי רעדט, אין יאָר 1892, וועגן דער חיבת־ציון באַוועגונג, וועגן די ליבהאָבער פון פּאַלעסטינע, און ער שטעלט זיך אָפּ אויף אירע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטן. „דאָס סימפּאַטישסטע אין יענער ריכטונג (פון די חובבי־ציון — נ. מ.) איז געוויס דער פאַקט, וואָס זי האָט אויף איר פאָן אָנגעשריבן דעם אומקער פון דער יידישער אינטעליגענץ צו דעם פאָלק״. אָבער — „אינאייינעם מיט אָט דעם דעוויז און מיט נאָך אייניקע פּראָגרעסיווע דעוויזן״, זעט זשיטלאָווסקי אייניקע שטריכן, וואָס זיינען אים נישט צום האַרצן. ער באַקעמפט די הנחה, אַז „יודאָפאָביע״ (פיינט־שאַפט צו יידן) איז אַן אייביקע זאַך, וואָס קאָן און וועט קיינמאָל נישט געהיילט ווערן, און וואָס אַלע, אַלע אָן אויסנאַם זיינען אָנגעשטעקט פון אָט דעם גיפט. לויט זשיטלאָווסקין איז עס נישט קיין קראַנקהייט, וואָס לאָזט זיך קיינמאָל נישט אויסהיילן, ווייל זשיטלאָווסקי גלויבט צופיל אין מענטש־לעכן פּראָגרעס, אין מענטשלעכע אידעאַלן, אין אַ נייער, פרייער וועלט, וואָס

די שענסטע מענטשלעכע גייסטער, אָנגעהויבן פון די יידישע נביאים, פריידיקן. זשיטלאָווסקי באַקעמפט אָט די פאַלשע שטעלונג. ער רופט זי אָן „די מיזאַנטראָפּישע שטעלונג צו דער גאַנצער מענטשהייט", וואָס שטעלט זיך אין אַ „פיינטלעכער פּאָזיציע צו דער אייראָפּייאישער קולטור, צו די אידעאַלן פון וויסנשאַפט און פרייער פאָרשונג".

הערט אדרבא די גאָלדענע ווערטער, וואָס זשיטלאָווסקי האָט מיט 52 יאָר צוריק געזאָגט וועגן דער חיבת־ציון באַוועגונג: „די חיבת־ציון, אין איר דאָפּלטער אייגנשאַפט, ווי אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג און אַן עכטע אוטאָפּיע, איז ניט פרעמד געבליבן צו געוויסע פּראָגרעסיווע עלעמענטן און צו אַ קריטיק פון דער קעגנוואָרט, וואָס שטימט איין אין אַ סך פּונקטן מיט דעם ריינעם אמת."

זשיטלאָווסקי וויקלט פאַנאַנדער זיין געדאַנק, שטרייכט אונטער די געזונטע קערנער פון דער באַוועגונג, און באַטאָנט זיינע ספקות. און ער באַרירט די מאָמענטן פון אוטאָפּיע, און ער זאָגט: „מחמת אָט דעם אומ־שטאַנד (ווייל עס פעלן די גריסע קאַפּיטאַלן פאַר קאָלאָניזאַציע — נ. מ.) און ווייל די טערקישע הערשער קוקן קרום אויף דעם יידנס באַשטרעבונגען צו פאַרכאַפּן איינע פון די טערקישע פּראָווינצן, זיינען דער קאָלאָניזאַציע פון די אָרעמע מאַסן אין פּאַלעסטינע אונטערגעשניטן געוואָרן די וואָרצלען" (ז. 51, ב. 6).

וואָס־זשע האָט ליבערמאַן געטאָן? ער האָט צוגעשריבן דר. זשיט־לאָווסקין די ווערטער „פאַרכאַפּן איינע פון די טערקישע פּראָווינצן", פּונקט ווי זשיטלאָווסקי וואָלט עס פאָרגעוואָרפן די חובבי־ציון, און נישט די טערקישע הערשער!

און אַזעלכע מיני אומריינע אַרבעט פון צעדרייען געדאַנקען און צע־פּאַטשקען זיי דערלויבט זיך ה. ליבערמאַן אין נאָך און נאָך שטעלן.

אָבער זאָל זיין גענוג. מיר האָבן שוין אַ פיינעם באַגריף ווי דער פאָרשוין האָט צעקריפּלט געדאַנקען, צעדרייט פראַזן, כדי אויסצוטראַכטן די געמיינסטע בלבולים אויף זשיטלאָווסקין!

מיר ווילן זיך איצט אומקערן צו דעם, וואָס מיר האָבן שוין פריער באַרירט, — דאָס איז די פעלשונג און דער ליגן, אַז שמעון דובנאָוו האָט כלומרשט אָנגערופן זשיטלאָווסקין יידישער אַנטיסעמיט.

ווי מיר האָבן שוין אויבן באַטאָנט, איז דער „טשוואָק" פון דער באַ־שולדיקונג און אָנפאַלן אויף דר. ח. זשיטלאָווסקין ביי די אַלע דריי — אב. קאַהאַן, ה. ראָגאָף און ה. ליבערמאַן — דער געמיינער ליגן, אַז דובנאָוו האָט שוין פון אָנהויב אָן געשטעמפּלט דר. זשיטלאָווסקין ווי אַ יידישן אַנטיסעמיט. און אַז ווי קאַהאַן שרייבט איז „זשיטלאָווסקי געווען איינער

פון די ערגסטע און ווילדסטע אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן געאַרבעט קעגן יידן, און מיט דעם איז דובנאָוו אייגנטלעך פולשטענדיק איינפּאַרשטאַנען".

ווייל איך צו דעם נאָך עפּעס צוגעבן, און אדרבא, זאָל יעדער איינער זען, וואָס עס האָבן זיך דערלויבט די גיפט־מישער קעגן די צוויי אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן, פאַרשער און היסטאָריקער.

אין 1927 האָט שמעון דובנאָוו אָנגעשריבן אַן אַרטיקל: „זשיטלאָווסקיס אויטאָנאָמיזם" (פאַרעפנטלעכט אינעם „זשיטלאָווסקי־זאַמלבוך", וואָס איז דערשינען אין וואַרשע אין 1929, געווידמעט דר. ח. זשיטלאָווסקין צו זיין 60טן געבוירנטאָג, פון זיינע פריינט, חברים און תלמידים *). אין אָט־דעם אַרטיקל, וואָס איז פול מיט אַכטונג, פאַרערונג און טיפער גוטפריינטשאַפט צו דר. זשיטלאָווסקין, שרייבט שמעון דובנאָוו, אַז ער האָט אין זיין באַרימט בוך „בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום" (1897—1907) און שפּעטער אין זיין „נייסטער געשיכטע", וואָס ער האָט געשריבן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, נישט אַריינגעשטעלט זשיטלאָווסקיס נאָמען „צווישן די ערשטע, וואָס האָבן פאַרבונדן די סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע מיט דעם יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק", — ווייל, פאַרענטפערט זיך שמעון דובנאָוו, — זשיטלאָווסקיס פּובליציסטישע ווערק זיינען געווען געדרוקט מייסטנס אין אויסלאַנד, אין אומלעגאַלע רוסישע אויסגאַבן, און ערשט נאָך דער מלחמה־ און רעוואָלוציע־צייט זיינען זיי אַרויס אין אַמעריקע (די געזאַמלטע שריפטן, בענדער 5, 6, 7, אין 1917).

לאָמיר טאַקע לאָזן רעדן ש. דובנאָוון גופא און הערט זיך צו צו זיין יעדן וואָרט:

> „פון יונגע יאָרן — שייבט דובנאָוו — געדענק איך דאָס ערשטע ביכל זשיטלאָווסקיס, „געדאַנקען וועגן היסטאָרישן גורל פונעם יידנטום" (1887). איך בין דעמאָלט געווען „קריטיקוס" אין „וואָסכאָד" און האָב דאָס ביכל רעצענזירט. די רעצענזיע איז געווען ניט גינסטיק... עפּעס איז דאָרטן געווען וועגן דער אַלטער סעקטע איסיים, וואָס דער יונגער סאָציאַליסט האָט אַרויסגעשטעלט אַלס רעוואָלוציאָנערן מוסטער פאַרן יידישן „הענדלער־פאָלק". ס'איז קאָנטיק געווען, אַז דער יונגערמאַן זוכט אַ וועג פאַר זיינע רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען און האָט אים נאָך נישט געפונען..."

ש. דובנאָוו דערציילט ווייטער, אַז ערשט איצט, אין 1927, האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט צו לייענען די דריי בענד פון דר. זשיטלאָווסקין. „ערשט איצט — שרייבט ש. דובנאָוו — הויב איך אָן צו פאַרשטיין זיין

*) דער אַרטיקל איז איבערגעדרוקט אין „יידישע קולטור", נומ' 4, 1944.

אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע און איר דרייסיק־יאָריקע אַנט־וויקלונג...״

און באַזונדערס וויכטיק זיינען די שורות פון ש. דובנאָוו וועגן זשיט־לאָווסקיס ביכל „אַ ייד צו יידן״, וואָס ח. ליבערמאַן האַלט עס אין איין טרייבערן אויף צענדליקער זייטלעך און פאַר וועלכן ער רופט אָן דר. זשיט־לאָווסקין מיט די געמיינסטע ווערטער.

שמעון דובנאָוו שרייבט:

> „איך לייען איצט אויפמערקזאַם די ערשטע אויסלענדישע בראָשור זשיטלאָווסקיס, „אַ ייד צו יידן״, וואָס איז אַרויס אין 1892 (זע באַנד 6, ז״ז 13—55) . . . מיט פרייד דעק איך אויף דעם ערשטן סאָציאַ־ליסטישן פּראָטעסט קעגן אַסימילאַציע, קעגן דעם אַריינדרינגען פון דער עמאַנסיפּירטער אָדער פאַר עמאַנסיפּאַציע־קעמפנדיקער יידישער אינטעליגענץ אין פרעמדע נאַציעס.
>
> „רעדנדיק וועגן די מיליאָנען רוסישע יידן, זאָגט דער מחבר (ח. זשיטלאָווסקי — נ. מ.), אַז זיי זיינען ניט פיר פּראָצענט פונעם אַרומיקן פאָלק, נאָר „הונדערט פּראָצענט פון זיך אַליין, דאָס הייסט אַ פאָלק פאַר זיך.״ ער מוסרט די יידישע רעוואָלוציאָנערן פאַר זייער איב־דיפערענטיזם צום אייגענעם פאָלק און רופט צו „ווידעראויפלעבונג פון דעם יידישן פאָלק אויף די יסודות פון ערד־אַרבעט אין רוסלאַנד.״ (ש. דובנאָוו, ז 53.)

חיים ליבערמאַן זאָגט וועגן דעמזעלבן ביכל, אַז „פון סאַמע אָנהויב איז ער, זשיטלאָווסקי, אַרויסגעטראָטן מיט אַ טעאָריע, אַז די יידן אין רוס־לאַנד דאַרפן ניט און זאָלן ניט קריגן קיין גלייכע בירגערלעכע רעכט אין לאַנד״ (ז׳ 4). און חיים ליבערמאַן, ווי אַ געניטער „צושטעלער״ פונעם קיצלדיקן שטאָף אין „פאָרווערטס״, מאַכט עס גאָר וואוילינגעריש. אָפּ־געטאָקט דעם ליגן, גיט ער צו: „דאָ בלייב איך שטיין אויף אַ ווילע.״

פאַרוואָס? און ער מאַכט אַ פרום פנים און זאָגט: „איך בלייב דאָ שטיין, ווייל איך וויים, אַז מ׳מוז געבן אַ מענטש צייט צו קומען צו זיך פון איבעררעשונג. הערנדיק, אַז אַ ייד זאָל אַרויסטרעטן קעגן דער גלייכ־באַרעכטיקונג פון יידן.״

און אַז דער מענטש, דער לייענער, איז שוין געקומען צו זיך און שוין אַראָפּגעשלונגען דעם ערשטן גראָבן ליגן, גייט חיים ליבערמאַן ווייטער און בראָקט און באַקט נייע ליגנס.

אָבער לאָמיר בעסער הערן וואָס שמעון דובנאָוו זאָגט ווייטער וועגן דר. חיים זשיטלאָווסקין. לכתחילה, זאָגט ער, „פעלן נאָך די קאָנקרעטע פאָרמען״ פון דער יידישער „נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג״. צום לעצטן

פרינציפ איז זשיטלאָווסקי דערגאַנגען נאָך דעם קריטישן יאָר 1897, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין אונדזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג בכלל (פּאָליטישער ציוניזם, קולטור־נאַציאָנאַליזם, „בונד"). און אַזוי פאָלגט נאָך שמעון דובנאָוו די אויסקריסטאַליזירונג פון זשיטלאָווסקיס אידייען און פאָדערונגען. און ס'איז מערקווירדיק ווי שמעון דובנאָוו קאָרעגירט דר. חיים זשיטלאָווסקין אין זיין דערמאָנטן אַרטיקל:

„... ס'איז כראָנאָלאָגיש ניט ריכטיק זשיטלאָווסקיס פראַזע (ב' 5, ז' 51): „אַנשטאָט נאָר בירגערלעכע גלייכע רעכט, וואָס די בור־זשואַזיע האָט אויך געפאָדערט, האָבן די יידישע סאָציאַליסטן אויפ־געשריבן אויף זייער פאָן „נאַציאָנאַלע" גלייכע רעכט מיט אַלע פעל־קער".

און ש. דובנאָוו באַטאָנט, אַז דאָס איז בעיקר דר. זשיטלאָווסקיס פאָרדינסט:

„נאָר איין איינציקער יידישער סאָציאַליסט האָט דאָס אויפגעשריבן אויף זיין פאָן — נאָר זשיטלאָווסקי אַליין."

אָט וואָס ש. דובנאָוו האָט געזאָגט וועגן זשיטלאָווסקין!

ביים פעלשער ח. ליבערמאַן הייסט עס: „אין יענער צייט — אין אָט אַזאַ צייט! — איז עס זשיטלאָווסקי אַרויס מיט זיין אַגיטאַציע קעגן יידישער גלייכבאַרעכטיקונג", און נישט אומזיסט, הייסט עס, האָט אים ש. דובנאָוו גלייך „געפּאַקט" און אויף אייביקע צייטן אָפּגעשטעמפּלט „יידישער אַנטי־סעמיט".

אָבער שמעון דובנאָוו האָט נאָך אין 1927, ווען ער האָט אויפמערקזאַם געלייענט די געזאַמלטע שריפטן פון דר. ח. זשיטלאָווסקי, ניט געלייענט די „אויסטייטשונגען" פון ח. ליבערמאַן מיט די צוגעזאַלצענע און צוגעפעפערטע פּירושים און צוגאָבן פון הלל ראָגאָף און אַב. קאַהאַן...

אַ סימן האָט איר — שמעון דובנאָוו ענדיקט זיין אַרטיקל צו דר. ח. זשיטלאָווסקיס יובל מיט די פייערלעכע ווערטער:

„... מיר גלויבן, אַז דער, וואָס האָט אין די פינצטערע יאָרן פון אַסימילאַציע אַרויסגעשטעלט אונדזער נאַציאָנאַלע פאָן, וועט זי ברייטער פאַנאַנדערוויקלען נאָך דעם זיג פון דעם גרויסן וועלט־פּרינציפּ: „רעכט פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן"..."

דאָס איז אָבער נאָך ווייט ניט אַלץ, וואָס די „טראַגיקע" האָט זיך דער־לויבט צו טאָן מיט דר. חיים זשיטלאָווסקין און מיט שמעון דובנאָוון. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן נאָך אויף אייניקע פּונקטן, וואָס ווערן אין דעם ביכל

פון ח. ליבערמאַן און אין די צוויי פּאַסקווילן פון אב. קאַהאַן און הלל ראָגאָף באַרירט.

הלל ראָגאָף גיט אַרויס אַזאַ שיינע הסכמה חיים ליבערמאַנען:

„חיים ליבערמאַן האָט געמאַכט אַ נוצלעכע אַרבעט אויף אַ גלענצנדיקן אופן. זיין בוך איז אַ העכסט־וויכטיקער בייטראַג צו דער געשיכטע פון יידישע באַוועגונגען און יידישער זשורנאַליסטיק אין די לעצטע פופציק יאָר."

איין קלייניקייט!

וועלן מיר טאַקע זען אויף ווי ווייט די „נוצלעכע אַרבעט" איז טאַקע געמאַכט געוואָרן „אויף אַ גלענצעדן אופן". אָבער קודם כל לאָמיר באַטראַכטן דעם סטראַטעגישן צוריקטריט, וואָס ח. ליבערמאַן האָט איצט געמאַכט, נאָך דעם ווי מיר האָבן אים געכאַפּט ביי דער גנבה און גזלה.

3.

ניט אַלע רעאַגירן גלייך, אויפן זעלבן שטייגער, ווען מען כאַפּט זיי ביי דער האַנט. פאַראַן פּשוטע, „געוויסנהאַפטע" „מענטשן מיט פלינקע פינגער". וועגן זיי דערציילט דאָס פאָלקס־ווערטל, אַז מען פּאַקט זיי מיט דער גנבה אין האַנט, טוען זיי אַ גוטמוטיק שמייכל און מורמלען נאַאיוו אַרויס: „קאָלי טוואַיאַ, בערי סאַבי!" (אויב ס'איז דיינס, נעם עס זיך!).

פאַראַן אויך גאַנס־סטראַפּטשעדיקע, כיטרע, אויגן־פאַרגלאָצנדיקע „ליבהאָבער פון פרעמד גוטס". דאָס יידיש ווערטל דערציילט: אַן אורח האָט במחילה אָוועקגעלאָקכנט די זילבערנע לייכטער, און אַז מען האָט אים געפּאַקט, האָט ער געטאָן „גאַטספּאַרכטיק" אַ זאָג, און נאָך מיט חוצפה: „אַ מצווה אויף איר, אויף דער באַלעבאָסטע! פאַרוואָס גייט זי אין אייגענע האָר?"...

און פאַראַן אַ פּראָפעסיאָנעלער, דורכגעטריבענער, געשיקטער גנב. ווען ער טוט אָפּ אַ מיאוס שטיקל אַרבעט און עס ווערט אַ טומל, מאַכט ער נאָך אַ גרעסערן ליאַרעם און נעמט שרייען גאָר: „כאַפּט דעם גנב!" און אין דעם געלאַף, אינעם גערויש, שטעקט ער דערוויל אַריין די האַנט אין אַ פרעמדן טאַש און באַגייט אַ נייע גנבהלע...

לייענעדיק די, משטיינס געזאָגט, „דערקלערונג", וואָס חיים ליבערמאַן איז געצוואונגען געווען צו געבן נאָך אונדזער אָפּן שטעמפּלען אים און אב. קאַהאַנען און הלל ראָגאָפן, אַז זיי האָבן אויסגעטראַכט „אַ געמיינעם, מיאוסן ליגן", „אַ נידערטרעכטיקן שקר־בלבול", ניט נאָר אויף דר. חיים זשיטלאָווסקי, נאָר אויך אויף פּראָפ. שמעון דובנאָוו — לייענעדיק זיין „ציכטיקע" דערקלערונג אין „פאָרווערטס", האָב איך געטראַכט: צו וועלכן מין פון

די דערמאָנטע דריי קאַטעגאָריעס קאָן מען נאָך דעם אַלעמען צורעכענען חיים ליבערמאַנען?

איך שטעל מיך פאַר דעם וויסטן צושטאַנד פון אַ מענטשן, ווען מ׳דער־ווייזט עפּנטלעך, אַז ער איז באַגאַנגען אַ שווינדל, אַ פעלשונג. און איך שטעל מיר אויך פאָר ווי ס׳זעען אויך אויס די וואָס די האָבן זיינע באַהויפּטונגען אָנגענומען פאַר גוט־געלט, און אויף זייער יסוד (יעסאָד, פונדאַמענט) האָבן זיי גענומען בויען און בויען נאָך און נאָך הפקר־באַשולדיקונגען קעגן זשיטלאָווסקין. איצט האָבן זיי געוויס טענות צו ליבערמאַנען — ניט פאַר דער פעלשונג, נאָר פאַרוואָס ער האָט אַזוי ניט־פּראַקטיש אָפּגעטאָן דאָס „שטיקל אַרבעט״, אַז מ׳האָט אים גלייך „געדעקט״...

איז דער פעלשער אַרויס מיט אַ דערקלערונג...

טאָ זעט די פאַרשטאַכענע אויגן. ער ענטפערט ניט פשוט און קלאָר אויף אונדזער אַפּלייקענונג און פעסטשטעלונג, אַז „קיינמאָל האָט דר. ח. זשיטלאָווסקי אין ערגעץ ניט געשריבן, אַז ש. דובנאָוו האָט אים אָנגערופן „יידישער אַנטיסעמיט״, — פשוט דערפאַר, ווייל ש. דובנאָוו האָט עס קיינ־מאָל ניט געזאָגט און ניט געשריבן!״

ח. ליבערמאַן האָט ניט וואָס צו ענטפערן דערויף. ווייל עס איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך, אַ בייזוויליקע פאַרלוימדונג. און כדי זיך צוצודעקן לאָזט זיך ליבערמאַן אויף נייע געמיינע פאַרלוימדונגען.

ער מאַכט עס כלומרשט „פיין״ און „לייטיש״: ער ציט צוריק זיין אומ־געלומפּערטע פעלשונג — ניט ווייל מ׳האָט אים צוגעדריקט צו דער וואַנט, נאָר ער מאַכט „די אויסבעסערונג״, ווי ער שרייבט, צוליב „היסטאָרישער פּינקטלעכקייט״... אינמיטן דרינען איז ער געוואָרן אַ געוואַלדיקער אָפּ־היטער און זאָרגער פון היסטאָרישער פּינקטלעכקייט... ער... דערביי גיט ער צו אַ חנעוודיק עקל: „כאָטש קיין אונטערשייד איז דערביי ניטאָ.״

וואָס מיינט עס — עס איז ניטאָ קיין אונטערשייד? איז עס טאַקע הפקר אַ וועלט? קאָן מען טאַקע זיך אַזוי וואַרפן מיט די מיאוסטע און עקלדיקסטע אינסינואַציעס קעגן דר. זשיטלאָווסקין און שמעון דובנאָוון — און גאָרנישט??!

דער „תכשיט״ ח. ליבערמאַן האָט אין זיין געצוואונגענער „דער־קלערונג״ זיך דערלויבט אויף אַ שפּאָגל נייער פעלשונג. ער כאַפּט ווידער אַרויס אַ פּאָר שורות ביי זשיטלאָווסקין, אָן די שורות פאַר דעם און אָן די שורות נאָך דעם, און מאַכט אַ נייעם בלבול אויף זשיטלאָווסקין. אַזוי ווי מיר האָבן אָפּגעשלאָגן זיין פעלשונג וועגן זשיטלאָווסקיס „אַנטיסעמיטיזם״, נעמט ער אַ פּאָר שורות פון זשיטלאָווסקין גופא און ברייעט אויס, אַז דר. זשיטלאָווסקי האָט זיך גאָר פאַרנומען שוין נישט מיט טרייבן אַנטי־סעמי־טיזם, ווי גאָר מיט שמד־פּראָפּאַגאַנדע!

זשיטלאָווסקי באַטאָנט גאַנץ קלאָר אין זיינע זכרונות, אַז זיינע „פּאָר גליענדיקע ווערטער פון זיין היבער אַכטונג צו ישו דעם נוצרי, האָבן גאָר־נישט צו טאָן מיט דער רעליגיעזער זייט פון דער תורה. איך האָב מיך געאינטערעסירט מיט דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער זייט אירער". אַזוי שרייבט זשיטלאָווסקי און ער פירט דערנאָך אויס אַ פּאָר שורות, וואָס חיים ליבערמאַן, דער פעלשער, לאָזט זיי באַוואוסטזיניק אויס:

„פון קיין וואָרט אין מיין שריפט וואָלט מען ניט געקאָנט אַרויס־שלעפן דעם חשד, אַז פאַר מיר איז קריסטנטום אַ רעליגיעזער פּראָבלעם, וואָס קאָן האָבן אַ וועלכן עס איז באַטייט פאַר אונדזער איצטיקן לעבן."

אָט די פּאָר שורות, דעם סוף פון זאַץ, ברענגט ניט ח. ליבערמאַן, פּונקט ווי ער ברענגט ניט נאָך און נאָך וויכטיקע שורות, וואָס זשיטלאָווסקי גיט נאָך די דערמאָנטע ווערטער...

„אַגב, — שרייבט זשיטלאָווסקי, — אין דובנאָווס זכרונות וועגן יענער צייט געפינט זיך אַן אַנדער דערקלערונג. דובנאָוו האָט אין יענער קריטיק געשמיסן אומברחמנותדיק ניט נאָר מיך, נאָר אויך זיך אַליין. אויך ער האָט פריער איבערגעלעבט אַ פאַרפרעמדונג פון דער יידישער וועלט. אַ האַרבע טענה צו איר, פאַרוואָס זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אין די וועגן פון דעם פריידענקער אוריאל אַקאָסטאַ. אין מיר האָט ער געזען דעם זעלבן ראָמאַנטיש־יוגנטלעכן פּראָטעסט אַנטקעגן דער יידנשאַפט, פאַרוואָס זי האָט ניט געוואָלט גיין אין די וועגן פון די איסיים... האָט דעם רבינס קאַנטשיק אויף מיר געפּאַסעוועט אָט־די ראָמאַנטיש־יוגנטלעכע שווערמעריי."

אָט אַזוי זעט אויס דער בייער ליגן פון ח. ליבערמאַנען און די נייע אינסינואַציע, — אַז „מען מוז סיי ווי באַוואונדערן דעם שאַרפן חוש פון דובנאָוון, וואָס שוין אין דער ערשטער שריפט זשיטלאָווסקיס האָט ער דערפילט זיינע נייגונגען צום קריסטנטום".

און ער גיט צו, דער פעלשער, אַז „אין מיין בוך האָב איך טאַקע אַ גאַנצן קאַפּיטל וועגן זשיטלאָווסקיס לערעס פון שמד".

ח. ליבערמאַן, נאָך דעם ווי ער האָט געכאַפּט איבער די הענט פאַר זיין שוואַרץ־קינצלעריי מיט זשיטלאָווסקיס ווערטער, נאָך דעם ווי ער מוז דערקלערן, אַז ער האָט געפעלשט, האַקט ער ווידער נייע געמיינע ליגנס. ער ברענגט עטלעכע שורות פון זשיטלאָווסקין, וועגן דעם געמיינשאַפטלעכן פּונקט צווישן זיין איינשטעל און דעם אַנטיסעמיטישן, אָבער באַלד מאַכט דר. חיים זשיטלאָווסקי אָט די וואָרנונג: „נאָר — ציט אויף! אויך דאָ איז

דער מענטש ניט קיין גאַנז, הגם ביידע האָבן צו צוויי פּיס. אויך דאָ איז פאַראַן אַ „שטיקעלע" אונטערשייד צווישן מיין איינשטעל און דעם אַנטי־סעמיטישן: דער זעלבער אונטערשייד וואָס צווישן האַס און ליבע."

דר. ח. זשיטלאָווסקי פאַרענדיקט דעם זאַץ: „איך וויל, אַז מיין פאָלק זאָל זיין אַ נאָרמאַל פאָלק, אַ געזונט פאָלק, אַ גאַנצער אָרגאַניזם, ניט קיין צעדריבלטער נערוו אין דעם אַנדערנס קנאָכן און מוסקולן." (ז' 153, ב' 3.)

און הערט נאָר מיט וואָס פאַר אַ חוצפּה און הפקרות ה. ליבערמאַן, וואָס איז מיאוס דורכגעפאַלן מיט זיין ניט־געראָטן שטיקל אַרבעט, — הערט נאָר מיט וואָס פאַר אַ מיאוסקייט ער ענדיקט זיין געצוואונגענע „דערקלערונג":

> „מיר (!!!) װעלן מער ניט דערלאָזן, אַז מען זאָל מטמא (מעטאַמע) זיין די יידישע שפּראַך מיט שמד־פּראָפּאַגאַנדע, און פאַרמיסטיקן די יידישע גאַס מיט שרייבעכצן, אַז יידן זיינען „בלוטזויגערס", „פּאַראַזיטן", „אָקטאָפּוסן" און „ווערים", ווי זשיטלאָווסקי האָט עס אַ לעבן לאַנג געטאָן."

ווי געפעלט איך אַזאַ מין פאַרשוין?!

ער — ער, דער פאַרלוימדער, דער פעלשער, דער פאַרקריפּלער, — ער נעמט זיך שוין גאָר אָן די קריוודע פון דער יידישער שפּראַך! דר. ח. זשיטלאָווסקי, דער גרויסער דענקער און הערלעכע פּערזענלעכקייט, — דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט מטמא געווען די יידישע שפּראַך און ה. ליבערמאַן וויל עס ניט דערלאָזן!

אַז אָך און וויי צו אַזעלכע מיני פאַרזאָרגער!

4.

וועגן ירבעם בן נבט — דעם ווילדן הערשער אין די צייטן פון די יידישע מלכים — ווערט געזאָגט, אַז ער איז געווען ערגער פון ערגער. פאַרוואָס? ווייל ער איז געווען אַ חוטא ומחטיא את הרבים, — ער אַליין האָט געזינדיקט, געדינט עבודה־זרה און נאָך געצוואונגען אַנדערע צו זינדיקן, צו דינען עבודה־זרה.

אב. קאַהאַן איז אין דער יידישער גאַס, אין דער יידישער פּרעסע אָט־דער ירבעם בן נבט, — ער אַליין באַלעקט זיך פון זינד, פון שונד, פון הפקרות און ער מאַכט אַזוי, אַז אויך אַנדערע זאָלן זינדיקן. אויף זיין געוויסן ליגן געננוג פאַרפירטע, פאַרדאָרבענע שרייבער און טוער. און ער האָט אַ מין סאַדיסטישע הנאה צו כאַפּן יונגע נפשות, אומבאַרירטע, אומבאַפלעקטע, און זיי מטמא זיין, פאַראומרייניקן זיי.

מען קאָן אויסרעכענען אַ לאַנגן צעטל פון טאַלאַנטפולע שרייבער, פון

ערלעכע מענטשן, וואָס אב. קאַהאַן האָט זיי אַריינגענומען אין זיינע לאַפּעס און געמאַכט פון זיי דעם אמתן „טאַלק".

וואָס דאַרף מען אַ סך? לייענט איבער זיין איין אַרטיקל, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט וועגן ח. ליבערמאַנס ביכל־פּאַסקוויל און וועגן דעם רעצענזיע־אָנפאַל פון זיין לייב־קנעכט, הלל ראָגאָף — לייענט איבער בלויז אָט דעם אַרטיקל, כדי אב. קאַהאַן, אָט דער ירבעם בן נבט, זאָל פאַר אייך אויפשטיין אין זיין גאַנצער אומגעלומפּערטקייט, הפקרות און ציניזם.

חיים ליבערמאַן, דער טעלער־לעקער ביי חסידישע רביים, דער „בעל־תשובה", מישטיינס געזאָגט, דער צבועקישער פּרומאַק, האָט אָפּגעדרוקט דאָס ביכל וועגן זשיטלאָווסקין אין אַ פאַר הונדערט קאָפּיעס, און דאָס ביכל וואָלט געבליבן ליגן ווי אַלע ליבערמאַנס שרייבעכצן, וואָס קיינער נעמט זיי נישט ערנסט. אָבער ווען אב. קאַהאַן האָט דערשמעקט דעם אויר (אָווער), וואָס שלאָגט פון דעם, האָט ער דערפילט, אַז מען קאָן מאַכן דערפון אַ „דזשאָב".

עפּעס אַ קלייניקייט? — אַזוי פיל יאָר האָט דר. חיים זשיטלאָווסקי געטרייסלט זיין טראָן און פאַרמינערט זיין אָנזען און חשיבות אין די אויגן פון די יידישע מאַסן; אַזוי פיל יאָרן האָט דר. ח. זשיטלאָווסקי באַוויזן זיינע, אב. קאַהאַנס, שמד־שטיק! איז אב. קאַהאַן געווען זיכער, אַז עס איז איצט געקומען די העכסטע צייט זיך אָפּצורעכענען מיט זיין שטאַרקן קעגנער, מיט זיין שונא.

אב. קאַהאַן אַליין זאָגט וועגן זיך אין זיין אַרטיקל אַ שטיק אמת. ער, וואָס האָט זיך דערצויגן די לעצטע צענדליקער יאָרן אויף זיין „פּאָטייטאָ"־שפּראַך, איז, נעבעך, געוואָרן שטומפּיק אויף עפּעס בעסערס און ערנסטערס. אב. קאַהאַן דערציילט אָט וואָס אין זיין אַרטיקל „זשיטלאָווסקי — אַן אומ־אנגענעמער פראַגע־צייכן:

„אין זיין, זשיטלאָווסקיס, שפּראַך פלעגט ער אימער (שטענדיק, תמיד — נ. מ.) געברויכן אַ סך „הויכע ווערטער", וועלכע דער דורכ־שניטלעכער יידישער לעזער אָדער צוהערער הויבט ניט אָן צו פאַר־שטיין. זייער אָפט פלעג איך אויך ניט פאַרשטיין. פון דעם פלעג איך ווערן אויפגעבראַכט."

דאָ האָט אב. קאַהאַן זיך אַרויסגעגעבן אַן אַטעסטאַט פון זיין „הויכער" קולטור. טויזנטער פאָלקס־מענטשן פלעגן פאַרגאַפּטע און באַגייסטערטע הערן דר. ח. זשיטלאָווסקיס לעקציעס, רעפעראַטן. צענער טויזנטער לייענער האָבן זיך געקוויקט מיט דר. ח. זשיטלאָווסקיס אַרטיקלען און ביכער, נאָר אב. קאַהאַנס געשמאַק איז שוין געווען אַזוי פאַרדאָרבן, אַז ער האָט שוין נישט פאַרשטאַנען, וואָס זשיטלאָווסקי רעדט, און דערפאַר איז ער געווען אויף אים אַזוי שטאַרק אויפגעבראַכט.

מיר „פילן"־מיט אב. קאַהאַנען!

עס איז מערקווירדיק, וואָס אב. קאַהאַן, וועלכער איז גוט באַקאַנט מיט זיין פאַרקריפּלטער, אומגעלומפּערטער, צעקאַליעטשעטער יידישער שפּראַך (מיט זיין יעדן אַרטיקל, וואָס ער שרייבט אָן, טראַגט מען זיך אַרום אין די שרייבערישע קרייזן ווי מיט אַ קוריאָזיטעט), — אב. קאַהאַן רעדט וועגן דר. ח. זשיטלאָווסקין, אָט דעם ליכטיקן קאָפּ און פּרעכטיקן שפּראַך־ און סטיל־מייסטער, מיט אַזעלכע ווערטער:

„פון פּערזענלעכע דערפאַרונגען מיט אים אין פאַרלויף פון פילע יאָרן, און הויפּטזאַכלעך פון מיין נאָכפאָלגן זיין קאַריערע די לעצטע עטלעכע יאָר, בין איך טיף איבערצייגט, אַז די געדאַנקען, וואָס ער האָט אויסגעדריקט כלומרשט, האָבן ניט געהאַט מער ממשות, ווי נאַרישע פּלאַפּלעריי פון אַ צעמישטן, טעמפּן מוח און פון אַ מענטשן וועמען עס פעלט אויפריכטיקייט."

און מיינט איר אפשר, אַז אב. קאַהאַן איז „געקומען צום שכל" ערשט דאָ נישט לאַנג? — אַ, ניין! ער דערציילט, אַז

„צו דער זעלבער צייט (?) בין איך שוין פון אַ יאָר פערציק איבער־צייגט, אַז אויב זשיטלאָווסקי האָט געהאַט אַנהענגער, זיינען זיי דאָס געווען אויף אַן אויבערפלעכלעכן, דרויסנדיקן שטייגער. איך בין אַבסאָלוט געווען דורכגעדרונגען מיט דער מיינונג (ווי געפעלט אייך דער לשון? — נ. מ.), אַז די צאָל פון די, וואָס לעזן זיינע אַרטיקלען און פאַרשטייען זיי און געפינען זיך אונטער זייער איינפלוס, איז זייער־זייער קליין. איך האָב געהאַט הונדערטער און הונדערטער באַווייזן."

אויב אַזוי, אויב דאָס זאָל זיין אמת, פאַרוואָס זשע האָט דער אַרבעטער־רינג, די „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאָן, דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַר־באַנד, דער שטאָטישער קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג, און נאָך און נאָך אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס שטענדיק געווען אין יובילײ־קאָמיטעטן פאַר דר. חיים זשיטלאָווסקין, איינגעשלאָסן דעם יובילײ־קאָמיטעט פאַר דר. חיים זשיטלאָווסקי אין 1935, ווען זשיטלאָווסקי איז אַלט געוואָרן 70 יאָר?

נאָך מער: נישט נאָר אָט די אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך פייערלעך און אַקטיוו באַטייליקט אין די פאָלקס־יום־טובים פון דר. זשיטלאָווסקי, נאָר אויך אב. קאַהאַן אַליין, און הלל ראָגאָף, און נאָך פּראָמינענטע „אב. קאַהאַן־מענטשן" האָבן גענומען אַן אַנטייל אין די יובילײ־פייערונגען.

אויב אב. קאַהאַן און זיין משרת הלל ראָגאָף האָבן „אימער" געוואוסט, ווי פאַלש און געפערלעך און שעדלעך עס איז דאָס שרייבן און דאָס רעדן, און די גאַנצע אַקטיוויטעט פון דר. חיים זשיטלאָווסקי, פאַרוואָס זשע האָבן זיי אַליין מיטגעהאָלפן די פּאָפּולאַריטעט פאַר דר. זשיטלאָווסקין?

מיר וועלן נישט גיין ווייט, מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף די פייערונגען פון יאָר 1935, איינגאַנצן מיט ניין יאָר צוריק. דער „פאָרווערטס" און אַלע זיינע אָנגעזעענע פירער און שרייבער האָבן זיך באַטייליקט, אַקטיוו באַטייליקט, אין די אַלע יובליי־אַרבעטן. מיר טרעפן אַ באַגריסונג פון דער „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאָן אויף אַ גאַנצער זייט, צו זשיטלאָווסקין, און אַ גאַנצע זייט־באַגריסונג פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון אַרבעטער־רינג, וואו מען באַגריסט „האַרציק דעם בעל־היובל און מען ווינטשט אים לאַנגע יאָרן צו לעבן און קעמפן פאַר דער דערהויבונג פון די אַרבעטער־מאַסן און פאַר זייער באַפרייאונג". עס זיינען געחתמעט: י. וויינבערג, פּרעזידענט, י. באַסקין, סעקרעטאַר. עס באַגריסן זשיטלאָווסקין די אַלע לאָקאַלן פון „דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן" און מען ווינטשט אים „פיל יאָרן פון לעבן און פּרוכטבאַרער טעטיקייט". עס באַגריסט אים די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון דער אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן און מען ווינטש אים לאַנגע יאָר, און עס איז געחתמעט דער פּרעזידענט דוד דובינסקי; די יידישע אַקטיאָרן יוניאָן באַגריסט „דעם וועטעראַן פון מאָדערנעם יידישן געדאַנק און קעמפער פאַר מענטשלעכער באַפרייאונג, דר. ח. זשיטלאָווסקי", און עס איז געחתמעט ראובן גוסקין, דער פיל־מאָל־געוועזענער און איצטיקער פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג.

ב. וולאַדעק האָט געשריבן דאָן, אין 1935, צווישן אַנדערן, אָט וואָס: „דר. זשיטלאָווסקי איז אַ טייל פון אונדזער קולטור־געשיכטע פאַר כמעט אַ האַלב־יאָרהונדערט. אָבער נישט נאָר איז ער איר פאַרטרעטער, נאָר אויך אין אַ גרויסער מאָס איר שאַפער... דר. זשיטלאָווסקיס ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק איז אומגעפער דאָס זעלבע ווי פון סאָקראַטעס ביי דעם געבורט פון פילאָסאָפיע. נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס סאָקראַטעס האָט מער געפרעגט און דר. זשיטלאָווסקי האָט מער געענטפערט."

און דער אַרבעטער־רינג פירער י. באַסקין, דער גענעראַל־סעקרעטאַר, האָט געשריבן אין זיין גרעסערן אַרטיקל אָט וואָס: „דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט פאַרבונדן זיין גאַנצע טעטיקייט מיט דעם שיקזאַל פון די יידישע מאַסן און פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק; זיינע בעסטע טעטיקייטן האָט ער געווידמעט און ווידמעט נאָך היינט צו טאָג אָט דעם פּראָבלעם, אָט דער שווערער אויפגאַבע פון לייזן די אייביקע רעטעניש, פאַנאַנדערבינדן אָט־דעם פאַרפּלאָנטערטן קנויל, וואָס די געשיכטע האָט צוזאַמענגעבונדן צווישן דעם נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם."

און י. באַסקין זאָגט ווייטער: „עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, אַז פאַר זשיטלאָווסקין דעם דענקער, דעם אינטערנאַציאָנאַליסט, זיינען פון

גרויס וויכטיקייט די אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון דעם סאָציאַליסטישן אינ־טערנאַציאָנאַל. אָבער אַלס נאַציאָנאַלער ייד גייט ער אויף קיין איין מאָמענט ניט אַוועק פון די אַלע פּראָבלעמען, וואָס רירן אָן דאָס לעבן און דאָסווירקן פון די יידישע מאַסן."

י. באַסקין באַטאָנט: „צו זיין 70טן געבורטסטאָג איז ער, זשיטלאָווסקי, פּונקט אַזוי אַקטיוו, רופט זיך אָפּ אויף יעדער זאַך, וואָס רירט אָן די יידישע פּראָבלעמען, ווי ער האָט דאָס געטאָן אין זיינע יונגע יאָרן."

אב. קאַהאַן זאָגט, אַז זשיטלאָווסקיס „גאַנצע געזעלשאַפטלעכע טעטי־קייט, זיין שרייבן און זיינע „לעקטשורס" קאָנען נאָר אַריינברענגען אַ טומל אין די מוחות און שאַפן מער שאָדן ווי נוץ". אָבער י. באַסקין האָט גאָר אַן אַנדער מיינונג וועגן זשיטלאָווסקיס טעטיקייט, און אַפילו — אין די ראַמען פון אַרבעטער רינג. ער שרייבט:

> „מען טאָר ניט אויסלאָזן דעם פאַקט, וואָס אויך אין דעם אַרבע־טער־רינג האָט זשיטלאָווסקיס שטעלונג צו יידישע פּראָבלעמען און פראַגן געהאַט אַ זייער שטאַרקן אָפּקלאַנג. מ'קאָן זאָגן, אַז אין דער שאַפונג פון אונדזערע אַרבעטער־רינג שולן האָט זשיטלאָווסקי געהאַט אַ גאַנץ שטאַרקע האַנט. ווען איך האָב געהאַט די ערע אַריינצוטרעטן אַלס באַאַמטער אין אַרבעטער־רינג, איז דער נאָמען זשיטלאָווסקי געווען זייער פּאָפּולער, ווי איינער פון די הויפּט קולטור־טוער און פירער אין אונדזער אָרגאַניזאַציע. איבערהויפּט האָט ער זיך אויס־געצייכנט ביי דער 15־יאָריקער קאָנווענשאָן פון אַרבעטער־רינג מיט זיין פאַרטיידיקן דעם פּלאַן צו שאַפן יידישע שולן אין אַרבעטער־רינג."

איך האָב בכיוון געבראַכט אַ ריי אָפּרופן און מיינונגען פון אב. קאַהאַנס נאָענטע מענטשן, פון די אַרבעטער־רינג פירער, פון די „פאָרווערטס"־טוער, כדי צו ווייזן וויפיל אמת און האָפט עס איז דאָ אין אב. קאַהאַנס איצטיקע שרייבעכצן, אַז „איך האָב אויך די גאַנצע צייט (זינט פערציק יאָר — נ. מ.) געוואוסט, אַז מייסטע פון די וואָס האַלטן זיך פאַר זיינע אָנהענגער זיינען ענטוועדער זייער נאַאיווע, אומוויסנדע מענטשן, אָדער זייער ניט קיין אויפריכטיקע מענטשן."

אַ שיינעם אַטעסטאַט גיט אב. קאַהאַן אַרויס זיינע מיטאַרבעטער און מיטקעמפער!

און אַז מען רעדט שוין וועגן אב. קאַהאַן און זיין פינצטערער ממשלה און זיין צעברעכערישע, צעשטערערישע ראָלע אינעם יידישן לעבן, און זיין סאַדיסטישן ווילן זינט יאָרן און יאָרן צו באַקעמפן און צו פאַרניכטן יעדן ליכטיקן און לויכטנדיקן גייסט, — אַז מען רעדט שוין וועגן דעם,

לאָמיר ברענגען אַ פּאָר שורות פון אַן אַרטיקל, וואָס דער באַוואוסטער יידישער שרייבער ה. ד. נאָמבערג האָט געשריבן אין 1912, צוריק מיט 32 יאָר, אין דעם וואַרשעווער „היינט".

ה. ד. נאָמבערג איז דאַן געווען אין אַמעריקע, און ווי באַקאַנט — „אַ גאַסט אויף אַ ווייל, זעט אויף אַ מייל".

אין אַ לענגערן באַגייסטערטן אַרטיקל וועגן דר. זשיטלאָווסקי שרייבט ער אַט די טרעפלעכע און ריכטיקע ווערטער:

„. . . דאָס רעדל פירן די „פּאָליטישענס". די פּאַרדאַרבנקייט זיצט אויבן־אָן און פירט כלומרשט די ממשלה. ס'איז אַ דיקטאַטור פון געוויסנלאָזיקייט, וואָס הערשט איבער דעם ראַדיקאַלן לאַגער פון איסט־סאַיד, און די דיקטאַטור האָט שוין לאַנג פּאַראורטיילט זשיטלאָווסקין צו פאַרניכטן, נאָר דער ביסן איז געווען צו־האַרט, און זשיטלאָווסקי איז געבליבן זשיטלאָווסקי, און דער עיקר — זיין השפּעה איז געבליבן נישט אויסגעראָטן און דאָס לעבעדיקע וואָרט, וואָס ער האָט גערעדט — לעבט."

און נאָך אַ פּאָר שורות פון דעם נאָמבערג־אַרטיקל:

„. . . די אַלטע „אינטעליגענטן" און די „פּאָליטישענס" אויף די פּעטע ערטער האָבן זיך געכאַפּט פאַר די האָר, דערהערנדיק פון אַזאַ מין אַפּיקורסות (ער האָט אַראָפּגענומען דאָס צעטעלע „רעאַקציע" פון דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין), און זיי קאָנען נאָך ביז היינט דערמיט ניט שלום מאַכן און לאָזן אויס זייער כעס אויף דעם שטענדיק גוטמוטיקן און פרידלעך־געשטימטן זשיטלאָווסקי."

און נאָמבערג פירט אויס:

„זשיטלאָווסקי איז פון די זאַכן, וואָס איז אַזוי שווער בייצוקומען!"

די ווערטער זיינען געשריבן געוואָרן מיט צוויי־און־דרייסיק יאָר צוריק, און זיי זיינען אויך אָנגעמאָסטן אויף איצט.

יאָ, די פאַרדאַרבנקייט זיצט אויבן־אָן, עס הערשט איצט נאָך אַלץ דאָרט, אויף איסט־בראָדוויי 175, די דיקטאַטור פון געוויסנלאָזיקייט, וואָס איצט, 32 יאָר נאָך דעם ווי ה. ד. נאָמבערג האָט זי געשטעמפּלט, האָט זי זיך מיט אַ נייעם אימפּעט, מיט נייע „באַוויזע" און „שטוינענדע פאַקטן" ווידער געפּרואווט צו פאַרניכטן זשיטלאָווסקין.

אָבער — ס'איז זיי ניט געלונגען!

די פאַרדאַרבענע און געוויסנלאָזע האָבן זיך מיאוס און שענדלעך קאָמפּראָמעטירט!

„מאָרגן־פרייהייט" און „היים און דערציאונג".

יעקב מילך:

פאַרוואָס שענדן זיי קברים?

די „לייטע" פון דעם באָוואוסטן איסט־בראָדווייער „פעיפּער" האָבן זיך איצט פאַרנומען צו שענדן אויך דעם אָנדענק פון דר. חיים זשיטלאָווסקי.

פאַרוואָס טוען זיי דאָס?

קנאַפּע 40 יאָר איז דר. זשיטלאָווסקי געווען באַרימט ביי יידן פון דער גאַנצער וועלט — ניו־יאָרק און וואַרשע, בוענאָס־איירעס און פּאַריז, מאָסקווע און לאָנדאָן, ירושלים און ווין, יאָהאַנעסבורג און לאָס־אַנדזשעלעס. אומעטום, בכל תפוצות ישראל, האָט געשמט דער נאָמען: דר. חיים זשיטלאָווסקי. איך קען ניט נאָך אַ יידן פון אונדזער צייט, וואָס איז געווען מער באַרימט און מער געאַכטעט ווי ער. און ער האָט עס כשר פאַרדינט. ער איז געווען קלוג און געבילדעט, אַ גרויסער יידישער פּאַטריאָט און אַבסאָלוט ערלעך אין זיין דענקען. דערצו איז ער געווען אַ רעדנער פון „גאָטס גנאָד". קיינער האָט זיך מיט אים ניט געקאָנט פאַרגלייכן אין דעם פּרט. זיין שיינע און קלינגענדיקע שטימע, זיין גרויס וויסן, זיין פיינע און טאַקט־פולע באַנעמונג אויף דער פּלאַטפאָרמע און זיין דרך־ארץ פאַר קעגנער, האָבן אים געשטעלט העכער פון אַלע אַנדערע.

אמת, דער שרייבער פון די שורות האָט ניט אַלעמאָל איינגעשטימט מיט זשיטלאָווסקיס פילאָסאָפישע אויספירונגען, און קיינער האָט אים ניט מער קריטיקירט. איך האָב אים קריטיקירט אין 1906 אין דער „צוקונפט" און אין 1941 אין דער „יידישער קולטור". איך האָב אים קריטיקירט אין זיין אייגענעם זשורנאַל „דאָס נייע לעבן" — אין דעם יובליי־נומער אין 1912, וואָס דוד פינסקי האָט רעדאַקטירט צו דר. זשיטלאָווסקיס 50־יאָריקן יובליי. אָבער דאָס האָט ניט צו טאָן מיט דער זאַך. קריטיקירן מעג מען אַלע מענטשן. קיינער איז ניט געגרעכט 100 פּראָצענט. מען קריטיקירט אַפילו דעם רמב"ם, אַפילו מאַרקסן, און וועמען ניט? אָבער דאָס מוז געטאָן ווערן מיט דרך־ארץ און מיט יראת־הכבוד, ווען מען קומט צו קריטיקירן אַזאַ מענטשן ווי דר. חיים זשיטלאָווסקי. איך האָב אים ניט אויפגעהערט צו קריטיקירן, און אונדזער פריינטשאַפט האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט. איך בין אַלעמאָל געווען זיכער אין זיין ערלעכקייט, און ער האָט אַלע־מאָל געוואוסט מיינע כוונות. מיר האָבן דעריבער אַלעמאָל געאַרבעט צו־

זאַמען אין פאַרשיידענע באַוועגונגען, און איך האָב מיטגעהאָלפן אין דער פייערונג פון די ימים־טובים, וואָס מען האָט געמאַכט פאַר אים — מיט ראָט און טאָט.

זיין גרויסן נאָמען האָט דר. חיים זשיטלאָווסקי געמאַכט אין דער רוסישער שפּראַך. קיינער פון אונדזערע רוסישע אינטעליגענטן — אַפילו ניט יעקב גאָרדין — האָט ניט גערעדט קיין שענערן און קיין פליסיקערן רוסיש. זשיטלאָווסקי האָט אויך געשריבן געלויפיק אויף דייטש, און איז געווען באַקאַנט אין דייטש אַלס שרייבער וועגן — אָדער קעגן — מאַרקסיזם. אָבער ער האָט די דאָזיקע שפּראַכן אויפגעגעבן און האָט זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן צו יידיש. „אויב מיר איז באַשערט אַ ביסל אומשטערבלעכ־קייט", האָט ער געזאָגט, „וויל איך דאָס קריגן פון יידיש און דורך יידיש."

ער האָט דעמאָלט ניט געטראַכט פון די פּאַסקווילן־שרייבער...

איצט איז געקומען אַ פאַרשוין, וואָס איז ניט ווערט מען זאָל דער־מאָנען זיין נאָמען, ווייל ער באַנוצט די דערהויבענע מלאכה פון שרייבן צו פאַרלוימדן דעם שיינעם נאָמען פון דר. חיים זשיטלאָווסקי, מ. אָלגין און אויך אַנדערע. דער דאָזיקער שונד־שרייבער, וואָס שרייבט נאַטירלעך אין „פאָרווערטס", האָט אָנגעשריבן אַ ביכל מיט דעם נאָמען „יידן און יידישקייט אין די שריפטן פון דר. חיים זשיטלאָווסקי".

זאָל מיר גאָט אויסהיטן, איך זאָל זיך באַשעפטיקן מיט דעם דאָזיקן ביכל! עס איז אַ טמא זאַך. אָבער איין פונקט וויל איך פונדעסטוועגן באַרירן.

באַלד אויף דער צווייטער זייט פון דעם דאָזיקן שוואַרצן פּאַסקוויל פאַרגלאָצט דער דאָזיקער פאַרשוין די אויגן און שרייבט:

> „איך זאָג: אַזוי פיל יידן און ניט אַלע יידן צוליב אַ היסטאָרישן אמת, ווייל אין דער אַנדערער זייט האָט זשיטלאָווסקי אויך געהאַט אַ סך אָנהענגער, הייסע חסידים, איבערהויפּט אין זיין גלאַנץ־פּעריאָדע 1908 און 1920. אין יענעם פּעריאָד אין אַמעריקע האָט ער געוויסע קרייזן פון אונדזער אימיגראַנטישער יוגנט געהאַלטן אין אַ כישוף. די רעשטלעך פון די דאָזיקע קרייזן האָבן אויך מיט זייער וואָרט אַרויס־באַגלייט זשיטלאָווסקין; זיי האָבן אים גערופן „דער משה רבינו פון אונדזער דור" (ב. צ. גאָלדבערג אין „טאָג"), אָבער גערעכט איז געווען דער ערשטער צד (דער צד וואָס האָט אים קריטיקירט — י. מ.) און איך בין איבערצייגט, אַז דער צד וועט אויך בלייבן גערעכט פאַר דער געשיכטע."

די דאָזיקע ציטאַטע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פּאַסקוויל־שרייבער: צו זאָגן ליגנס דורך האַלבע אמתן.

דאָס איז כלומרשט געשריבן געוואָרן פֿאַר דעם „היסטאָרישן אמת", כדי די לייענער זאָלן זען ווי „אומפּאַרטייאיש" ער איז אַפילו צו אַ קעגנער. אָבער דער דאָזיקער היסטאָרישער אמת איז באַגלייט מיט פֿאַקטישע, היינט־צייטיקע שקרים.

דער פֿאַרשוין שרייבט: „אין דער אַנדערער זייט האָט זשיטלאָווסקי אויך געהאַט אַ סך אַנהענגער, הייסע חסידים." איז דאָס טאַקע אמת. ווערט אָבער דער אמת באַלד באַגלייט מיט די ווערטער: „איבערהויפּט אין זיין גלאַנץ־פּעריאָדע 1908 און 1920". דאָס איז אַ בפֿירושער ליגן. זשיטלאָווסקיס גלאַנץ־פּעריאָדע האָט אָנגעהאַלטן ביז 1940. זי האָלט אייגנטלעך נאָך היינט אָן.

די „גלאַנץ־פּעריאָדע", הייסט עס, האָט נאָר אָנגעהאַלטן 12 יאָר, פֿון 1908 ביז 1920. און וואָס איז מיט די יאָרן 1904 ביז 1908? אויב מען קאָן רעכענען וועלכע עס איז יאָרן פֿאַר זיין גלאַנץ־פּעריאָדע, איז דאָס די 4 יאָר ביז 1908. זשיטלאָווסקי, ווי איר ווייסט אַוודאי, איז געקומען קיין אַמעריקע צוזאַמען מיט דער „באַבושקאַ" ברעשקאָווסקאַיאַ אַלס רוסישער רעוואָלוציאָנער. זיין קומען אַהער האָט דאָ אין אונדזער לעבן אָנגעמאַכט אַזאַ שטורעם און האָט אַזוי שטאַרק אויפֿגערעגט די געמיטער, אַז אונדזער רעגירונג האָט געמיינט גאָט ווייסט וואָסער געפֿערלעכער מענטש עס איז געקומען, און זי האָט אויסגעקליבן אַ באַוואוסטן יידן, אויף וועמען מען האָט זיך געקאָנט פֿאַרלאָזן אין אמתן אַמעריקאַניזם, דעם רעדאַקטאָר פֿון דעם „אַמעריקאַן היברו", הערמאַן קאָוועז, ער זאָל נאָכשפּיאָנירן זשיטלאָווסקיס רעדעס און באַריכטן צו דער רעגירונג (אַזוי דערציילט מר. הערמאַן קאָוועז אַליין אין זיינע זכרונות).

דער רושם, וואָס זשיטלאָווסקי האָט דעמאָלט געמאַכט אין יידישן לעבן אין אַמעריקע, איז געווען אַזוי טיף, אַז דאָס טעאַטער פֿון דער גרויסער יידישער קינסטלערין, קעני ליפּצין, האָט אים אָנגאַזשירט צו ווערן דער אָפֿיציעלער „צענזאָר" פֿון די דראַמעס וואָס מען וועט שפּילן.

ווייטער, אין 1925 — שוין נאָך 1920 — איז דר. חיים זשיטלאָווסקי אַלט געוואָרן 60 יאָר, און דאָס אַמעריקאַנער יידנטום, אין אַלע שטעט, האָט געפֿייערט זיין 60סטן געבורטסטאָג. און דאָס יידישע פֿאָלק האָט אים צו־געטראָגן אַ מתנה פֿון 40 טויזנט דאָלער, כדי ער זאָל קאָנען פֿאַרברענגען זיינע לעצטע יאָרן אין שטודירן און פֿאָרשן. וועלכער יידישער שרייבער האָט ווען עס איז געקראָגן צוגעטראָגן אַזאַ מתנה? און דאָס איז שוין זעקס יאָר נאָך דעם, וואָס דער פּאַסקוויל־שרייבער רופֿט די „גלאַנץ־פּעריאָדע".

נאָכדעם ווי זשיטלאָווסקי האָט געקראָגן דאָס געלט איז ער אַוועק־געפֿאָרן קיין פֿראַנקרייך, און פֿון דאָרט האָט ער געמאַכט אַ לעקציע־רייזע

איבער פוילן. איז דאָס געווען אַ טריאומף־רייזע. האָבן מיר שוין ניט 12 יאָר „גלאַנץ־פעריאָדע", נאָר גאַנצע 25 יאָר.

ווייטער שרייבט דער בחור צוליב דעם „היסטאָרישן אמת": „אין יענעם פעריאָד אין אַמעריקע האָט ער געוויסע קרייזן פון אונדזער אימיגראַנטישער יוגנט געהאַלטן ממש אין כּישוף."

„אימיגראַנטישע יוגנט"!

לאָמיר זען, ווער איז דאָס געווען די „אימיגראַנטישע יוגנט". י. קאָפּעלאָוו, דר. זאָלאָטאַראָוו, דר. מעריסאָן, דר. קאַפּלאַן, דר. מינץ, דר. עלסבערג, מאַקס ב. מייזעל, (פאַרלעגער, וואָס האָט פאַרעפנטלעכט אַ סך פון זשיטלאָווסקיס שריפטן), ל. מאָיסעיעוו, יצחק אייזיק הורוויטש, מאָריס וויג־טשעווסקי, אַלעקסאַנדער האַרקאַווי און נאָך צענדליקער טויזנטער.

שפּעטער זיינען צוגעקומען: דוד פּינסקי, יואל ענטין, די גאַנצע פּועלי־ציון־באַוועגונג און דער אַרבעטער־רינג און... ווער קאָן דאָס אויסרעכענען אַלץ?

ווייטער שרייבט דער דאָזיקער תּכשיט: „די רעשטלעך פון די דאָזיקע קרייזן האָבן אויך מיט זייער וואָרט אַרויסבאַגלייט זשיטלאָווסקין, זיי האָבן אים גערופן „דער משה רבינו פון אונדזער דור"."

די ווערטער ציטירט ער פון ב. צ. גאָלדבערג אין „טאָג". צוליב פאַר־זיכטיקייט זאָגט ער אונדז ניט ווען דאָס איז געשען. אָבער ב. צ. גאָלדבערג האָט דאָס געשריבן אין 1943, און גאָלדבערג איז ניט פון די „רעשטלעך פון דער אימיגראַנטישער יוגנט". איך ווייס ניט ווי אַלט ב. צ. גאָלדבערג איז היינט. ווען זשיטלאָווסקי איז אַהער געקומען, האָט ער אַוודאי געמוזט זיין דריי יאָר אַלט...

איך האָב שוין באַלד פאַרשריבן מיין גאַנצן אַרטיקל וועגן דעם איינעם פּאַראַגראַף פון דעם „היסטאָרישן אמת". היינט שטעלט זיך פאַר וויפיל וואָלט איך באַדאַרפט שרייבן ווען איך זאָל זיך נעמען צו דעם „היסטאָרישן" שקר זיינעם? וועל איך דאָס מוזן איבערלאָזן, אָבער וואָס מיך אינטערעסירט צום מייסטן: וואָס באַצוועקן די חברה מיט דעם, וואָס זיי ווילן דווקא שענדן דר. זשיטלאָווסקיס קבר? פאַרוואָס וויל דער אַלטער מעפיסטאָפעל — מר. אב. קאַהאַן — צו 84 יאָר דווקא באַווייזן, אַז זשיטלאָווסקי איז געווען אַן אַנטיסעמיט, אַ דומער מענטש, וואַנזיניק און דער שוואַרץ יאָר ווייסט וואָס נאָך קאַהאַן רעדט אין אַרטיקל אין „פאַרווערטס" פון 5טן פעברואַר?

דער ערשטער פּונקט איז: מען דאַרף פאַרשוואַרצן דעם נאָמען פון זשיטלאָווסקין, ווייל זשיטלאָווסקי האָט דאָך פאַרטיידיקט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, און די סאָוועטישע יידן. אָבער דאָס איז ניט אַלץ. ביי דעם אַלטן גאַנער טליעט אַן אַלטע שנאה קעגן דר. זשיטלאָווסקי, וואָס ער קאָן בשום אופן ניט פאַרגעסן.

קאַהאַן דערמאָנט עפּעס אַ מיטינג, וואו ער און זשיטלאָווסקי האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן, אָבער ער „געדענקט ניט" ריכטיק די זאַך...

לאָמיר אים דערמאָנען.

אַרום 1905, ווען דער יידישער קוואַרטאַל אין ניו־יאָרק האָט געקאָכט מיט זשיטלאָווסקיס לעקציעס וועגן — ריכטיקער, קעגן — מאַרקסיזם, האָבן אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטן געפילט, אַז מען דאַרף אים ענטפערן. דר. אינ־גערמאַן, דר. פאָרנבערג און נאָך אַנדערע האָבן פּרובירט. דר. זשיטלאָווסקי האָט זיי אַלעמען צעקלאַפּט. יעקב גאָרדין האָט מיט אים געהאַט אַן אַנדער דעבאַטע און ער איז אויך אַרויס בשן ועין. זייענען די „פאָרווערטס"־חברה צוגעשטאַנען צו קאַהאַנען, ער מוז דעבאַטירן מיט זשיטלאָווסקין און אים פאַרניכטן, ווייל מען מוז ראַטעווען דעם מאַרקסיזם!

וואָס האָט דער אָרעמער קאַהאַן געקאָנט טאָן? איז ער געגאַנגען אויף „קידוש־השם". האָט מען אַראַנזשירט אַ דעבאַטע אויף רוסיש צווישן מר. אב. קאַהאַן און דר. ח. זשיטלאָווסקי. די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ איז געווען אויף דער דעבאַטע. איך בין אויך געווען דערביי. דר. זשיטלאָווסקי האָט גערעדט דער ערשטער. איך בין מיט זיינע אויספירונגען ניט געווען איינשטימיק, אָבער די רעדע איז געווען אַ מייסטערווערק, לויט דער פאָרמע און באַלערנקייט. ער האָט אָנגעהויבן מיט די פראַנצויזישע פילאָסאָפן פון דעם 17טן יאָרהונדערט, נאָכדעם איז ער איבערגאַנגען צו קאַנטן, צו העגעלן און צו מאַרקסן. פון דעם איז ער צוגעקומען צו פּראָפעסאָר הערמאַן קאָהן און האָט באַוויזן דעם „סינטעטישן מאָניזם" קעגן מאַרקסעס מאַטעריאַליזם.

אין זאַל האָט געקאָכט פון דער רעדע. די ווענט זיינען שיער ניט צע־טראָגן געוואָרן פון פּאַטשעריי און טופּעריי. די רעדע האָט מען געמוזט הערן, מען זאָל קאָנען אָפּשאַצן זשיטלאָווסקין אַלס געלערנטן און אַלס אַ רעדנער.

נאָכדעם איז געקומען „טאָוואַרישטש אַבראַהאַם קאַגאַן" (דער חבר אברהם קאַהאַן). ער האָט אָנגעהויבן, ווי ער קאָן, מיט אַ דערציילונג וואָסער גוטער מאַן מאַרקס איז געווען צו זיין ווייב, וואָסער גוטער פאָטער ער איז געווען צו זיינע טעכטער; קיין זין האָט ער ניט געהאַט; ווי אָרעם ער איז געווען, אַז פרידריך ענגעלס האָט אים אַלעמאָל אונטערגעשטיצט מיט געלט; אַז מען האָט מאַרקסן וויפיל מאָל אַרויסגעזעצט פון דער דירה פאַר ניט קאָנען באַצאָלן דאָס דירה־געלט; אַז ער איז פונדעסטוועגן געזעסן גאַנצענע טעג אין בריטישן מוזיי און שטודירט גראָבע, סטאַטיסטישע ביכער א. אַז. וו., און אַז. וו. אַ שטונדע האָט קאַהאַן אַזוי גערעדט. ניט אַ וואָרט פון דעם, וואָס זשיטלאָווסקי האָט גערעדט...

ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן איז דער עולם געווען שטיל. דאָ און

דאָרט האָט זיך געהערט אַ פּאַטשן פון עפּעס אַ פּאָרוועדטסיסט, וואָס דאָס האָט נאָך מער אַרויסגעהויבן דאָס שטילקייט פון דעם עולם.

עס איז געווען אַ פּיינלעכע סצענע. קאַהאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט, אָבער מען האָט געקאָנט זען, אַז ער זיצט ווי אויף הייסע קוילן.

עס איז געווען אָפּגעמאַכט, אַז קאַהאַנען זאָל זשיטלאָווסקי ענטפערן און נאָכדעם ווידער קאַהאַן.

האָט זשיטלאָווסקי זיך אויפגעהויבן געלאַסן, באַזאַכט, ווי עס איז געווען זיין געוואוינהייט, און האָט געזאָגט:

— טאָוואַרישטש קאַגאַן, ווי ניע פּאָנימאַיעטע וו׳טשאָם דיעלאָ (חבר קאַהאַן, איר פאַרשטייט ניט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך).

ווידער אַ פּאַטשעריי, ווידער ליאַרמען און געשרייען. עס איז געווען אַ רחמנות אויף קאַהאַנען צו זען ווי ער קאָרטשעט זיך אין דרייען.

אָבער ער האָט דאָך באַדאַרפט ענטפערן, האָט ער גענומען שרייען: „אויב די קאַהאַנס קאָנען אייך ניט פאַרשטיין, ווער וועט אייך פאַרשטיין?"

אַ סך מענטשן האָבן געקאָנט ענטפערן אויף דער פראַגע פון קאַהאַנען, אָבער זיי האָבן געשוויגן.

פון דעמאָלט אָן איז קאַהאַן אַ דם־שונא זשיטלאָווסקין.

אַזוי לאַנג ווי זשיטלאָווסקי האָט געלעבט האָט קאַהאַן ניט געוואָגט צו עפענען דאָס מויל. זשיטלאָווסקי האָט דאָך אים געקאָנט פאַרדרייען מיט זיין קליינעם פינגער. אָבער היינט, וואָס האָט ער מורא? דער גרויסער זשיטלאָווסקי קאָן מער ניט ענטפערן.

איך האָף, אַז אַב. קאַהאַן וועט נאָך דערלעבן צו הערן די שטימע פון זשיטלאָווסקיס נאָכפאָלגער, וואָס וועלן אים נאָכשרייען:

— מר. קאַהאַן, איר פאַרשטייט ניט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך...

„מאָרגן-פרייהייט"

דר. יעקב שאַצקי:

דר. ח. זשיטלאָווסקי און זיין „ביאָגראַף" ח. ליבערמאַן

מיט יאָרן צוריק איז מיר אויסגעקומען צו שרייבן, אין שייכות מיט זשיטלאָווסקיס אַ יובילײ, אַז עס איז שוין צייט אַז מען זאָל איבערגיין פון אַ זשיטלאָווסקי־קולט צו אַ זשיטלאָווסקי־פאָרשונג. אַ מענטש דאַרף ניט זיין אויף יענער וועלט, כדי מען זאָל קאָנען אָפּשאַצן זיינע פאַרדינסטן פאַר דער געזעלשאַפט, — האָב איך געשריבן, — בפרט אַזאַ גייסטיקער ריז, ווי עס איז געווען דר. חיים זשיטלאָווסקי. אין ליכט פון אַן ערנסטער פאָרשונג וואָלט דער גייסטיקער פאָרטרעט פון דער דאָזיקער קאָלירפולער פערזענלעכקייט באַקומען דעם ריכטיקן תיקון. עס וואָלטן פאַרשוואונדן די יובילײ־גוזמאות, אָבער עס וואָלטן אויך געמוזט פאַרשווינדן די אָפּטע, וואָכעדיקע ניט־דערשאַצונגען, אָדער ריכטיקער געזאָגט — גרינגשאַצונגען. אַזאַ אַרבעט פאָדערט אָבער אַן אינטעלעקטועלע צוגרייטונג. קודם כל איז נויטיק די קענטשאַפט פון דער געשיכטע פון רוסישן סאָציאַלן געדאַנק אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט. חוץ דעם מוז אַזאַ איינער, וואָס וויל זיך אונטערנעמען די דאָזיקע אַרבעט, זיין באַהאַוונט מיט אַלע שאַטירונגען פון מאַרקסיזם. פאַר דעם יידיש צושטייער פון זשיטלאָווסקי דאַרף מען גוט קענען די יידישע פילאָסאָפיע און די געשיכטע פון דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק פון השכלה און פון דער נאָך־מלחמה תקופה. אָבער קודם כל מוז מען איבערלייענען אַלע ווערק פון זשיטלאָווסקי און אַנאַליזירן זיי אין ליכט פון דער צייט.

בעת איך האָב געשריבן מיין אַרטיקל, האָב איך זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן דין־וחשבון, אַז אַ יחיד וועט ניט זיין בכח אָנשרייבן אַזאַ אַרבעט. פּסקנען אויב זשיטלאָווסקי איז אַ פילאָסאָף אָדער ניט קאָן מען אין זכות פון אַ קאָמפּילאַציע וועגן כינעזישער פילאָסאָפיע — בשום אופן ניט. מען דאַרף האָבן מער ווי „היימישע בילדונג". מען דאַרף האָבן אַ סיסטעמאַטישע, גרינטלעכע בילדונג, טאַקע אָט פון יענע „שקאָלעס", וואָס די דאָזיקע „אַליינלערער" האָבן אַזוי פיינט בהסכם מיט קרילאָווס משל וועגן דעם פוקס און די וויינטרויבן. האָב איך צו יענער צייט פאָרגעשלאָגן אַ קאָלעקטיווע אַרבעט, געשריבן פון פאַכלייט, וואָס יעדער פון זיי וועט נעמען אויף זיך איין געביט פון דער רייכער, גייסטיקער באַלעבאַטישקייט פון חיים זשיטלאָווסקי.

ווי איבערראַשט בין איך אָבער געוואָרן, ווען איך האָב דערזען דאָס ביכל פון חיים ליבערמאַן אונטערן נאָמען „יידן און יידישקייט אין די שריפטן פון דר. ח. זשיטלאָווסקי". דאָס איז אַ גוואַלדיקע טעמע; דער צענטראַלער פונקט ממש פון זשיטלאָווסקיס לאַנג־יאָריקער שריפט־שטעלערישער טעטיקייט. די דאָזיקע טעמע פאָדערט אַ טיפע באַקאַנט־שאַפט מיט אַלע טעאָריעס וועגן דער אַזוי־גערופענער יידישער פראַגע, וואָס האָבן מיט 60־70 יאָר צוריק אַזוי שטאַרק באַשעפטיקט די בעסטע יידישע און ניט־יידישע מוחות.

שוין דער ערשטער קאַפּיטל פון ליבערמאַנס ביכל רופט אַרויס אַ שטוינונג. עס הייסט „אַ ייד קעגן יידן". אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל ווערט ציטירט אַ „געדאַנק", אַנטנומען פון אַ פּועלי־ציוניסטישן זשורנאַליסט בצלאל שערמאַן, אַז זשיטלאָווסקי איז געווען פּופּציק יאָר „אַקטיוו אינעם יידישן לעבן און איז אין תוך פאַרבליבן אַ דרויסנדיקער און פרעמדער".

דער דאָזיקער „געדאַנק" איז ניט קיין נייער. געדענקט איר די שריפטן פון די אַנטיסעמיטן אין אייראָפּע, וואָס פלעגן שרייבן, אַז נאָך אַלעמען זיינען יידן, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס זיי לעבן אַזוי לאַנג אין דער אייראָפּיי־אישער קולטור־ספערע, דאָרטן „דרויסנדיקע און פרעמדע"?

מילא, ווער בעמט זיך דאָס רעכט צו באַשטימען וואָס איז „דרויסנדיק און פרעמד"? אויב אַ קליין יידל מעג עס שרייבן וועגן אַ צווייטן, גרויסן יידן, מעג עס יעדער קליינער ניט־ייד שרייבן וועגן אַלע יידן אויך.

די דאָזיקע ציטאַטע איז אין ליבערמאַנס שריפט אַ מין מוזיקאַלישער „לייטמאָטיוו". דאָס ביכל הייבט זיך אָן און שליסט זיך מיט דער דאָזיקער פּאַשיסטישער חכמה.

ליבערמאַן שרייבט, אַז מען האָט זשיטלאָווסקין גערופן דער יידישער אַנטיסעמיט און אַז ער, זשיטלאָווסקי, דערציילט עס אַמאָל מיט פאַרוואורף, אַמאָל מיט אַ געוויסער גדולה, און זאָגט אַפילו אין איין אָרט, אַז ער איז נאָך „באמת געווען צו ווייניק אַנטיסעמיטיש".

דערביי גיט ליבערמאַן אָן, אַז די דאָזיקע ציטאַטע געפינט זיך אין באַנד 6 פון זשיטלאָווסקיס שריפטן אויף זייט 249.

און אַז מען עפנט די דאָזיקע ציטירטע שורות ביי זשיטלאָווסקין גופא זעט מען באַלד אַ באַוואוסטזיניקע פעלשונג פון דער דאָזיקער ציטאַטע מצד חיים ליבערמאַן.

זשיטלאָווסקי שרייבט אַזוי:

„דער שטאַנדפּונקט פון דעם „יעווריעי ק'יעווריעיאַם" (אַ רוסישע בראָשורע פון זשיטלאָווסקי, געשריבן אין 1892—י. ש.) איז אָבער באמת געווען נאָך צו ווייניק „אַנטיסעמיטיש"."

ביי זשיטלאָווסקין איז דאָס וואָרט „אַנטיסעמיטיש" אָפּגעדרוקט אין גענזן־פיסלעך (קוואָטיישאַן מאַרקס), ד. ה., אַז ער, זשיטלאָווסקי, איראָני־זירט איבער די, וואָס מיינען אַז זיין ביכל איז אַנטיסעמיטיש. דאָס ענדערט אינגאַנצן דעם זין פון דער ציטאַטע. ניט קיין גדלות און ניט קיין פאָר־וואורף איז פאַראַן אין דעם זאַץ, נאָר איראָניע.

אָבער דאָס איז ניט אַלץ. דאָס וואָס זשיטלאָווסקי פאַרשטייט מיטן וואָרט „אַנטיסעמיטיש" מיינט פשוט, אַז ער איז געווען אינגאַנצן פאַרנומען מיט אַנטיסעמיטיזם, ווי אַ סאָציאַלן פּראָבלעם. בעת זיינע קריסטלעכע חברים רעדן וועגן זיין (זשיטלאָווסקיס) „אַנטיסעמיטיזם", האָבן זיי געמיינט, אַז אים אינטערעסירט גאָרניט, נאָר די אַנטיסעמיטישע ליטעראַטור, וואָס ער האָט טאַקע זייער ערנסט שטודירט.

און כדי צו פאַרשטאַרקן זיין באַהויפּטונג וועגן זשיטלאָווסקיס „אַנטי־סעמיטיזם" מאַכט ליבערמאַן אַ בלבול אויף דעם גרויסן יידישן היסטאָריקער שמעון דובנאָוו, אַז יענער זאָל האָבן געשריבן וועגן זשיטלאָווסקיס ליטע־ראַרישן בכור (זיין בראָשור „געדאַנקען וועגן היסטאָרישן גורל פון יידנ־טום", אַרויס אויף רוסיש אין 1887), אַז דאָס איז אַ ווערק פון אַן אַנטי־סעמיט. אויף מיינער אַ שריפטלעכער אָנפראַגע ביי ליבערמאַנען גופא, האָט יענער זיך אויסגעדריקט מיט אַן ענטפער, אַז זיין „מקור איז טאַקע דר. זשיטלאָווסקי אַליין". אָבער ביי זשיטלאָווסקין איז וועגן דעם ניטאָ קיין איין וואָרט. אין זיינע זכרונות שרייבט זשיטלאָווסקי, אַז דובנאָוו האָט אים שאַרף קריטיקירט (זכרונות פון מיין לעבן, באַנד 3, ז"ז 126־130). אויך דובנאָוו גופא דערציילט וועגן דעם אין זיינע זכרונות (קניגאַ זשיזני, רוסיש, 1, ז' 210). דאָרטן שרייבט ער, אַז ער האָט דעם מחבר „שטאַרק אויסגע־שמיסן". קיין איין וואָרט ניט וועגן אַנטיסעמיטיזם. פאַרקערט: דובנאָוו האָט געשריבן, אַז זיי זיינען געקומען אויף פאַרשיידענע וועגן צו דעם זעלבן פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן געדאַנק.

דאָס זעלבע חזרט דובנאָוו איבער אין זיינע זכרונות וועגן זשיט־לאָווסקין, געדרוקט אין „זשיטלאָווסקי־זאַמלבוך" (וואַרשע, 1929, ז"ז 190־195).

אָבער די דאָזיקע פאַקטן, וואָס באַשטעטיקן, אַז ליבערמאַן האָט דאָ פשוט געמאַכט אַ בלבול אויף אַ גרויסן היסטאָריקער, און באַשולדיקט אים אין . . . מאַכן בלבולים — קאָנען אַמבעסטן דערוויזן ווערן דורך דער לאַנגער רעצענזיע פון דובנאָוון גופא. די דאָזיקע רעצענזיע איז געווען געדרוקט אין „קניזשקי וואָסכאָדאַ" (דעצעמבער 1887, ז"ז 6־14, באַזונדערע פאַגינאַציע). דאָרטן איז ניטאָ קיין איין וואָרט, אַז „לויט זשיטלאָווסקין אַליין" — ווי ליבערמאַן שרייבט — האָט דובנאָוו אים באַצייכנט ווי אַ יידישער אַנטיסעמיט.

די דאָזיקע שקרים געפינען זיך שוין אויפן ערשטן בלעטל פון ליבער־מאַנס ביכל. „וואָס ווייטער אין וואַלד, אַלץ מער געהילץ" — ווי מען זאָגט אויף רוסיש; וואָס מער מען לייענט די דאָזיקע „דיסערטאַציע", אַלץ מער ווערט מען געפּלעפט פון דער ווילדער מעטאָדע פון ציטירן אויסגעריסענע זאַצן אָן שום באַלויכטונג מיטן גאַנצן טעקסט. די אַרבעטן, וואָס זשיטלאָווסקי האָט געשריבן אויף רוסיש, האָט ליבערמאַן ניט געלייענט. ער פאַררופט זיך אויף אויסצוגן, וואָס ער געפינט ביי זשיטלאָווסקין גופא. דערביי דערלויבט זיך ליבערמאַן אַזאַ פעלשונג:

די רוסישע פּאַרטיי־חברים פון זשיטלאָווסקין, וואָס האָבן געהאָלפן אַרויסגעבן זיין בראָשורע „יעווריי ק׳יעווריעיאַם" (אַ ייד צו יידן, אַרויס אין 1892), האָבן אין דער הקדמה צו דער בראָשורע אַזוי געשריבן:

„די פאָרליגנדע בראָשור שטעלט מיט זיך ניט פאָר די בליקן פון די אַרויסגעבער אויף דער יידישער פראַגע, וועגן וועלכער עס ווערט געפּלאַנט אַרויסצולאָזן, אויב די אומשטענדן וועלן דערלויבן, אַ באַזונדער בראָשור. אונדז דוכט, אַז דער פאַרערטער מחבר איז צו זייער פאַרדערלעך צו זיינע קאָמפּאַטריאָטן און איז צו זיי נוטה, צוליב דעם געוואונטשענעם, אַרויסצולאָזן פון אויג דאָס מעגלעכע ביי די געגעבענע סאָציאַלע און פּאָליטישע באַדינגונגען. מיר דענקען ניט, אַז זיין בליק אויף דער ראָלע פון דער יידנשאַפט אין מערב־אייראָפּע און רוסלאַנד שטימט צונויף מיט דעם היסטאָרישן אמת. אָבער עס איז כ׳לעבן ניט נויטיק צוצוגעבן, אַז זיין היציקע קריטיק, סיי די שטרענגקייט פון זיינע פאָדערונגען, וואָס זיינען אַ רעזולטאַט פון זיין הייסער ליבע צו זיין שטאָם, שטעלן, נאָך אונדזער מיינונג נאָך, מיט זיך פאָר ניט די לעצטע מעלה פון אָט דער רעכטשאַפענער („דאָבראָסאָוויעסטנאָוואָ") אַרבעט."

וואָס טוט אָבער ליבערמאַן? ער ציטירט אַזוי:

„די פאָרליגנדע בראָשור שטעלט מיט זיך ניט פאָר די בליקן פון די אַרויסגעבער (ביידע ווערטער באַטאָנט פון ליבערמאַנען, אָבער ניט פון די שרייבער גופא) אויף דער יידישער פראַגע. מיר דענקען ניט, אַז זיין בליק אויף דער ראָלע פון די יידן אין מערב־אייראָפּע און רוסלאַנד שטימט צונויף מיט דעם היסטאָרישן אמת (אויך אונטער־געשטראָכן פון ליבערמאַנען גופא)."

און מאַכט באַלד זיין פּירוש:

„זיינע אייגענע גויאישע חברים זיינען אַרויס זיך אָנצונעמען פאַר יידן קעגן זשיטלאָווסקין" (ז׳ 17).

אַז דאָס איז אַ שקר, קאָן יעדער זען פון דער גאַנצער ציטאַטע, וואָס איך האָב געבראַכט. דאָרטן ווערט בפירוש געזאָגט, אַז זשיטלאָווסקיס אַרבעט איז אַ געוויסנהאַפטע און אַז זי איז געשריבן מיט „הייסער ליבע צו זיין שטאַם", ד. ה. צו יידן.

ליבערמאַן פאַרשוויגט די דאָזיקע ווערטער, כדי געבן דעם לייענער אַ פאַלשן איינדרוק, אַז די „גויאישע חברים" זייַנען געווען קעגן זשיט־לאָווסקין.

דאָס זעלבע איז וועגן זשיטלאָווסקיס שטעלונג צו דער פראַגע פון דער יידישער מענאַציפּאַציע. ליבערמאַן שרייבט, אַז זשיטלאָווסקי איז געווען אַ קעגנער פון דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, בעת אין דער אמתן האָט ער געהאַלטן, אַז פאַר די יידן אין מזרח־איראָפּע איז דאָס ניט קיין לייזונג. ער האָט געפאָדערט מער, ווי סתם גלייכע רעכט, ווייל די רעזולטאַטן פון דער יידישער עמאַנציפּאַציע אין מערב־איראָפּע האָט באַוויזן, אַז גלייכע רעכט שאַפן נאָך ניט אָפּ דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז לויט אים אַן עקאָ־נאָמישע פראַגע.

ווי אַ מוסטער פון אַ דעמאַגאָגישן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען, וואָס זשיטלאָווסקי באַרירט, זאָל דאָ דערלויבט ווערן ברענגען נאָך איין מוסטער (פון צענדליקער). זשיטלאָווסקי שרייבט, אַז דער יידישער בעל־מלאכה אַר־בעט ביליקער און דערפאַר רופט עס אַרויס אַנטי־יידישע שטימונגען. דאָס זעלבע איז מיט יידישע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשענערן, א. אַז. וו.

מען קאָן זיך אַמפּערן בנוגע דער ריכטיקייט פון דער דאָזיקער באַ־הויפּטונג. אָבער ווי אַזוי טייטשט עס ליבערמאַן? לויט אים קומט אויס, אַז זשיטלאָווסקי זאָגט, אַז דער יידישער בעל־מלאכה, דאָקטאָר, אינזשענער א. אַ. „טויגן אויף כפּרות". און ער שיסט אַרויס מיט אַזאַ באָמבאַסטישער פראַגע:

> „וואָס מיינט דאָס לעצטע? עס מיינט: דער יידישער אַדוואָקאַט וועט טאַקע נעמען ביליקער, דערפאַר אָבער וועט ער פאַרן גוי פאַרלירן די „דיעלאָ". דער יידישער אינזשענער וועט בויען בריקן פאַר וועל־וועלער, ווי דער ניט־יידישער, דערפאַר אָבער וועלן זיי מסתמא איינ־פאַלן (?)."

אויב דאָס איז ניט קיין „לאָגיק" פון אַ מאַניאַק, איז שווער צו זאָגן וואָס דאָס איז!

ליבערמאַן וויל אַפילו ניט צוגעבן, אַז זשיטלאָווסקי איז גערעכט מיט זיין באַהויפּטונג, אַז דער יידישער אַרבעטער אין אַמעריקע וויל זיך אַרויס־רייסן פון די „שקלאַפישע קייטן פון דער לוין־אַרבעט אָדער לכל הפחות באַפרייען פון זיי די קינדער". דאָס האָט זשיטלאָווסקי געשריבן אין 1912

און מענטשן, וואָס זיינען ניט ווייניקער „פֿילאָסעמיטיש“ ווי חיים ליבערמאַן, האָבן מיט ערנסטע פֿאָרשונגען באַשטעטיקט די טרויעריקע טענדענצן אין יידישן לעבן פֿון אַמעריקע: דאָס פֿאַרלאָזן אַרבעט־פּרנסות.

עס זיינען פֿאַראַן אַ סך קאָמישע „פּיידזשעס“ אין ליבערמאַן־טראַקטאַט, ווי, למשל, די חד־גדיא אויף זייטן 52־53, וועגן דעם שייכות צווישן תּלמוד און . . . גאָט. דאָס ביכל איז פֿול מיט סתירות. פֿון איין זייט אַטאַקירט ער זשיטלאָווסקין, הלמאַי יענער וויל ניט, אַז יידן אין רוסלאַנד זאָלן זיין אַזוי גליקלעך, ווי זייערע מערב־אייראָפּייאישע ברידער, און פֿון דער צווייטער זייט זעט ער אין דער אייראָפּייאישער קולטור בלויז „סיפֿיליס“ און אַנדערע חולאתן.

וועגן דער ראַסן־טעאָריע שרייבט ער, למשל, אַז גאָבינאָ איז איר דערפֿינדער, בעת היינט צו טאָג ווייסט יעדער אינטעליגענטער מענטש, אַז גאָבינאָ האָט די טעאָריע גענאַשט דווקא ביי אַן „אונדזעריקן“, ביי לאָרד ביקאָנספֿילד (ד׳איזראַעלי) און אַז מיר האָבן בכלל אַ גרויסן חלק אין ראַסן־טעאָריע, אָבער פֿאַרשטייט זיך, אַנדערע האָבן זי דערפֿירט צו אַן אַבסורד.

פֿון ניצטשע מאַכט ליבערמאַן אַ ווילדן אַנטיסעמיט, בעת אַ סך יידישע געלערנטע (לעווקאָוויטש, למשל) האָבן אויפֿן סמך פֿון אויסצוגן פֿון ניצטשעס ווערק אויסגעלייגט עפּעס גאָר אַנדערש. דאָס באַווייזט נאָר, אַז יעדער געפֿינט, וואָס ער זוכט. פֿון זאָמבאַרטן (פֿון פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה) מאַכט ער אויך אַן אַנטיסעמיט. אויף אַזאַ אופֿן דאַרף מען אַלע יידישע היסטאָריקער, וואָס האָבן אָנגענומען טיילווייז זיין הויפּט־טעמע, באַטראַכטן ווי אַנטיסעמיטן.

אויף דעם אופֿן, ווי ליבערמאַן האָט צוגעבראָקט די ציטאָטן פֿון זשיטלאָווסקיס שריפֿטן, קאָן מען אויך דאָס זעלבע טאָן מיט דובנאָוון (פֿון זיינע יוגנט־שריפֿטן), מ. ל. לילייענבלום (יידישע לעבנס־פֿראַגעס, געדרוקט אין „קול מבשר“, 1869, פֿול מיט „אַנטיסעמיטישע“ באַהויפּטונגען), און כמעט מיט אַלע ציוניסטישע שרייבער — פֿון לעאָן פּינסקער ביז די לעצטע (אַפֿילו הערצל) און „באַווייזן“, אַז זיי זיינען געווען „אַנטיסעמיטן“.

אַזאַ מעטאָדע באַנוצן די דייטשע אַנטיסעמיטן, ווען זיי ווילן „באַווייזן“, אַז היינע, למשל, איז געווען אַ „פֿרעמדער“ אין דייטשלאַנד און אַ „שונא“ פֿון דייטשלאַנד. אָפּטמאָל דערגייט שוין ביי ליבערמאַנען צו שקרים, וואָס ווערן אַפֿילו ניט באַפּוצט מיט אויסגעטראַכטע אָדער פֿרעפֿאַרירטע ציטאָטן. ער שרייבט־צו, למשל, זשיטלאָווסקין אַ געדאַנק, אַז „גאַנץ אַמעריקע וועט נאָך אפֿשר אַמאָל אָוועקוואַרפֿן ענגליש און אָננעמען יידיש“ (ז׳ 150). ווי אַ מקור, ווייזט ער אָן: דריי אַרטיקלען אין דער צייטונג „די צייט“, און נאָך דעם גיט ער צו, „ווי ווייט עס געדענקט זיך מיר איצט“. ער האָט אַפֿילו ניט געהאַלטן פֿאַר נויטיק אויפֿזוכן די דאָזיקע אַרטיקלען, נאָר אַז

ד ר. י ע ק ב ש אַ צ ק י

שום באַגרינדונג שרייבט ער צו זשיטלאָווסקין אַזאַ אומזיניקן געדאַנק, אַזוי ווי זשיטלאָווסקי וואָלט געווען, להבדיל, חיים ליבערמאַן.

מען וואָלט געקאָנט איבערשרייבן כמעט פון יעדן זייטל פון דער דאָזיקער בראָשורע אַזעלכע משונהדיקע חכמות, וואָס מען ווייסט ניט, וואו איז די גרענעץ צווישן שלעכטן הומאָר און גוטן אומזין.

דער גאַנצער טאָן פון דעם ביכל איז אַ פּראָקוראַטאָרישער. ליבערמאַן פאַרטרעט דאָ אומגעבעטענערהייט דאָס יידישע פאָלק און מאַכט אַ „קייס": ליבערמאַן־יידישע פאָלק ווערזוס חיים זשיטלאָווסקי.

אָבער עס פירט זיך ביי די אומות העולם (ביי וועלכע, כ׳לעבן, מען מעג זיך נאָך אַלץ עפּעס אָפּלערנען!), אַז אַ פּראָקוראָר, וואָס האָט געהאַט מיט עמעצן פּערזענלעכע סכסוכים, וועט בשום אופן ניט נעמען אויף זיך צונויפּ־שטעלן אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן אַזאַ איינעם און וועט בעטן, אַז דאָס געריכט זאָל באַשטימען אַן אַנדער פּראָקוראָר.

כ׳לעבן, חיים ליבערמאַן האָט געמעגט בעטן „דאָס יידישע פאָלק" באַ־שטימען אַן אַנדער פּראָקוראָר, אַזאַ איינעם, וואָס טראָגט ניט אין זיך קיין פּערזענלעכע שנאה צום „אָנגעקלאָגטן" און, דער עיקר, וואָס האָט מער געוויסן, מער בילדונג און מער שכל הישר, ווי עס האָט דער מחבר פון דעם דאָזיקן פּאַסקוויל.

צום סוף וויל איך צוגעבן: איך שטים ניט איין מיט אַלץ, וואָס זשיט־לאָווסקי האָט געשריבן. זיינע אַרטיקלען וועגן פּאָליטישע ענינים, געשריבן זינט היטלעריזם, זיינען מיר ניט צום האַרצן. איך האַלט עס פאַר שעדלעך און אַפילו פאַר אומלאָגיש. אָבער דאָס מיינט ניט, אַז אַזאַ פּרוכטבאַר לעבן פון אַ מענטשן, ווען מיר אַלע האָבן אַזוי פיל צו פאַרדאַנקען, איז אַ הפקר־לעבן, וואָס מען קאָן אַזוי געוויסנלאָז באַשמירן — באַשמוצן מיט שקרים, פאַלשע ציטאַטן און דערלאַנגען דעם ווייט ניט איבערקלייבערישן יידישן לייענער אַזאַ קרומען שפּיגל פון אַ ליכטיקער פּערזענלעכקייט, אַזאַ פּלאַכע קאַריקאַטור פון אַ טיפן דענקער.

„פרייע אַרבעטער שטימע"

קלמן מרמר:

דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט אַליין אויפגעדעקט די פעלשער

דר. זשיטלאָווסקיס מיאוסע שונאים זיינען מיאוס דורכגעפאַלן. נחמן מייזיל און יעקב מילך אין דער „מאָרגן־פרייהייט״, ש. ניגער אין „טאָג״ און דר. יעקב שאַצקי אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע״ האָבן אַלע אויפ־געדעקט די בייזוויליקע פעלשונגען אין חיים ליבערמאַנס פאַסקוויל־ביכל קעגן דעם פאַרשטאָרבענעם גרויסן יידישן דענקער, דר. חיים זשיטלאָווסקי.

יעקב מילך און נחמן מייזיל האָבן אויך אויפגעדעקט די פאָליטישע מאָטיוון פון דעם פאַסקוויל־מאַכערס באַלעבאָס, דעם „פאָרווערטס״. דר. יעקב שאַצקי האָט אויך אָנגעטייט, אַז דער „פאַסקווילאַנט״ מיט דער „לאָגיק פון אַ מאַניאַק״ האָט אַמאָל געהאַט אַ סכסוך מיט דר. זשיטלאָווסקין און טראָגט אין זיך אַ „פערזענלעכע שנאה״ קעגן דעם פאַרשטאָרבענעם ריז.

אין די לעצטע פופצן יאָר איז חיים ליבערמאַן באַוואוסט דער עיקר ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער בלאָטע־וואַרפער און בלבול־מאַכער. מענטשן זעען, ווי ער פאַלט אָן מיט רציחה אויף מענטשן און באַוועגונגען וועלכע זיין באַלע־באָס האַסט. דאָך איז ניטאָ קיין ספק, אַז מיט זיין פאַסקוויל־בראָשורקע האָט חיים ליבערמאַן ניט נאָר דורכגעפירט די באַשטעלונג פון זיין באַלעבאָס — ער האָט אויך אַ באַזונדער פאַרגעניגן אַ ביס צו טאָן דעם טויטן ריז, צו וועלכן ער טראָגט אין זיך אַ שנאה שוין אַרום דריי צענדליק יאָר.

די מעשה איז אַזוי געווען:

מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק האָט חיים ליבערמאַן אָנגעטאָן אויף זיך די מאַסקע פון אַ ראַדיקאַל. ער איז געוואָרן אַ לערער פון דער נאַציאָנאַלער ראַדיקאַלער שולע און אַפילו געלייענט אַ רעפעראַט אויף אַ שולן־צוזאַמענ־פאָר. היינט, ווען ער טראָגט אויף זיך די מאַסקע פון אַ פרומאַק, רייסט זי קיינער ניט אַרונטער פון אים. קיינעם אינטערעסירט ניט, וואָס אָט דער כלומרשט־פרומער ייד היט ניט אָפּ דעם סאַמע עיקר פון דער יידישער תורה. אינעם לאָגער פון „דר. זשיטלאָווסקיס יידן״, ווי מ׳האָט אָנגערופן די ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול־טוער, האָט אָבער אַזאַ ציניש־צבועצסטווע ניט געקאָנט לאַנג אָנהאַלטן.

ווען דר. זשיטלאָווסקי האָט איבערגעלייענט חיים ליבערמאַנס דרשה, וואָס דער בעל־דרשן האָט אָפּגעדרוקט אין אַ בראָשור, האָט ער, דר. זשיטלאָווסקי, באַלד אַרונטערגעריסן די מאַסקע פון איר מחבר און באַוויזן, אַז דער דאָזיקער כלומרשטער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַל איז גאָר באמת אַן עכטער נאַציאָנאַל־קלעריקאַל.

אין זיין אַרטיקל „נאַציאָנאַל־קלעריקאַל" *) אַנאַליזירט דר. ח. זשיטלאָווסקי די דאָזיקע בראָשור און דריקט אויס זיין פאַרוואונדערונג: „פאַרוואָס זאָל הער ח. ליבערמאַן זיך ניט בעסער רופן: „נאַציאָנאַל־קלעריקאַל"? און די דערציאונג, וואָס ער וויל געבן אונדזערע קינדער — „די נאַציאָנאַל־קלעריקאַלע"?" דר. זשיטלאָווסקי ווייזט אָן, אַז דער דאָזיקער לערער אין אַ וועלטלעכער יידישער שול וואָלט וועלן, אַז „דאָס יידישע קינד זאָל דערצויגן ווערן אין דעם גייסט פון דער יידישער רעליגיע". דאָס איז אָבער אַ פאָדערונג, וואָס גייט אַבסאָלוט להיפוך צו דעם וויכטיקסטן פרינציפּ פון יעדער פאָלקס־שול בילדונג און בפרט נאָך פון אַזאַ דערציאונג, וואָס רופט זיך „ראַדיקאַל". רעליגיעזע דערציאונג קאָן געגעבן ווערן נאָר אין ספּעציעלע רעליגיעזע שולעס, אויפגעהאַלטן פון עלטערן, וואָס גלויבן אין דער רעליגיע. פאָלקס־דערציאונג מוז זיין וועלטלעך".

דערביי דערמאָנט דר. זשיטלאָווסקי, וואָס ער האָט שוין אַמאָל געשריבן באריכות, „וואָס עס דאַרף זיין די שטעלונג פון אַ מאָדערנעם יידישן ראַדיקאַל צו דער יידישער רעליגיע". ער שיקט אָפּ די לייענער צו זיינע אַרטיקלען „רעליגיע און נאַציע" און „די נאַציאָנאַל־פּאָעטישע ווידערגעבורט פון דער יידישער רעליגיע" (געזאַמלטע שריפטן, באַנד 4). אין קורצן אויסגעדריקט, שרייבט ער, „קום איך צו דעם רעזולטאַט, אַז מיר דאַרפן אונדזער רעליגיע אָפּשאַצן נאָר לויט איר נאַציאָנאַלן, פּאָעטישן און ריין־מענטשלעכן ווערט, און נאָר אַזוינע ווערטן אירע אַריינעמען אין אונדזער פּראָגראַם". חיים ליבערמאַן אָבער וויל, אַז אויך דער „ריין־רעליגיעזער עלעמענט זאָל איינגעפלאַנצט ווערן אין דעם קינדס נשמה — אַ פאָדערונג, וועלכע מיר געפינען ביי אַלע קלעריקאַלן פון אַלע פעלקער".

דר. זשיטלאָווסקי באַמערקט דערצו: „עס פאַרשטייט זיך, אַז יעדער קלעריקאַל האָט זיין טעאָריע פאַרוואָס די דערציאונג דאַרף זיין רעליגיעז. אויך הער ליבערמאַן האָט זיך זיינע טעאָרעטישע אָנשויאונגען.ליידער זיינען זיי אַן אמגעלומפּערטע צונויפמישונג פון ריין־קלעריקאַלע און אָפּגעשוואַכטע ראַדיקאַלע מאָטיוון."

נאָכדעם ווי דר. זשיטלאָווסקי באַלייכט אין קורצן די יסודות פון ח.

---

*) דר. חיים זשיטלאָווסקי: „נאַציאָנאַל־קלעריקאַל" („דער נייער דור", שיקאַגאָ, 1טן יאַנואַר, 1916, ז"ז 22—29).

ליבערמאַנס „קלעריקאַלן בליק" און אומבאַוויזענע השערות, שטעלט ער פעסט, אַז די „נאַציאָנאַלע דערציאונג" מיינט ניט „אַרויסצורופן קעלבערנע התפעלות" צו אַלע איגנשאַפטן פונעם אייגענעם פאָלק. „דאָס וואָלט געווען אַ שאָוויניסטישע דערציאונג. נאָר שאָוויניסטן גלויבן, אַז דאָס וואָס אונדזערע איז גוט און וואָס פרעמדע איז שלעכט". דר. זשיטלאָווסקי לאַכט אויך אויס ווי „אַן אַלטן ריין־שאָוויניסטישן כלל" ליבערמאַנס טענות קעגן דער „דיסהאַרמאָניע" צווישן דערציאַנג און רעליגיע. ער באַמערקט דערצו אַזוי:

„מאָרגן וועט צו אונדז קומען אַ שאָוויניסטישער נאַציאָנאַל־עקאָנאָם און וועט צו אונדז רעדן אין דעם סטיל פון הערן ליבערמאַן בזה הלשון:

— דאָס יידישע פאָלק איז באַגאַבט מיט אַ שטאַרקער עמפּנידלעכקייט פאַר דאָס אַלטע הויז־הענדלערישע און דאָס סאַדע־וואַסערשטענדלעכע אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און איז דעריבער בטבע געניגט צו אַ סוחרישן מקח־וממכרדיקן פאַרטיפן זיך אין דעם זין פון אַלע סאָציאַלע פּראָבלעמען. מיר טאָרן ניט פאַרזייען קיין קערנער פון דיסהאַרמאָניע אין דעם הארצן פון יידישן קינד צו זיין פאָלק, און דעריבער — אַוועק מיט די סאָציאַליסטישע אַרבעטס־אידעאַלן און מיט דער סאָציאַליסטישער קריטיק פון דעם מקח־וממכר! —

„און דאָס רופט זיך „ראַדיקאַל"!"

דר. זשיטלאָווסקי לאַכט אויך אויס ה. ליבערמאַנס טענה, אַז אויב דאָס יידישע קינד וועט ניט לערנען קיין רעליגיע אין דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול, טאָ „ווי אַזוי וועט עס וויסן, וואָס מיר זיינען אין דער אמתן, אין אונדזער טיפער, טיפער נאַטור?" דר. זשיטלאָווסקי באַמערקט דערצו: „אַקוראַט ווי הער ליבערמאַן אַדער ווי ווער עס איז אַנדערש קאָן אין דער אמתן וויסן, וואָס איז אונדזער „טיפער, טיפע נאַטור"! דר. זשיטלאָווסקיס אויספיר איז, אַז וועגן דעם גרונט־שטריך פון אַ פאָלקס־כאַראַקטער קאָן מען דערוויל ניט האָבן מער ווי אינדיווידועלע היפּאָטעזן.

„מיין אינדיווידועלע היפּאָטעזע — שרייבט דר. זשיטלאָווסקי — איז, צום ביישפּיל, אַז דער גרונט־שטריך פון דעם יידישן פאָלק איז ניט זיין רעליגיעזע נאַטור, נאָר זיין סאָציאַל־עטישע, וואָס ווייזט זיך אַרויס סיי ביי דעם פרומען ישעיה סיי ביי דעם אַטעאיסטישן קאַרל מאַרקס.

„דער געדאַנק פון דעם יידישן פאָלק האָט תמיד געאַרבעט אויף

דעם פּראָבלעם, ווי אַזוי מאַכט מען אַז מענטשן זאָלן לעבן ווי ברידער אין די גרענעצן פון איין פאָלק, און אַלע פעלקער זאָלן לעבן ווי ברידער אין די גרענעצן פון איין מענטשהייט.״

ניט געקוקט אויף זיין געוויינלעכער פילאָסאָפישער רואיקייט, ווערט דר. זשיטלאָווסקי אויסער זיך, ווען ער קומט צו דער שטעלע, וואו ח. ליבערמאַן שרייבט אַזוי:

„נעמט מען אַוועק דעם רעליגיעזן כאַראַקטער פון אַזאַ קאַמף, ווי דער מאַקאַבייער־אויפשטאַנד, און מעג מען עס אפילו דערקלערן פאַר אַ פרייהייטס־באַוועגונג אין מאָדערנעם זין, ווערט דאָך דורכדעם די העכערע (?) אידייע פון דער געשעעניש אַוועקגענומען — — ווען מיר ציען אַרונטער דעם מאַקאַבייער־קאַמף צו דער נידער (!) פון אַזאַ קאַמף, ווערט די אידעאַלע זייט פאַרלאָרן (?), ווערט דורכדעם אַ גרויסע הייליקע באַוועגונג — פאַרברוטאַליזירט (!!).״ *)

צו דעם דאָזיקן ציטאַט באַמערקט דר. זשיטלאָווסקי אַזוי:

„קומט איר אין דעם ביכל פון הערן ליבערמאַן צו אָט דער שטעל, דערמאָלט בלייבט אייך שוין גאָרניט איבעריק ווי . . . אַ שמיץ צו טאָן דאָס ביכל אונטערן טיש.״

דר. זשיטלאָווסקי דערקלערט, אַז די דאָזיקע שטעלע האָט אים אויפגערעגט ניט דערפאַר, וואָס „דער נאַציאָנאַל־קלעריקאַלער הער ליבערמאַן גלויבט, אַז „קעמפן פאַר רעכט און פרייהייט איז 'ברוטאַל' (!), אָבער דערפון פלאַצט אייער געדולד, וואָס אַזעלכע אָנשויאונגען ווערן אַרויסגעזאָגט אויף אַ צוזאַמענפאַר פון נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולעס״.

אינטערעסאַנט איז, אַז שוין דעמאָלט האָט ח. ליבערמאַן זשאָנגלירט מיט דעם, וואָס ער רופט היינט אָן „היסטאָרישע פינקטלעכקייט״. אַזוי דערציילט ער אין זיין בראָשור, אַז די רעזאָלוציע פונעם שולן־צוזאַמענפאַר איז אָנגענומען געוואָרן אויפן סמך פון זיין רעפעראַט. אין דער אמתן אָבער האָט די רעזאָלוציע אויסגעדריקט פונקט דעם היפּוך. זאָגט טאַקע דר. זשיטלאָווסקי: „ווי אַזוי הער ליבערמאַן האָט געקאָנט קומען צום שלוס, אַז . . . אַזאַ רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן „אויפן גרונט פון דעם דאָזיקן רעפעראַט״, איז פאַר מיר אַ חידוש נפלא.״

היינט, אַ דרייסיק יאָר שפּעטער, איז אָט דער מין „פינקטלעכקייט״ פון חיים ליבערמאַנען ניט מער קיין „חידוש נפלא״ (וואונדער שבוואונדער).

* * *

*) די פראַגע־צייכנס און אויסרופן זיינען דר. זשיטלאָווסקיס.

נאָר, ווי ש. ניגער רופט עס אָן — „פאַסקודע"... „שמד־שטיק", אָדער ווי דר. שאַצקי פּסיכאָ־אַנאַליזירט ער — „לאָגיק פון אַ מאַניאַק".

אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע האָט חיים ליבערמאַן געהאַט אַ פאָרגייער. דאָס איז געווען יאָהאַן פּאַליי. ער האָט געאַרבעט אינעם „טאָגעבלאַט", דעמאָלט די רייכסטע אַמעריקאַנער יידישע צייטונג, וואו ער פלעגט זידלען און שילטן די יידישע ראַדיקאַלן. דער „פאָרווערטס", דעמאָלט אַן אָרעמע ראַדיקאַלע צייטונג, נאָר אַ נישקשהדיקע זידלערקע, פלעגט אין זיינע קעגן־אַטאַקעס אָנרופן יאָהאַן פּאַלייען: „יאָהאַנוס־יודאַס־משומד־קאַל־באַסניקוס" און דעם „טאָגעבלאַט" — „אשר־יצרדיקער חן פון דער טאָגע־בלאַטענער קרוין"!

„ווער זאָגט עס" — שרייבט דער „פאָרווערטס" פון 7טן יולי, 1899, — „אַז דאָרט שמעקט מיט געלבן זשורנאַליזמוס. ניין, דאָס איז פּשוט דער געלער אינהאַלט פון אַ מין כל־ישראל קלאָזעט פון אַ ווילנער שול־הויף... און עס שפּיגלט זיך דאָ אָפּ דער חזירשער פּרצוף פון אַ זאַטן קאַלבאַסניק און דאָס ברוטאַלע האַרץ פון יודאַס דעם מסור.

„מען פרעגט אונדז, וואָס האָבן מיר צו יאָהאַנוס־יודאַס־קאַלבאַס־ניקוס? ער איז דאָך מער ניט ווי אַ געדונגענער שרייב־קנעכט, וועלכער מוז אַרבעטן אַזוי ווי זיינע... באַסעס פאַרלאַנגען, אַז ניט ווער ער דאָך ניט האָבן וואָס צו פרעסן „דריי מאָל אַ טאָג יעדן טאָג אין יאָר". אמת, אָבער וועט איר זיך אָפּהאַלטן פון צו געבן אַ הונט איבערן שנוק, דערפאַר וואָס ער איז דאָך מער ניט ווי אַ הונט אין דער דינסט פון זיין באָס?"

זינט יענער צייט זיינען פאַרגאַנגען 45 יאָר. דער „פאָרווערטס" האָט זיך „אַרויפגעאַרבעט" צו אַזאַ רייכטום, וואָס דאָס „טאָגעבלאַט" האָט קיינ־מאָל ניט פאַרמאָגט. ער האָט אויך יענעם אַריבערגעשטיגן מיט דער אינ־סטיטוציע פון אַ הפקר־פעטרישקע בעל־תשובה. דעם „טאָגעבלאַט"ס בעל־תשובה פלעגט זידלען און פאַרלוימדן נאָר לעבעדיקע יידן. דער „בעל־תשובה" פון „פאָרווערטס" שענדעט אויך זייערע קברים.

ענלעך זיינען די הפקרדיקע „בעלי־תשובה" נאָר אין דעם פּרט פון מאַכן זייער „תשובה" פאַר אַ ביזנעס און אין זייער ציניזם חוזק אויף אַלץ, וואָס דאָס דאָזיקע וואָרט האָט אַמאָל באַטייט ביי יידן. זיי ריכטן ניט אָפּ קיין גלות, זיי טרויערן ניט שטיל אויף זייערע שווערע זינד, נאָר קלינגען אין גלעקער און קלאַפּן אין טאַצן וועגן זייער כלומרשטער תשובה און רופן דעם ערב־רב צו פּאַגראָמען אויף פּראָגרעסיווע יידן. אין איין פּונקט אָבער אונטערשיידן זיי זיך גרינטלעך. דער ערשטער געפערלעכער „בעל־תשובה" האָט, לויטן עדות פונעם „פאָרווערטס", „נאָר געטאָן וואָס זיינע באַסעס

פאַרלאַנגען". דער צווייטער טוט עס אָבער אויך פון זיין אייגענעם תענוג וועגן.

* * *

דער פּאַרצייטיקער יידישער פעסימיסט, קהלת, האָט געזאָגט: „לכלב חי הוא טוב מן האריה המת" (אַ לעבעדיקן הונט איז בעסער ווי אַ טויטן לייב). דאָס איז אָבער גילטיק נאָר פאַר חיות (סיי פיר־פיסיקע, סיי צוויי־פיסיקע). מענטשלעכע „לייבן" — זיי זיינען אָבער קיינמאָל ניט טויט. זיי לעבן אייביק אין דער וועלט פון מחשבה און קאָנען ניט געשעדיקט ווערן דורך בילער און בייסער.

„מאָרגן־פרייהייט"

וויליאַם עדלין:

צום שאַנד־סלופּ פון דער יידישער עפנטלעכקייט

די נייסטע אָנפאַלן אויף דעם פאַרשטאָרבענעם גרויסן דענקער און שרייבער דר. חיים זשיטלאָווסקין זיינען אַ פּשוטער סקאַנדאַל, וואָס די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט טאָר ניט פאַרשוויגן. דער אָנפאַל קומט פון זעלבן ווינקל, פון וואַנען מען האָט זיך שטאַרק געמיט צו פאַרשאַפן דר. זשיטלאָווסקין יסורים די לעצטע פאַר יאָר פון זיין לעבן. מ׳האָט געקאָנט מיינען, אַז נאָכדעם ווי דער גרויזאַמער מלאך־המות האָט דר. ח. זשיט־לאָווסקין אַרויסגעריסן פון לעבן, וועלן זיינע שונאים אָפּשטעלן זייער גיפטיקע קאַמפּאַניע קעגן אים. אָבער ניין, די שונאים זיינען נאָך געוואָרן דרייסטער, חוצפּהדיקער און געמיינער און זיי גיסן אויף זיין קבר עמערס, אָנגעפּילט מיט רכילות, ליגנס און פאַרלוימדונגען, וואָס האָבן צו זיך קיין גלייכן ניט אויף דער יידישער גאַס אין אַמעריקע.

צוליב וואָס איז דאָס געטאָן געוואָרן?

כדי צו באַרויבן אים פון זיין גלאָריע אַלס איינער פון די שענסטע, וויכטיקסטע און גייסטיק־פּרוכטבאַרסטע יידן פון אונדזער צייט!

וואָרים דאָס איז דאָך וואָס עס באַטייט די פאַרלוימדונג, וואָס עס מאַכן חיים ליבערמאַן, הלל ראָגאָף און אב. קאַהאַן, אַז דר. זשיטלאָווסקי איז געווען אַן אַנטיסעמיט און אַ היטלעריסט!...

וואָס פאַר אַ פאַרלוימדונג דאָס איז, וויס יעדער איינער, וואָס האָט געקענט דר. זשיטלאָווסקי, דעם מענטש און דעם געלערנטן, דעם רעוואָ־לוציאָנער און דעם שיינעם ייד.

אַ רעוואָלוציאָנער איז ער דאָך געווען פון זיין יוגנט אָן, אין וויטעבסק, ביזן סוף פון זיין לעבן צווישן אונדז דאָ אין דער נייער וועלט; און דעם שטויס צום יידישן לעבן און יידישע פּראָבלעמען האָט אים געגעבן די צאַרישע פּאָגראָם־כוואַליע פון די 80ער און 90ער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. יענע דערשיטערנדיקע און ביטערע דערפאַרונג פון זיין יוגנט האָט אים פאַקטיש אַרויפגעפירט אויף דעם וועג, אויף וועלכן ער האָט געשפּאַנט מיט פעסטע טריט זיין גאַנץ לעבן.

וואָס פאַר אַ וועג איז דאָס געווען?

דאָס איז געווען דער וועג פון פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט פון דעם יידישן פאָלק אויף די יסודות פון אַרבעט בכלל, ערד־אַרבעט בפרט, און פון אַריינפירן די וועלטלעכע קולטור אין דער פאָלקס־שפּראַך — יידיש!

דאָס איז נאָך ניט אַלץ. דר. זשיטלאָווסקיס נאַציאָנאַליזם איז געווען צונויפגעבונדן און טיף איינגעוואָרצלט אין די אידעאַלן פון סאָציאַליזם — דעם פרייען, מענטשן־דערהויבנדיקן סאָציאַליזם — דעם סאָציאַליזם, וואָס איז באַגרינדעט אויפן סינטעז פון אַ גליקלעך לעבן פאַר אַלע מענטשן און אַלע פעלקער.

אין די עטלעכע זאַצן איז סומירט דער גאַנצער לעבנס־אידעאַל פון דר. חיים זשיטלאָווסקי; און ווער עס וויל אים שטעמפּלען פאַר אַ שונא פון יידן און יידישקייט, אָדער פאַר אַ סאָציאַלן רעאַקציאָנער, איז אַ פּשוטער פאַרלוימדער.

אַזוי ווי אָבער אין דער איצטיקער וואַקכאַנאַליע פון האָס, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דעם אָנדענק פון דר. זשיטלאָווסקי, ווערט הויפּט־זאַכלעך געשטעלט אונטער אַ פראַגע זיין יידישקייט, איז עס אין דעם מאָמענט וויכטיק צו באַטאָנען זיין גרויסע ליבע צו אַלץ וואָס איז יידיש און צום יידישן פאָלק.

דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט געחלומט פון אַוועקשטעלן דאָס יידישע פאָלק אויף אייגענע פיס, עקאָנאָמיש און קולטורעל. ער איז געווען אַן אויס־געשפּראָכענער שונא פון דעם גלות־לעבנס־שטייגער. ווי אַ וועלטלעך־געבילדעטער מענטש, האָט ער אומאויפהערלעך געקעמפט פאַר דער קול־טורעלער דערהויבונג פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

ס׳וועט ניט זיין אויף אַ האָר איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז דר. זשיט־לאָווסקי האָט געטאָן מער פאַר דער דערהויבונג פון יידיש אַלס שפּראַך, ווי ווער אַנדערש. ער האָט אין דער פאָלירונג און אויסשלייפונג פון יידיש אַלס שפּראַך געזען די פּערספּעקטיוון פאַר אַ העכערער קולטור־דערגרייכונג פאַר די מאַסן פון יידישן פאָלק.

ווי אָפט האָבן מיר באַוואונדערט זיין שיינעם, קלאָרן, ריינעם יידיש, וואָס ער פלעגט רעדן! ס׳איז ביי אים געווען אַ פּרינציפּ־זאַך — צו פאָרמו־לירן זיינע טיפסטע געדאַנקען אויף אַ גאַנץ איינפאַכן, קרישטאָל־ריינעם יידיש; און אויב אונדזער גרויסער יצחק לייבוש פּרץ איז גערעכט געווען, ווען ער האָט מיט 36 יאָר צוריק געזאָגט אויף דער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ, אַז יידיש איז פאַר אים ניט קיין שפּראַך, כל זמן זי איז ניט די שפּראַך פון דער אינטעליגענציע — יאָ, אויב פּרץ איז גערעכט געווען מיט זיינע ווערטער, דאַן מוז מען אָנערקענען, אַז דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט זייער פיל בייגעטראָגן צו דער אָנערקענונג פון יידיש אַלס אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק. ס׳איז דאָך ניט צו לייקענען,

אַז די יידישע אינטעליגענציע האָט כסדר געלייענט דר. זשיטלאָווסקין מיטן טיפּסטן אינטערעס; און יענע, וואָס האָבן אים געלייענט, האָבן זיך שוין ניט באַצויגן צו יידיש מיט ביטול ווי עפּעס צו אַ „זשאַרגאָן".

קאָן דען ווער צווייפלען, אַז דר. זשיטלאָווסקי האָט צערטלעך־טריי געליבט די יידישע שפּראַך און בייגעטראָגן צו איר גלאַנץ און ווירדע?

דער שרייבער געדענקט נאָך גוט, וואָס פאַר אַ פּוראָר דר. זשיטלאָווסקי האָט געמאַכט אויף דער יידישער גאַס אין ניו־יאָרק, ווען ער איז אַהער געקומען דאָס ערשטע מאָל מיט 39 יאָר צוריק, אין דער באַגלייטונג פון דער באַרימטער רעוואָלוציאָנערקע, די „באַבושקאַ" ברעשקאָווסקאַיאַ. פאַר אונדזער יידישער אינטעליגענציע אין ניו־יאָרק האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. ער איז דאָך געווען אַזאַ וואונדערלעכער לעקטאָר און באַצויבערט האָט ער אַלע זיינע צוהערער ניט בלויז מיט זיין מאַגנעטישער פּערזענלעכקייט, ניט בלויז מיט זיין נאַציאָנאַל־יידישן צוגאַנג צום סאָציאַליזם, נאָר אויך מיט זיין פּרעכטיקן יידיש. זיין השפּעה איז געווען שטאַרק אויף דער דענקענדיקער יידישער יוגנט, פאַר וועלכער ער איז געווען אַן אינספּיראַציע, ניט ווייניקער ווי פאַר די עלטערע יידישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געגאַרט צו זיין אויך גוטע יידן אין קולטורעלן זין פון וואָרט.

און דאָס איז דער מענטש, אויף וועמען ס'איז פאַרשפּרייט געוואָרן דער בלבול, אַז ער איז געווען זיין גאַנץ לעבן אַ „ווילדער אַנטיסעמיט, וואָס האָט געפּריידיקט, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל באַגיין זעלבסטמאָרד, און האָט באַרעכטיקט פּאָגראָמען און היטלערן..."

אונדזער יידישע גאַס, באַזונדערס דאָרט פון וואַנען עס ווערן פאַבריצירט און פאַרשפּרייט פּאַסקווילן אויף אַזוינע יידישע שיין־גייסטער ווי דר. זשיטלאָווסקי, קאָן זיך אין דעם פאַל ניט איבערנעמען מיט איר ווירדע. אַזאַ סקאַנדאַליעזע פאַסירונג וואַרפט אַ פלעק אויף אונדזער אינטעליגענץ, אויף אונדזער באַציאונג איינע צו די אַנדערע, אויף אונדזער אויפריכטיקייט און ערנסטקייט.

טאָר דעריבער די זאַך ניט פאַרבייגיין ווי אַ געוויינלעכער אינצידענט.

די שולדיקע מוזן געשטעלט ווערן צום שאַנד־סלופּ פון דער ברייטער עפנטלעכקייט און געמאַכט ווערן צו פילן, אַז אַזאַ הפקרות קאָן ניט געדולדעט ווערן אָן אַ ווירקזאַמען געזעלשאַפטלעכן פּראָטעסט.

אין דעם איצטיקן פאַל דאַרפן מיר ניט מורא האָבן טאָמער וועט דער מיאוסער בלבול פאַרמינערן אויף אַ האָר דעם גלאַנץ פון דר. זשיטלאָווסקיס אָנדענק. דאָס געוויס ניט. אָבער מיר, לעבעדיקע, זיינען איינפאַך שאָקירט פון דער הפקרות און — באַליידיקט. איז דאָס אַ געזעלשאַפטלעכער ענין, וואָס מוז אויפגענומען ווערן פון אונדז אַלעמען מיט דער גאַנצער ערנסטקייט.

„יידישע קולטור"

ש. ערדבערג:

די קאַהאַן־ראָגאָף־ליבערמאַן בלבולים

אין די לעצטע אויסברוכן פון אַנטיסעמיטישן טעראָר אין ניו־יאָרק, באָסטאָן און שיקאַגע האָבן די כוליגאַנעס פאַרשוועכט און געשענדט אַ צאָל יידישע קברים, — זיי האָבן די ערד צעטראָטן, צעטאָפּטשעט, די מצבות אויסגעריסן, אומגעוואָרפן און צעבראָכן.

דאָס האָבן געטאָן קאָגליניסטן.

און נאָך אַ יידיש קבר, זייער אַ חשוב קבר, איז לעצטנס פאַרשוועכט און געשענדט געוואָרן — דאָס קבר פון גרויסן יידישן דענקער און פייערדיקן קעמפער דר. חיים זשיטלאָווסקי.

דאָס האָבן געטאָן קאַהאַניסטן.

שיכור פון קאַהאַנס וואַנזיניקן האַס, שפּרינגען די קאַהאַניסטן און זייער גיפטיקער אָרגאַן, דער „פאָרווערטס", אויף דעם ערנהאָפטן קבר פון דר. חיים זשיטלאָווסקי, דער גייסטרייכער בויער פון דער יידישער קולטור; פאַרכלינענדיק זיך אין אַ ווילדן געצנדינערישן טאַנץ, טרעטן זיי און טאָפּ־טשען אויף דער פרישער ערד און רייסן און ברעכן די נאָך־נישט־געשטעלטע מצבה.

די קאַהאַניסטן און דער „פאָרווערטס" האָבן סאַבאָטאַזשירט דעם קאַמף קעגן די קאָגליניסטן, קעגן אַנטיסעמיטישן טעראָר; זיי האָבן נישט געלאָזט באַקעמפן די ווילדע אַטאַקעס אויף יידן.

אַנשטאָט דעם האָבן די קאַהאַניסטן און דער „פאָרווערטס" אָנגעהויבן אַ שרעקלעכן און שענדלעכן קאַמף קעגן דעם רעכטפאַרטיקן און ליכטיקן אָנדענק פון דר. חיים זשיטלאָווסקי.

חיים ליבערמאַן האָט אָנגעהויבן דעם שרעקלעכן און שענדלעכן קאַמף קעגן דר. חיים זשיטלאָווסקי.

אַ טרייף־פּסול האָט ער געשריבן קעגן דר. זשיטלאָווסקי, אַן אומריינע שריפט, פול אומזיניקייטן, פעלשונגען און בלבולים.

„יידן און יידישקייט אין די שריפטן פון דר. ח. זשיטלאָווסקי" איז דער נאָמען פון דעם מיאוסן ליבערמאַן־פּאַסקוויל, און ס'איז אַ נייער באַנד פון דער אַלטער צעפוילטער בלבולים־סחורה, די טמא „פּראָטאָקאָלן פון זקני ציון" — פונקט אַזוי אומזיניק און פונקט אַזוי פאַלש.

ס'איז נישט די ערשטע שריפֿט פֿון אומריינעם מין. אונדזער פֿאָלק האָט געננג געליטן און ליידט פֿון אַזעלכע פּאַסקווילן, אָן אַ שיעור זיינען זיי — אָנהויבנדיק פֿון דעם עגיפּטישן גלח מאַנעטאָ און פֿריידיקער אַפּיאָן מיט טויזנטער יאָרן צוריק ביז די לעצטע שטרייכערס שטירמערייען, געבעלס געבילערייען און קאַגליגנס פּאַסקווילן קעגן יידן און קעגן תּלמוד.

די היגע היטלער־אַגענטן פֿאַרשפּרייטן איבער אַמעריקע אַ קאַגליניס־טישן פּאַסקוויל קעגן תּלמוד. „אויסצוגן פֿון תּלמוד" הייסט ער און ער ווערט שטאַרק פֿאַרשפּרייט צווישן דער נישט־יידישער באַפֿעלקערונג. איז דאָס געפֿערלעכער, טויטלעכער גיפֿט, סם־המות. פּאָגראָם־העצע פֿון שעדלעכסטן מין. פֿון דער ערשטער שורה ביז דער לעצטער פֿול מיט די אומזיניקסטע פֿעלשונגען און נידערטרעכטיקסטע בלבולים אויף יידן און דעם תּלמוד. דאָס בלוט פֿרירט אין די אָדערן פֿון די שרעקלעכקייטן, וואָס דער קאַגלין־פּאַסקוויל דערציילט אויף דער גמרא און אויפֿן יידישן פֿאָלק.

ס'איז אַ טיוולשע פּאַטראָווע פֿון סמיגע קרייטעכצער, געקליבן אויפֿן היטלער־פֿעלד און געווייקט אין גיפֿט־זאַק פֿון אַ שלאַנג, צוגעשטעלט אין אַ שטרייכער־קעסל, אויף געבעלס אויוון און געקאָכט אין מענטשן־בלוט — מיט די קאַגליניסטן אַלס סאַרוועוערס.

און פּונקט אַזאַ טייוולשע פּאַטראָווע האָט צוגעגרייט ליבערמאַן קעגן דר. זשיטלאָווסקי און — ראַגאָף און קאַהאַן זיינען די סאַרוועוערס.

צווילינג־ברידער זיינען זיי — ביידע פּאַסקווילן. אַ פֿאַרשאָלטענער צווילינג, ווערעמדיקע קאַליקעס, פֿינצטערע פּאַרזעענישן, פֿאַרטראַכט אין קראַנקע, האַלב־משוגענע געהירן, געבוירן פֿון פֿאַרפֿוילטע זוימען אין טראַכט פֿון אַ מכשפֿה.

יעדעס אות אַ ליגן, יעדעס וואָרט אַ שקר, יעדע שורה אַ פֿעלשונג און יעדער זאַץ אַ בלבול אויף דר. חיים זשיטלאָווסקי, דעם גרויסן לערער פֿון זיין פֿאָלק און פֿייערדיקן קעמפֿער פֿאַר דער באַפֿרייאונג און אויסלייזונג פֿון יידישן פֿאָלק און פֿון אַלע אונטערדריקטע פֿעלקער.

אָט דעם אומריינעם עבודה־זרהדיקן פּאַסקוויל האָבן קאַהאַן און ראַגאָף, דער סולטאַן פֿון זענוסיע און זיין גרויס־וויזיר, אויפֿגעכאַפּט ווי אַ ריניקייט און זיך אַוועקגעלאָזט מיט אים אין אַ פּרעכן, אומפֿאַרשעמטן נאַקעט־טאַנץ און זיי האָבן נאָך צוגעגאָסן זייער אייגענעם פֿאַרשטונקענעם אויל אויף דעם בייזן פֿייער. מיט אַ באַזונדער גייציקן אַפּעטיט האָט דאָס געטאָן קאַהאַן, — ער, דער סימבאָל פֿון עם־הארצות, — קעגן דר. זשיטלאָווסקי, דעם סימבאָל פֿון קולטור. קאַהאַן, דער פֿאַרביליקער און שענדער פֿון יידישן וואָרט, האָט נאָך צוגעטראָגן זיין מיאוס חלק פֿון ווילדע „שטירמער"־בלבולים אויף דעם גרויסן, באַליבטן און געערטן רבי פֿון צוויי דורות יידן, אויף דעם באַשיינער, אויסאיידלער און דערהויבער פֿון יידישן וואָרט.

דער אמת־שולדיקער, דער הויפּט־שולדיקער אין דעם שרעקלעכן פֿאַר־ברעכן איז אבא קאַהאַן, דער אַלטער גרויזאַמער פּייניקער און שופך־דמים. ווען נישט ער, מיט זיין אומגעזעטיקטן האַס צו דר. זשיטלאָווסקי, וואָלטן ראַגאָף און ליבערמאַן וואַרשיינלעך נישט געהאַט די העזה צו טאָן די דאָזיקע נבלה בישראל.

פֿריער האָט ליבערמאַן געדאַרפֿט זיך אַליין אָפּהאַקן די רעכטע האַנט איידער ער האָט אָנגעשריבן דעם נייעם „פּראָטאָקאָלן"־פּאַסקוויל. ראַגאָף האָט זיך אויך געדאַרפֿט אָפּבייסן די דוימענפֿינגער איידער ער האָט גע־שריבן זיין לויב־געזאַנג אויף דעם אומריינקייט.

ווי קאָנען מענטשן, נאָך דערצו יידישע שרייבער, פֿאַלן אַזוי נידעריק? ווי קאָנען זיי אָפּמעקן פֿון זיך דעם לעצטן שפּור פֿון צלם־אלהים, דעם מינדסטן צייכן פֿון מענטש?

ס׳איז אמת, אַז קאַהאַן איז אַ שווידערלעכער טיראַן. ס׳איז אמת, אַז אַלע, וואָס אַרבעטן אונטער אים, זיינען אין שטענדיקער געפֿאַר אַריינ־צופֿאַלן אין זיין אומגענאָד און דאָס מיינט פֿאַרפֿאָלגונג און אויסראָטונג. דעריבער ציטערן זיי פֿאַר אים אימת־מות. ס׳איז אמת, אַז קאַהאַן איז אַ טיראַנישער דיקטאַטאָר אין מיניאַטור, אַ פֿאַרפֿאָלגער און אַ פּייניקער און אין זיינע גרענעצן איז קיינער קיינמאָל נישט זיכער נישט מיטן גייסטיקן און נישט מיטן מאַטעריעלן לעבן. אַ קליין־טרעבלינקע האָט ער, קאַהאַן, וואו ער מאַטערט זיינע קרבנות, וואו ער טויט זיי גייסטיק. גענוג שרייבער און כלל־טוער האָט דער אַלטער געפּייניקט און זייער לעבן פֿאַרקירצט.

ווייסנדיק דאָס אַלץ, דערוועקט זיך אַ פֿונק רחמנות אויף דער געפֿאַלנ־קייט פֿון ליבערמאַן און ראַגאָף אינאיינעם מיט דעם טיפֿן ווייטיק און גרויסן צאַרן, וואָס זייער געמיינזאַמע נבלה רופֿט אַרויס. כאָטש אין אמתן איז אָסור לרחם אויף זיי. אַ מענטש מוז האָבן גרענעצן, ער טאָר זיך נישט פֿאַרקויפֿן דעם טייוול ווי זיי האָבן זיך פֿאַרקויפֿט. מענטשן מיט אַ פֿונק געוויסן ווייסן, אַז עס זיינען דאָ מאָמענטן פֿון „יהרג ועל יעבור", — בעסער אומקומען איידער באַגיין אַ שרעקלעך פֿאַרברעכן. יידן אין געטאָ שטעלן זיך קעגן היטלערן און דאָ אין ניו־יאָרק העלפֿן ליבערמאַן און ראַגאָף קאַהאַנען גיפֿט־מישן אין זיינע מכשפה־קעסלען, וואַרפֿן בלאָטע און גיסן שמוץ אויף די שענסטע גייסטער, פֿאַבריצירן בלבולים און זיי פֿאַרשפּרייטן, גיסן סם אין די גייסטיקע שפּייז פֿון דעם עולם, פֿאַרסמען די לייענער און זיי פֿאַרדאַרבן.

וואָס פֿאַר אַ פֿינצטערע פֿאַרשווערונג קעגן איינעם פֿון די ליכטיקסטע יידישע גייסטער! אַזעלכע פֿאַרשווערונגען קעגן יידן האָבן געמאַכט מיט הונדערטער יאָרן צוריק די משומדים־מוסרים פֿעפֿערקאָרן, די פֿראַנקיסטן

אין זייערע שענדלעכע פּאַסקווילן פול אומוויסנהייט, פעלשונגען און בלבולים.

אויף מיין וואָרט, ס'איז שווער, דערווידער, צו מאַכן די פאַרגלייכונגען צווישן יידישע שרייבער אויף דיין גאַס און די אַמאַליקע משומדים-מוסרים און די היינטצייטיקע נאַצי-מערדער און קאַגלינִיסטישע אויסוואורפן. ס'איז שווער און דערווידער.

ס'איז אָבער דער אמת. דער שרעקלעכער, טרויעריקער אמת, אַז דער אַנטי-זשיטלאָווסקי פּאַסקוויל איז ענלעך צו די געפערלעכסטע אַנטי-יידישע פּאַסקווילן פון די גרעסטע צוררי-ישראל.

און מ'איז מחויב אָנצואווייזן אויף דעם. אַ הייליקע פליכט דערפילט מען, ווען מען מאַכט די פאַרגלייכונגען, מען ווייזט אָן אויף דעם געפערלעכן קוואַל פון דעם ליבערמאַן-קאַהאַן-ראַגאָף אַנטי-זשיטלאָווסקי קרייץ-צוג. אויף דער שרעקלעכער חברותא, אין וועלכער זיי, די בלבול-מאַכער, געפינען זיך.

און ווער ווייס, אפשר וועלן טייל פון זיי, ווען זיי וועלן דערזען אין וועלכן זומפּ זיי זיינען ביזן האַלדז, תשובה טאָן און זיך אָפּזאָגן פון דעם פּאַסקוויל. אַזעלכעס איז שוין געווען אין דער געשיכטע. אַפילו ווילדע אַנטיסעמיטן, שרעקלעכע העצערס קעגן יידן, שרייבער פון שוידערלעכע פּאַסקווילן, האָבן זיך אַרומגעזען און תשובה געטאָן. ליבערמאַן זאָגט דאָך, אַז ער איז אַ בעל-תשובה אויף פריערדיקע חטאים. אפשר וועט ער אויך תשובה טאָן אויף זיין לעצטן שענדלעכסטן און שרעקלעכסטן פאַרברעכן. אפשר וועט ראַגאָף זיך אויך אַרומזען, אַז ער איז פאַרפירט געוואָרן.

נאָר איינער איז האָפענונגסלאָז. ער וועט שוין קיינמאָל נישט חרטה האָבן אויף זיינע שענדלעכע פאַרברעכנס. ער, דער רשע, וועט אַפילו ביי דער טיר פון גיהנום נישט טאָן תשובה. ער וועט שוין בלייבן דער זעלבער שענדער און שעלטער, דער לעסטערער און פאַרפעסטערער פון יעדן שיינעם גייסט און דערהויבענעם געדאַנק. אב. קאַהאַן וועט שוין בעסער נישט ווערן. זיין נשמה האָט ער פאַרקויפט צום טייוול אויף אייביק.

זיבן קאַפּיטלען האָט דער אַנטי-זשיטלאָווסקי פּאַסקוויל מיט זעקס פראָוואָצירנדיקע נעמען: 1) אַ ייד קעגן יידן, 2) אונדזער אָנקלעגער פאַרן וועלט-געריכט, 3) דער קאַמף קעגן יידישקייט, 4) די נייע עבודה-זרה, 5) דער רוף צו שמד, 6) דער אַרויסטריט קעגן תלמוד. זעט מען פון די דאָזיקע נעמען ווי ליבערמאַן האָט גאַנץ ניכטער און באַוואוסטזיניק אויס-געפּלאַנט צו פאַרניכטן דעם געערטן און באַליבטן אָנדענק פון דר. זשיט-לאָווסקי און צו פאַרפירן דעם ברייטן יידישן עולם, וואָס וועט זיך נישט קאָנען פאַנאַנדערקלייבן, אַז זיי זאָלן גלויבן די בלבולים.

די נעמען אַליין וואַרפן אָן אַ שרעק. אַפילו דער בעסטער לייענער,

דער שאַרפסטער, ציטערט־אויף ווען ער דערזעט אַ „קעפל“ „אַ ייד קעגן יידן“. דאָס רופט גלייך אַרויס די פאַרשטעלונג פון משומד, ווייל אַ געבוירענער ייד קעגן יידן איז נאָר אַ משומד. פיל משומדים האָבן פאַרמסרט יידן, נעמט ליבערמאַן און זאָגט טאַקע גלייך דאָס צווייטע „קעפל“ — „אונדזער אַנקלעגער פאַרן געריכט פון דער וועלט“, וואָס דאָס מיינט: ער האָט יידן פאַרמסרט פאַר דער וועלט. און אַזוי די ווייטערדיקע „קעפלעך“ — „דער רוף צו שמד“, „דער אַרויסטריט קעגן תלמוד“ — אַ פּראָוואָקאַציע צו פאַרדרייען דעם לייענער, ער זאָל זיך דערמאָנען אין די אַלע שווידערלעכע משומדים, וואָס האָבן גערופן יידן צו שמד און זיי האָבן פאַרמסרט דעם תלמוד ביי די פויפּסטן, ביי קעניגן און קייסאָרים, וואָס האָבן עפנטלעך פאַרברענט דעם תלמוד.

אַ קלאָרער טרייפענער און אומריינער ציל, בכוונה געפעלשט. בערג בלבולים איבערצושרעקן, צו פאַרטומלען, דערוואַרטנדיק, אַז עפּעס וועט זיך אָנקלעפּן.

ליבערמאַן זאָגט גלייך אין אָנהויב, אַז דער באַרימטער יידישער היסטאָריקער ש. דובנאָוו האָט גערופן דר. זשיטלאָווסקין אַנטיסעמיט, און ער ברענגט נאָך דר. זשיטלאָווסקין פאַר אַן עדות, אַז דר. זשיטלאָווסקי האָט דאָס אַליין דערציילט „מיט אַ געוויסער גדלות“, און ער ווייזט נאָך אָן אַ כלומרשט אָרט אין דר. זשיטלאָווסקיס ווערק, וואו דאָס געפינט זיך. אַ ביטערע קונץ: אויב דר. זשיטלאָווסקי האָט דאָס אַליין דערציילט, און נאָך מיט אַ געוויסער גדלות, — וועט מען אים, ליבערמאַנען, גלויבן אויפן וואָרט און נישט גיין נאָכקוקן, און אַזוי וועט דאָס בלייבן.

אָבער נישט אַלע האָבן זיך געלאָזט פאַרנאַרן און אים נישט געגלויבט. (דר. מוקדוני איז, ליידער, יאָ געווען לייכטגלויביק און געלאָזט זיך פאַרנאַרן). מ׳האָט יאָ נאָכגעקוקט, און נישט ווייל מ׳האָט געוואָלט זיך איבערצייגן צי ס׳איז אַזוי אָדער נישט. די שקרים זעט מען גלייך אויפן אָרט, ביים לייענען. נאָכגעקוקט האָט מען צו ווייזן מיט ציטאַטן, אַז דאָס וואָס ליבערמאַן האָט געזאָגט, אַז „דובנאָוו האָט גערופן זשיטלאָווסקין אַנטיסעמיט“, איז אַ בלוט־בלבול, און אַז, אדרבה, דובנאָוו איז געווען אַ גרויסער פריינט זשיטלאָווסקיס. ער האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן מענטש, אַ גרויסן ייד און אַ גרויסן קעמפער פאַרן יידישן פאָלק.

נחמן מייזיל איז געווען דער ערשטער צו כאַפּן ליבערמאַנען ביי דער האַנט און ווייזן אויף דער גנבה, אויפן שווינדל. „אָט איז שוואַרץ אויף ווייס. חס־ושלום! דובנאָוו האָט נישט גערופן זשיטלאָווסקין אַנטיסעמיט. זשיטלאָווסקי האָט דאָס נישט דערציילט.“

וואָס האָט ליבערמאַן געטאָן ווען ער איז צוגענאָגלט געוואָרן צום שאַנדקלאָץ, לעיני כל ישראל? און וואָס האָט ער געדאַרפט טאָן?

אויב ער וואָלט נישט געווען געהאַט געמאַכט אַ יעזואיטישע פֿאַר־שווערונג קעגן זשיטלאָווסקיס אָנדענק, האָט ער געדאַרפֿט אָפּדרוקן אַ דער־קלערונג, אַז „דובנאָוו האָט טאַקע דאָס נישט געטאָן און זשיטלאָווסקי האָט דאָס נישט דערציילט". און אויב ער וואָלט נישט געוואָלט זיך שלאָגן חטאתי אויף דעם גאַנצן פֿאַסקוויל, האָט ער מער נישט געדאַרפֿט רעדן דערוועגן, נאָר שווייגן. אַראָפּלאָזן זיין זינדיקן קאָפּ מיט שאַנד און שווייגן. ס'איז דאָך קלאָר פֿאַר אַלעמען ווי ס'איז קלאָר דאָס ליכט פֿון דער זון אין אַ שיינעם העלן זומער־טאָג, אַז ער איז שולדיק.

ליבערמאַן האָט אַזוי נישט געטאָן. וואָס האָט ער יאָ געטאָן?

ער האָט געדרוקט אַ בריוו אין „פֿאָרווערטס", וואו ער טומלט, זידלט, שרייט היסטעריש וועגן שמד, אַ צווייטער בלבול זיינער, צו שיטן זאַמד אין די אויגן.

וועט מען אים אויך כאַפּן ביי דער האַנט מיט זיין בלבול וועגן שמד אויך (אין אַ צווייטן אַרטיקל). אָבער וועגן דעם אַנטיסעמיטישן שווינדל איז דאָ איין ענטפֿער:

די גאַנצע היסטעריקע זיינע, מיט שוים אויף די ליפּן, וועט נישט העלפֿן אים אויף אַ האָר. ער איז געכאַפּט געוואָרן ביי אַן אָפֿענעם, געפּלאַנטן יעזואיטישן בלבול.

נו, און ה. ראָגאָף? ווי האָט ראָגאָף געהאַנדלט? און ווי האָט ער געברויכט צו האַנדלען? וואָס איז געווען זיין פֿליכט צו טאָן, אויב ער וויל נישט זיין אַ שותף צום פֿאַרברעכן?

זיין רעצענזיע וועגן דעם ליבערמאַן־פֿאַסקוויל האָט דעם לייט־מאָטיוו „דובנאָוו־זשיטלאָווסקי־אַנטיסעמיטיזם". ראָגאָפֿס גאַנצער צאָרן איז איבער דעם אַנטיסעמיטיזם. נאָר איבער דעם האָט ער געגלויבט דעם פֿאַרפֿאַסער און געלעסטערט דר. זשיטלאָווסקין. האָט ראָגאָף געמוזט איצט דרוקן אַ דערקלערונג, אַז ער באַדויערט, וואָס ער האָט אָנגעשריבן דאָס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן און אַז ער איז פֿאַרפֿירט געוואָרן.

דאָס איז זיין עלעמענטאַרער חוב, אויב ער וויל נישט זיין אַ מיט־שולדיקער אין דער נבלה. אָבער ראָגאָף שווייגט. ער דריקט נישט אויס זיין חרטה. זיינע לעסטערונגען אויף דר. זשיטלאָווסקין האָט ער פּובליקירט פֿאַר צענדליקער טויזנטער מענטשן, און איצט האָט ער אָנגענומען אַ פֿול מויל מיט וואַסער און שווייגט, ווען ער איז שוין איבערצייגט, אַז ער איז פֿאַרפֿירט געוואָרן. ער ווישט נישט אָפּ מיט עפֿנטלעכער חרטה די שווערע און אומווירדיקע זלזולים, וואָס ער האָט געוואָרפֿן אויף דעם געערטן קאָפּ פֿון דעם גרויסן יידישן דענקער, קעמפֿער און פּאַטריאָט. ער שווייגט און

וויל נישט רייניקן זיך פון דעם פאַרברעכן, וואָס ער איז באַגאַנגען — איז ער אַ שותף צום פאַרברעכן.

(און קאַהאַן? וועגן אים איז נישטאָ וואָס צו רעדן. ער איז דאָך אַן אַלטער פאַרשווערער. ער גרייט שוין צו נייע פאַרשווערונגען און נייע בלבולים.)

ליבערמאַנס פּאַסקוויל איז אַ געפּערלעכער. אויב דר. מוקדוני האָט געקאָנט געשטרויכלט ווערן און אים לויבן, מיינט דאָס, אַז דער ברייטער עולם קאָן אַוודאי ווערן פאַרפירט און געשטרויכלט. דר. מוקדוני האָט אין זיין רעצענזיע נישט געזאָגט קיין גרינגשעציק וואָרט קעגן דר. ח. זשיט־לאָווסקין, כאָטש די ליבע פאַר דער אומריינער שריפט קומט אויס ווי אַ שרעקלעכע אַטאַקע, אומדירעקט, אויף זשיטלאָווסקין און אַ זינד קעגן אמת. איז אַ גרויסער וואונדער, וואָס אַזאַ שריפטשטעלער ווי דר. מוקדוני זאָל קאָנען געשטרויכלט ווערן פון אַ פּאַסקוויל. און ס'איז אויך זיין פליכט נאָכאַמאָל איבערצולייענען און צוריקרופן וואָס ער האָט געשריבן.

דר. חיים זשיטלאָווסקי איז געווען פון די יחידי־סגולה און אנשי מעלה, אַ שר פון גייסט, אַ ריטער פון פריהייט, איינער פון די שענסטע און איידלסטע פון די חכמי ישראל און אַ פּראָפעט פון גלייכהייט און גערעכ־טיקייט פאַר זיין פאָלק און פאַר אַלע פעלקער. זיין לעבן איז געווען אַן אָפן בוך. ער האָט גאָרנישט פאַרבאָרגן. טויזנטער תלמידים, אַנהענגער און פריינט האָט ער געהאַט; הונדערטער טויזנטער יידן האָבן אים געזען, געהערט זיינע לעקציעס און רעפעראַטן און געלייענט זיינע ווערק אין אַלע לענדער אויף דער וועלט. שטענדיק איז ער געווען פאַר די אויגן פון פאָלק. די אינטעליגענץ האָט אים געזען אין די קאַבינעטן און קאָנגרעס־קאָנ־פערענץ־צוזאַמענפאָרן, וואו ער האָט געקעמפט פאַר דעם גליק, פאַר דער גאולה פון יידישן פאָלק; אויף אַלע טריבונעס, אין אַ סך לענדער, פון אַמעריקע ביז ארץ־ישראל, האָבן די ברייטע יידישע מאַסן אים געהערט, ווי ער האָט גערופן צו אויסלייזונג; זיי האָבן געזען ווי זיין האַרץ האָט געברענט מיט פלאַמיקער ליבשאַפט צום יידישן פאָלק. און אַ סך זאַכן, וואָס מען האָט נישט געזען, האָט ער דערציילט אין זיינע דערינערונגען, דער אָפנסטער און דער וואָרהאַפּטיקסטער.

אָט אויף אים זיינען דאָס אַזעלכע מיאוסע בלבולים געמאַכט געוואָרן! יידישע שרייבער האָבן געמאַכט די בלבולים און יידישע שרייבער לאָזן זיך פאַרפירן און גלויבן די בלבולים.

ס'טוט שטאַרק וויי, און ס'איז שוין באַלד נישט קיין וואונדער, וואָס היטלער און קאָגלין מאַכן בלבולים אויף יידן, און ס'איז שוין באַלד נישט

קיין וואונדער, וואָס ס׳געפינען זיך אַ סך מענטשן, וואָס גלויבן זייערע בלבולים.

אויב יידישע שרייבער — קאַהאַן, ראָגאָף און ליבערמאַן — קאָנען אויסטראַכטן בלבולים פון אַנטיסעמיטיזם און שמד אויף דר. זשיטלאָווסקי, טאָ וואָס איז דער וואונדער, וואָס צאַר ניקאָלאַי דער לעצטער, ימח שמו, האָט געמאַכט אַ בלוט-בלבול אויפן יידישן פאָלק?

אַזוי ווי מען מוז אָנווייזן אויף גיפטיקע שוואָמען, אויף פאַרפעסטעטע וואַסער-מיט-מגפה-באַצילן, מוז מען אויך אָנווייזן אויף די פאַלשקייטן און בלבולים פון דעם אַנטי-זשיטלאָווסקי פּאַסקוויל, כדי דער עולם זאָל נישט ווערן געשטרויכלט. איך האָף דאָס צו טאָן אין אַ ריי אַרטיקלען.

„יידישע קולטור"

מנשה אונגער:

דער נייער פראַנקיסטן־בלבול

אין יאָר 1759 האָט יעקב פראַנק מיט אַ גרופּע פון זיינע אַנהענגער דערלאַנגט דעם אַרכיבישאָף לובינסקי פון לעמבערג אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די יידן, אַז זיי באַנוצן קריסטלעך בלוט אויף פּסח, וואָרים די יידן זיינען אַנהענגער פון תלמוד און „דער תלמוד לערנט, אַז יידן דאַרפן באַנוצן קריסטלעך בלוט אויף פּסח".

דער אַרכיבישאָף האָט זיך געפרייט מיט דער דאָזיקער באַשולדיקונג, וואָס קומט פון יידישע פאַררעטער, און ער האָט אַרויסגערופן פאָרשטייער פון יידן צו האָבן אַן עפנטלעכן ויכוח מיט די פראַנקיסטן.

קאָן מען זיך פאָרשטעלן מיט וואָס פאַר אַן עקל־געפיל די רבנים, די פאָרשטייער פון יידנטום, זיינען געקומען צום ויכוח, כדי צוריקצושליידערן דעם שרעקלעכן בלבול, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון יידישע אויסוואורפן, אַז יידן באַנוצן זיך ניט מיט קריסטלעך בלוט אויף פּסח.

אָט דעם זעלבן עקל־געפיל האָט זיכער געהאַט יעדער איינער, ווער עס האָט געדאַרפט צוריקשליידערן דעם בלוט־בלבול, וואָס די נייע פראַנקיסטן־סעקטע פון „פאָרווערטס" האָט אויסגעטראַכט אויף אונדזער גרויסן דענקער, דעם גייסטיקן ריז — דר. חיים זשיטלאָווסקי, אַז ער איז געווען אַ „ווילדער אַנטיסעמיט" און האָט „געראָפן צו שמד"...

ווייל וואָס הייסט מיר ווען זיך אַוועקשטעלן אויסטענהן מיט אַ באַנדע יידישע פאַררעטער, אַז דר. חיים זשיטלאָווסקי איז ניט געווען קיין אַנטי־סעמיט? ווערט ניט דאָס פּנים רויט פאַר בושה, אַז מען דאַרף גאָר אַזאַ פראַגע באַרירן? איז דען פאַראַן איין מאָדערנע יידישע נאַציאָנאַלע ריכטונג אין אַמעריקע און, אַן שום גוזמא, אין דער גאַנצער וועלט, וואָס זאָל ניט האָבן געשעפּט פון דר. זשיטלאָווסקיס גייסטיקער עשירות? זיינען דען ניט די מערסטע יידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען אין אַמעריקע, גייסטיקע קינדער פון דר. חיים זשיטלאָווסקין? האָט ער דען ניט ביז צום סוף פון זיין לעצטן אָטעם־צוג געפּרעדיקט פאַר די בעסטע אינטערעסן פון דעם יידישן פאָלק און פון דעם איינצעלנעם ייד? איז ער ניט געפאַלן ווי אַ

סאָלדאַט אויפן שלאַכטפעלד פאַר דעם גרעסטן אידעאַל פון אונדזער צייט, פאַר אייניקייט צווישן יידישן פאָלק, פאַר אַ בעסערן מאָרגן?

איז, וואָס הייסט מיר וועלן קומען פאַרטיידיקן דר. זשיטלאָווסקין און אויפווייזן, אַז ער איז ניט געווען קיין „ווילדער אַנטיסעמיט", — איז דאָס ניט קיין חלול־הקודש? און חלול־השם?

אָבער פונקט ווי די רבנים אין יאָר 1795 האָבן געמוזט פאַרטיידיקן דעם תלמוד און דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, אַזוי האָבן ריכטיק געטאָן די אַלע יידישע שרייבער, אַנהויבנדיק פון נחמן מייזיל, יעקב מילך, קלמן מרמר, וו. עדלין, ש. ניגער, דר. י. שאַצקי, ש. ערדבערג, און אַנד., וואָס האָבן צוריקגעשליידערט דעם בלוט־בלבול, וואָס די מאָדערנע „פאָרווערטס"־פראַנקיסטן האָבן אויסגעטראַכט אויף דר. חיים זשיטלאָווסקי.

ווילן מיר דעם דאָזיקן בלוט־בלבול מער ניט באַרירן, בפרט נאָך אַז די מאָדערנע פראַנקיסטן־פאַרלוימדער זיינען פון אַלע פריער־דערמאָנטע שריפטשטעלער צוגענאָגלט געוואָרן צו דער וואַנט און געשטעלט געוואָרן לפני קהל ועדה, ווי וויסטע ליגנער.

די איינציקע פראַגע, וואָס איך וויל באַרירן, איז: דער הינטערגרונט פון דעם שרעקלעכן בלבול. ווי קומט דאָס, וואָס אייב קאַהאַן האָט באַשלאָסן גראָד איצט אַרויסצוקומען מיט דער דאָזיקער פאַלשער באַשולדיקונג קעגן אונדזער גייסטיקן פירער?

די „אַנטדעקונגען", וואָס זיין משרתל חיים ליבערמאַן האָט געמאַכט, זיינען דאָך ניט אַרויסגעגראַבענע דאָקומענטן, וואָס זיינען ביז איצט געלעגן טיף אין אַ קעלער פון אַן אַלטן אַרכיוו און זיינען געווען פאַרהוילן פון מענטשלעכן אויג, ביז עס איז געקומען דער גרויסער „געלערטער" חיים ליבערמאַן און האָט זיי אַנטדעקט פאַר אונדז?

דער גאַנצער פּאַסקוויל, וואָס ליבערמאַן האָט צוגעשטעלט, איז דאָך געבויט אויף דר. זשיטלאָווסקיס שריפטן, אַרטיקלען און רעדעס, וואָס מיר אַלע האָבן זיי געליינט, שטודירט און געהערט מיט אונדזערע אייגענע אויערן, איז פאַר וואָס האָט מען זיי געדאַרפט גראָד איצט אַנטדעקן?

אָט דאָס איז די הויפּט־פראַגע, וואָס מיר דאַרפן זיך שטעלן.

און כדי צו געבן אויף דעם אַן ענטפער, איז וויכטיק זיך צו פאַרטראַכטן וועגן עצם ענין און טיפערע סיבות פון דער אָרגאַניזירטער אַטאַקע, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פון „אייביקאַן" (דאָס איז דר. זשיטלאָווסקיס אַ ווערטל, אַז „מיר האָבן אַ „וואַטיקאַן" און אַן „אייביקאַן").

און די טיפערע סיבות זיינען: ווייל אייב קאַהאַן האָט דערזען, אַז זיינע לייענער ווערן אויפגעבראַכט אויף די פאַרשיידענע אַנטי־יידישע אַרטיקלען, וואָס ווערן געדרוקט טאָג־איין טאָג־אויס אין „פאָרווערטס".

האָט אייב קאַהאַן פאַרטראַכט: זיך צו באַנוצן מיט דעם אַלטן אויס־

געפּרוּאווטן מיטל, וואָס דער צאַר ניקאָלאַי מיט די שוואַרץ־מאהניקעס האָבן זיך באַנוצט אין אַמאָליקן רוסלאַנד:

די רוסישע פּויערים זייענדן געוועז אומצופרידן, אין לאַנד האָט גע־הערשט אַ הונגער, האָט מען געדרייצט די פֿאָלקס־מאַסן צו מאַכן פּאָגראָמען אויף יידן, אָפּגעלענקט זייער אויפמערקזאַמקייט פון דעם אמתן שונא פון לאַנד און זיי געהייסן שטילן זייער הונגער מיט מאָרדן און ראַבירן יידיש האָב און גוטס.

מיט דעם זעלבן מיטל באַנוצט זיך איצט אייב קאַהאַן.

אין אַמעריקע צעוואַקסט זיך דער אַנטיסעמיטיזם. די קאָגלין־שלאַנג הייבט אויף איר קאָפּ, אין ברוקלין דרייט זיך אַרום אַ היטער פון דער אָרדענונג, דער פּאָליציאַנט דזשיימס דריו, וועלכער איז געכאַפּט געוואָרן ביי דער האַנט אַלס אַנטיסעמיט, אַלס בוזעם־פריינט פון צעיושעטן פּאָגראָם־העצער דזשאָו מעקוויליאַמס. די יידישע מאַסן זיינען אויפגעבראַכט גע־וואָרן, עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם פון פּראָטעסט און אַ פֿאָדערונג, אַז דריו זאָל באַזייטיקט ווערן. און וואָס האָט געטאָן דער „פֿאָרווערטס״?

דער נייער פּראַנקיסט און גיפט־מישער הלל ראָגאָף האָט דעם 20טן יאַנואַר, אין זיין וועכנטלעכן אָפּטייל, וואָס גייט אונטערן נאָמען „אין איצטיקן מאָמענט״, געגעבעלט: „אויב אַפילו אַלע באַשולדיקונגען קעגן אים (דריו׳ן) זיינען ריכטיק, איז זיין פֿאַרברעכן ניט אַזוי גרויס, אַז מען זאָל אים ניט קאָנען פֿאַרגעבן.״

דער צווייטער „פֿאָרווערטס״־פּראַנקיסט, ל. פֿאָגעלמאַן, האָט אָפּגע־מלאכהט אַן אַרטיקל אין „פֿאָרווערטס״ (דעם 22טן פעברואַר), וואו ער האָט געזוכט צונישט צו מאַכן די אַקציע, וואָס ווערט געפירט קעגן אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע. דער דאָזיקער תכשיט האָט די זכיה געהאַט גלייך איבער־געדרוקט צו ווערן אין פֿאָטערל קאָגלינס בלעטל „די טאָבלעט״. דער צאַצקעדיקער „צעשיסער״ פון „וועקער״, וואָס זיין נאָמען ווילט זיך מיר גאָר ניט דערמאָנען, האָט געשריבן, אַז מען דאַרף ניט מאַכן קיין „טומל״ קעגן אַנטיסעמיטיזם.

ווערט געדרוקט אַ באַריכט אין דער „טאַימס״ (19טן מערץ) ווי אַזוי די פּוילישע גלות־רעגירונג האָט איינגעאָרדנט אַ געטאָ פֿאַר יידן אין טעהעראַן, ווערט דער באַריכט איבערגעדרוקט אין אַלע יידישע צייטונגען אין ניו־יאָרק, נאָר ניט אין דעם פּראַנקיסטישן „פֿאָרווערטס״.

אָט אַזוי העלפֿט אייב קאַהאַן באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם.

אָבער די יידן אין אַמעריקע פילן פֿאַרט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם שטאַרקט זיך אין לאַנד, אַז דער פֿאַשיסטישער רענקין לאָזט ניט דורך קיין איין געלעגנהייט וואו ער זאָל ניט אָנגרייפן די „קאַיקס״, — האָט „אייביקאַן״ געפּרוּווט זיך באַנוצן מיט דעם אַלטן צאַרישן מיטל.

„שאַט, יידן, — האָט ער געזאָגט צו זיינע פאַרפירטע לייענער. — איר ווילט קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם? אָט וועל איך אייך צושטעלן דעם „ווילדסטן אַנטיסעמיט", וואָס יידן האָבן ווען עס איז פאַרמאָגט", און קעמפט קעגן אים. זיין נאָמען איז דר. חיים זשיטלאָווסקי...

און „אייביקאַן" האָט אַריינגערופן זיין אונטערלעקער און געהייסן אים מאַכן אַ „דזשאַב", מאַכן אַ בלוט-בלבול אויף אונדזער אַלעמענס לערער.

און קיין שווערע אַרבעט האָט דאָס פראַנקיסטל ליבערמאַן ניט געהאַט. ער האָט אַרויסגענומען זיינע שמירערייען, די ביכלעך זיינע „שדים אין מאָסקווע" און „דר. ח. זשיטלאָווסקי און ש. ניגער", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין די יאָרן 1935-1937, און האָט בלויז מוסיף געווען דאָס וואָס ער האָט געלערנט פון היטלערן, אַז וואָס גרעסער דו וועסט זאָגן אַ ליגן, אַלץ מער וועט מען דיר גלויבן. האָט ער אין זיין פאַסקוויל אַריינגעשטעלט, אַז אויך דער גרויסער היסטאָריקער דובנאָוו האָט געהאַלטן דר. זשיטלאָווסקין פאַר אַן אַנטיסעמיט. דערנאָך זיינען שוין געקומען די אַנדערע פראַנקיסטן, די ראַגאָפס און די קאַהאַנס, און האָבן זיך צעשמירט און געמאַכט אַ ווילדע אַטאַקע אויף דר. זשיטלאָווסקין, אַזוי אַז די לייענער פון פראַנקיסטישן „פאָרווערטס" — האָבן זיי גערעכנט — וועלן פאַרגעסן ווער די אמתע אַנטיסעמיטן זיינען און וועלן זייער גאַנצן צער און צאָרן אויסלאָזן אויף דעם נייעם ווילדן אַנטיסעמיט, וואָס דער גרויסער „געלערטער" און כשרער ייד חיים ליבערמאַן האָט אַנטדעקט...

אָט הערט ווי דער קאַזשעלקע-מאַכער שרייבט אין זיין „דר. ח. זשיטלאָווסקי און ש. ניגער": „קיינער דאַרף מיר ניט דערציילן וועגן זשיטלאָווסקיס פאַרדינסטן. אין מיין בוך „ליטעראַרישע סילועטן" האָב איך אַן אַרטיקל וועגן זשיטלאָווסקין. לייענט עס, אַדרבה, איבער און זאָגט צי האָט עמעצער העכער איינגעשאַצט זיינע פאַרדינסטן ווי איך!..."

איז דאָך גוט? מיינט איר דאָך, אַז ער שאַצט אָפּ און פאַרשטייט דר. זשיטלאָווסקין? הויבט זיך גאָר ניט אָן! באַלד זוכט ער אין דעם דאָזיקן ביכל צו באַשולדיקן דר. זשיטלאָווסקין מיט אַלע בלוט-בלבולים, וואָס ער האָט דערנאָך איבערגעחזירט אין זיין איצטיקן פאַסקוויל: „יידן און יידישקייט אין די שריפטן פון דר. חיים זשיטלאָווסקי".

אָבער אַ חוץ די באַנדיטסקע ליגנס, וואָס דאָס פאַרשוינדל האָט אויסגעטראַכט אויף אונדזער גייסטיקן מנהיג, וואָס זיינען שוין צוריקגעשליידערט געוואָרן פון די דערמאָנטע חשובסטע יידישע שריפטשטעלער, איז דאָס דאָזיקע ביכל אָנגעפּיקעוועט מיט שטותערייען ווי אַ מילגרוים מיט קערנדלעך.

אַט הערט וואָס אַ מענטש האָט אָנגעפּלוידערט אין זיין „מיינסטער־ווערק" און די גרויסע חטאים וואָס ער וואַרפט פאָר דר. זשיטלאָווסקין!

דר. זשיטלאָווסקי באַצייכנט די נביאים פאַר פּרעדיקער פון סאָציאַלע און עטישע געזעצן. דאָס טאָר מען ניט! — פּסקנט דער נייער „תנא־באַרטיק". — מען דאַרף באַטראַכטן די נביאים אַלס פירשפּרעכער פון גאָט.

דר. זשיטלאָווסקי פאַרהערלעכט דאָס חסידות, אָבער האָט אַ קריטישע באַציאונג צו די צדיקים. — מען טאָר ניט אָנגרייפן דעם צדיקיזם! — האַוועקט דאָס גייסטיקע קאַרליקל.

דר. זשיטלאָווסקי איז אַ פאַרברענטער יידישיסט, אָבער „מיט זיין יידישיזם פּרעדיקט ער אַסימילאַציע, — פאַרגלאָצט די אויגן דאָס נפשל, — „ווייל ער האָט אָפּגעוואָרפן גאָט און די תורה אַלס יסוד פון יידנטום".

דר. זשיטלאָווסקי האָט געוואָלט, אַז די יידן זאָלן זיך באַקענען מיט דער אייראָפּייאישער קולטור, — געפעלט עס ניט דעם „צדיקל" און ער מאַכט אַ פרומע מינע: „נון — שרייבט ער — האָט אַ ייד געלייענט מעטערלינקס „בלויען פויגל" — וואָס וועט ער ווערן? אַ „בלויער פויגל"? איז טאַקע מעטערלינקס „בלויער פויגל" וויכטיקער ווי אַ פּרשה מיט רש"י, אָדער „זאַראַטוסטראַ" איז אינטערעסאַנטער ווי אַ בלאַט גמרא?" — שטעלט אַוועק אַ קלאָץ־קשיה אונדזער „אַלץ־וויסער".

דר. זשיטלאָווסקי האָט געפּרעדיקט סאָציאַליזם? אָבער צו וואָס האָט ער געדאַרפט זוכן ביי „פרעמדע", ביי מאַרקסן? — טענהט די פרומע קאַץ, — זעט האָט איר אַ מאמר פון הרב קוק, איז צו וואָס דאַרף מען אונדז ליפערן סאָציאַליזם פון „אויסלאַנד"?...

און וואָס דאַרפט איר מער? דר. זשיטלאָווסקי האָט אָנגעשריבן אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג וועגן „בית שמאי און בית הלל" און ער שטעלט זיך אויף דער זייט פון בית שמאי, — האָט ער דערמיט געהאַט בלויז איין כוונה, — בעבעט דער „צדיק אין פעלץ", — צו „צעשטערן נאָך אַ יסוד, אַרונטעררייסן נאָך אַ הייליקטום"...

און וואָלטן די רייד געקומען פון אַן אמתן בעל־תשובה, וואָלטן מיר דרך־ארץ געהאַט פאַר אים. וואָלטן מיר פאַרשטאַנען פאַרוואָס אַזאַ אויפ־ריכטיקער רעליגיעזער ייד קאָן ניט מסכים זיין מיט דר. זשיטלאָווסקיס געדאַנקען־גאַנג. אָבער ווען די רייד קומען פון אַזאַ „צדיק" ווי ליבערמאַן און ווען כמעט יעדע ציטירטע פראַזע זיינע איז געפעלשט; ווען דער בעל־תשובה" וויל אונדז לאָזן הערן פון זיין פרומקייט דורך אַ „לאַוד־ספּיקער" און דערצו נאָך ווען מיר זעען אַז ער האָט באַקומען אַ באַפעל דאָס אַלץ צו שרייבן פון די נייע פראַנקיסטן קאַהאַן און ראַגאָף פון „פאָרווערטס" —

דעמאָלט קאָנען מיר בלויז זאָגן, אַז עס וועט זיי ניט העלפן וואָס זיי וועלן זיך באַהאַלטן אונטער דעם שוץ־מאַנטל פון הרב קוק אָדער פון הרב חיים בריסקער. מיר וועלן זיי צושטעלן צום שאַנד־סלופּ און אָנווייזן אויף זייער בלוט־בלבול, אויף זייער באַנדיטעריי, און רופן די יידישע פאָלקס־מאַסן ווייטער צו גיין אין די דרכים פון אונדזער גרויסן פאָלקס־פירער דר. חיים זשיטלאָווסקי, צו קעמפן פאַר אייניקייט אינעם גאַנצן יידישן לעבן, צו פאַרניכטן דעם נאַציזם און פאַשיזם, כדי צו העלפן אויפבויען אַ ליכטיקע צוקונפט פאַרן יידישן פאָלק, צו קאָנען לעבן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פעלקער אין אַ וועלט פון צדק און יושר.

„ניילעבן"

ד ר. ר פ א ל מ אַ ה ל ע ר:

דער קאַרליקעס־טאַנץ אויף זשיטלאָווסקיס קבר

ווען מען איז ניט באַקאַנט דאָס אַלט־גריכישע מעשהלע וועגן העראָסטראַטאָס? געווען אין דער בליענדיקער גריכישער שטאָט אין קליינאַזיע, עפעזוס, אַ מענטשעלע מיטן נאָמען העראָסטראַטאָס. האָט ער זיך מתקנא געווען אין די גרויסע מענער פון זיין פאָלק, די דיכטער, סקולפּטאָרן, דענקער און קריגס־העלדן, מיט וועמען עס האָט געשמט די גאַנצע גריכישע וועלט. ער העראָסטראַטאָס, איז אָבער געווען אַ נשמהלע ווי אַ ראָזשינקע, אַ לאָ־יצלח, וואָס האָט ניט געקאָנט אָנשרייבן קיין שירים, ניט פאַרמאָגט קיין אײן אָריגינעלן געדאַנק און דערצו געווען אַ קריפּל וואָס האָט ניט געטויגט פאַר אַ סאָלדאַט. איין זאַך האָט ער אָבער יאָ פאַרמאָגט אָן אַ שיעור, קרענקלעכע אַמביציע. באַרימט ווערן פאַר יעדן פּרייז איז געוואָרן די גרעסטע תאווה פון זיין לעבן, אַ ליידנשאַפט, וואָס האָט אים אינערלעך צעפרעסן. ער האָט נאָכגעטראַכט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט אונטערגעצונדן דעם פּרעכטיקן טעמפּל פון דער געטין דיאַנאַ אין זיין היימשטאָט עפעזוס. און העראָסטראַטאָס האָט זיין ציל דערגרייכט: זיין נאָמען איז אַריבערגעגאַנגען אין דער געשיכטע ווי אַן אָפּשרעקנדיקער שם־דבר פון „טרויעריקער באַרימטקייט".

העראָסטראַטאָסן קאָן מען נאָכזאָגן דעם איינציקן שבח, אַז ער איז געווען אָריגינעל, דער ערשטער באַקאַנטער העראָסטראַטאָס אין דער געשיכטע. חיים ליבערמאַן האָט זיך אָבער נעבעך מתקנא געווען אין העראָסטראַטאָסן גופא. האָט ער באַשלאָסן עפּעס „אָפּצוטאָן": אויף דעם פרישן, נאָך ניט באַגראָזטן קבר פון דר. חיים זשיטלאָווסקי אָנגעשמירט אַ פּאַסקוויל, וואָס האָט ניט זיין גלייכן אין מיאוסקייט, פעלשונג און נידערטרעכטיקער ליגנערישקייט. און חיים ליבערמאַן האָט זיין ציל דערגרייכט: ער האָט שוין זיין פאַרזיכערטן און פאַרדינטן פּלאַץ אין דער יידישער געשיכטע! יעדער צוקונפטיקער היסטאָריקער, וואָס וועט אויף זיך נעמען די אומדאַנקבאַרע אויפגאַבע צו גריבלען זיך אין שונד־ליטעראַטור און פּאַסקווילן־פּראָדוקציע ביי יידן, וועט אויפכאַפּן זיין בראָשורע ווי אַן אבן־טוב. אין

יעדער יידישער ענציקלאָפּעדיע וועט אין אַרטיקל „פּאַסקווילן" דער נאָמען חיים ליבערמאַן גלאַנצן מיט פּעטע אותיות...

וואָלט עמעץ פֿון זשיטלאָווסקיס קעגנער פֿון רעכטס צי פֿון לינקס הײַנט אַרויסגעקומען מיט אַן ערנסטער פּאָלעמישער שריפֿט קעגן זײַן שיטה אָדער קעגן זײַן קוק אויף באַשטימטע פֿילאָסאָפֿישע, סאָציאָלאָגישע, צי פּאָליטישע פּראָבלעמען, וואָלט אַזאַ פֿאַקט באַדאַרפֿט באַגריסט ווערן אַפֿילו מצד זײַנע געטרײַסטע אָנהענגער און וואַרעמסטע פֿאַרערער. אַזאַ פּאָלעמיק וואָלט געגעבן די געלעגנהייט אויפֿצואוויקלען פֿאַר דער ברייטסטער יידישער עפֿנטלעכקייט די אַלע קאַרדינאַלע פּראָבלעמען, וואָלט געהאָלפֿן אַרײַנצובריינגען אין אונדזער גײַסטיקן געזעלשאַפֿטלעכן און קולטורעלן לעבן די קלאָרקייט אין וועלכער מיר נייטיקן זיך אַזוי שטאַרק.

ניט אַ פּאָלעמישע שריפֿט קעגן זשיטלאָווסקין האָט אָנגעשריבן חיים ליבערמאַן, נאָר ער האָט אָנגעשמירט אַ שענדלעכן פּאַסקוויל, וואָס האָט ניט זײַנס גלײַכן אין שקר, פֿאַלשקייט, רכילות און שמוץ. דער פּאַסקוויל איז אַזוי אָנגעשפּיקעוועט מיט באַוואוסטזיניקער אומפֿאַרשעמטער פֿאַרדרייאונג פֿון פֿאַקטן און ציטאַטן, מיט בלבולים און זלזולים, אַז דער לייענער דאַרף אַפֿילו ניט האָבן געלייענט זשיטלאָווסקיס שריפֿטן, כדי צו דערזען, אַז דאָ ווערט אָפּגעטאָן אַ נבלה. אָט זײַנען אַ פּאָר בלימלעך פֿון די מעטאָדן, מיט וועלכע דער רכילותניק באַנוצט זיך צו פֿאַרשוואַרצן די ליכטיקע געשטאַלט פֿון זשיטלאָווסקין: אויף גאַנצע צוויי זײַטן (ז"ז 47, 48) ברענגט ליבערמאַן זשיטלאָווסקיס צעשמעטערנדיקע קריטיק פֿון ערשטן דור יידישע „אויפֿגעקלערטע" און סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געקוקט מיט ביטול אויף דער יידישער פֿאַרגאַנגענהייט, כדי שפּעטער אײַנצושמועסן דעם לייענער (ז' 53), אַז זשיטלאָווסקי האָט זיך ניט אונטערגעשיידט פֿון די ראַדיקאַלן, וואָס ער האָט קריטיקירט. ער אַליין איז געצוואונגען צו דערציילן (ז"ז 50, 51), ווי זשיטלאָווסקי איז געווען באַגײַסטערט פֿאַר די גרויסע מענטשלעכע ווערטן פֿון תנ"ך און תלמוד, גאונים־שאַפֿונג און יידישע רעליגיעז־פֿילאָסאָפֿיע, קבלה און חסידות, פֿאַרענדיקט אָבער מיט אַ ציטאַט פֿון זשיטלאָווסקיס קריטיק פֿון „איבערנאַטירלעכן גלויבן אין מלאכים, שדים, רוחות און צדיקים" און קריטיק פֿון שולחן־ערוך־יידישקייט, כדי צו מאַכן אַזאַ אויספֿיר (ז' 52): „אָט דאָס האָט זשיטלאָווסקי אַרויסגעפֿישט פֿון דעם גרויסן ים פֿון אונדזער גײַסטיקן עבר — אַלץ טויטע פֿיש אַזעלכע"... די וועלט זאָגט אַ ווערטל, אַז אַ ליגנער האָט אַ קורצן זכרון. חיים ליבערמאַן איז אַ ראַפֿינירטער ליגנער, וואָס רעכנט אויס אויף דעם קורצן זכרון פֿון לייענער. זײַן אויסרעכענונג איז, אַז דער לייענער וועט פֿאַרגעסן וואָס ער האָט געלייענט מיט צוויי זײַטלעך פֿריער, אָדער ער וועט זיך ניט כאַפּן, אַז די אויספֿירן זײַנען פּונקט אַ היפּוך פֿון דעם וואָס דרינגט אַרויס פֿון די ציטאַטן

גופא. וואָס ווייטער פון די ציטאַטן, וועלכע ליבערמאַן איז געצוואונגען צו ברענגען, אַלץ חוצפּהדיקער ווערט ליבערמאַן אין זיינע נידערטרעכטיקע ליגנס. אויף ז׳ 53 דערציילט ער שוין דעם לייענער: „ליידיקט אויס יידן פון זייער אייגענעם אינהאַלט, איז זשיטלאָווסקיס רעצעפּט.“

אַן אַנדערער אופן פון דעם זעלבן גנבהשן מעטאָד איז דאָס אַרויסרייסן ציטאַטן פון זייער צוזאַמענהאַנג און אויפבויען אויף זייער יסוד אַ בלבול. דער פּאַסקווילן־שרייבער ציטירט עטלעכע אָפּגעריסענע זאַצן פון זשיטלאָווסקין וועגן „דער אַלטער שנאה פון די יידן צו אַלץ וואָס איז פרעמד און ניט־יידיש“. אַפילו פון די אָפּגעהאַקטע זאַצן, וועלכע ער ציטירט פון זשיטלאָווסקין אין דעם דאָזיקן צוזאַמענהאַנג, איז קלאָר, אַז זשיטלאָווסקי רעדט בפירוש וועגן קעגנזייטיקער שנאה פון יידן צו גוים און גוים צו יידן, וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם פון ביידע זייטן. וואָס טוט דער פעלשער? — אויפן יסוד פון אַ האַלבן זאַץ: „אַט די מיזאַנטראָפּישע שטעלונג צו דער גאַנצער מענטשהייט“ — מאַכט ער דעם אויספיר: „דער וואָס קאָן באַהויפּטן, אַז יידישקייט איז מיזאַנטראָפּיע, שנאה צו דער גאַנצער מענטשהייט...“

צי דאַרף מען נאָך דאָ דערמאָנען אַזאַ שמוציק קאַפּיטל ווי דער „רוף צו שמד“, וואו דער רכילותניק לייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט כדי צו באַווייזן, אַז זשיטלאָווסקי האָט געשטעלט העכער דאָס קריסטנטום ווי דאָס יידנטום און אַז ער האָט צוגערעדט דאָס יידישע פאָלק צו שמד. און דאָס אַלץ אויפן יסוד פון אָפּגעריסענע ציטאַטן, וואו זשיטלאָווסקי האָט אויף זיין בילדלעכן אופן מסביר געווען דעם עיקר געדאַנק, אַז יידן זיינען מער ווי אַ רעליגיע, אַז זיי זיינען אַ פאָלק און אַז די צוגעהעריקייט צום יידישן פאָלק איז ניט אָפּהענגיק פון דער שטעלונג צו אַ באַשטימטער רעליגיע.

מיר לאָזן דאָ בכיוון אויס די געמיינע פעלשונגען, מיט וועלכע עס שוויבלט און גריבלט אין די ערשטע קאַפּיטלעך פון ליבערמאַנס פּאַסקוויל: דער בלבול, אַז זשיטלאָווסקי האָט זיך אַליין געהאַלטן פאַר אַן אַנטיסעמיט (געגנדזן־פּיסלעך שפּילן ביי ליבערמאַנען ניט קיין ראָלע, ווי ער האָט העזהדיק דערקלערט אין זיין „ענטפער“ אין „פאָרווערטס“); אַז שמעון דובנאָוו האָט דערקלערט זשיטלאָווסקין פאַר אַן אַנטיסעמיט און זיך פון אים אָפּגעקערט; אַז זשיטלאָווסקי האָט ניט געהאַלטן פון בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן אין מזרח־אייראָפּע. די אַלע גענגסטערישע שקרים, אין וועלכע ליבערמאַן איבערשטייגט זיך אַליין, זיינען שוין צוגענאַגלט געוואָרן, אַזוי ווי זיי פאַרדינען עס, דורך די שרייבער נחמן מייזיל, ש. ניגער און דר. יעקב שאַצקי.

דער רכילות־שרייבער, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט אונטער אַ פּרומאַקי־

שער מאַסקע פון אַ מאָדערנעם בעל־תשובה, אָנטפּלעקט אין זיין טריפהנער בראָשורע אַזאַ תהום פון עם־הארצות, אַז מען קאָן גאָר געפינען אויף אים אַ צד זכות: גאָר אַ גרויסער טייל פון זיינע „אָנטדעקונגען“ וועגן זשיט־לאָווסקין זיינען אפשר גאָרניט קיין באַוואוסטזיניקע ליגנס: דער עם־הארץ האָט נעבעך ניט געוואוסט, אַז זיינע „אַנטפּלעקונגען“ זיינען ניט אַן אַטאַקע קעגן זשיטלאָווסקין, נאָר פּינצטערער איגנאָראַנטיזם בנוגע עלעמענטאַרע פאַקטן פון יידישער געשיכטע און פון יידישער קעגנוואַרט. אָט זיינען עטלעכע פון אַ שלל ביישפּילן פון ליבערמאַנס „בקיאות“:

אויף זייטל 40 אַנטדעקט דער „סניגור“ פון יידישקייט אַזאַ שטעלע ביי זשיטלאָווסקין וועגן דער עקאָנאָמישער ראָלע פון דאָפּס־יידן אין אַמאָליקן פוילן:

„אין די דערפער און אין די שטעטלעך — שרייבט ער — האָבן אונדזערע שענקער און קרעטשמער פאַרשיכורט דעם פּויער . . . מיר זיינען געווען די זויגרערן, דורך וועלכע דער פריצים־שטאַנד האָט געזויגן דאָס בלוט פון דער פויערימשאַפט — דער עיקר אין אוקראַינע.“

דער פּאַסקווילאַנט האָט זיך אפילו ניט די מי געגעבן צו לייענען די רירנדיקע כראָניק וועגן גזירת ת"ח פון נתן נטע האַנאָווער, „יון מצולה“, כדי פעסטצושטעלן צי זשיטלאָווסקי האָט טאַקע מגזם געווען וועגן דער ראָלע פון יידישע אַרענדאַרן אין אַמאָליקן פוילן, צי זשיטלאָווסקי האָט אויסגעטראַכט, אַז יידן זיינען דעמאָלט געווען „ווי אַן איבר פון פריצים־שטאַנד“. אָט וואָס מיר געפינען וועגן דעם אין „יון מצולה“:

„און די יוונים זיינען געוואָרן אַלץ אָרעמער, און זיי זיינען געוואָרן אַלץ מער מבוזה און שפל און זיי זיינען געוואָרן די קנעכט און די דינסטן ביי די פּאָליאַקן און יידן, להבדיל“... „און אַזוי שפל זיינען זיי (די יוונים) געווען, אַז כמעט אַלע אומות און אפילו די אומה (די יידישע), וואָס איז געווען דער גרעסטער יורד צווישן אַלע אומות, האָבן איבער זיי געוועלטיקט.“ „און איבער דער דאָזיקער שטאָט (טשעהרין) איז געווען אַ געוועלטיקער און אַ פריץ אַ ייד מיטן נאָמען זכריה סאָבי־לענקי, וואָס איז געווען דער אַרענדאַר פון דער דאָזיקער שטאָט, אַזוי ווי דער דרך פון אַלע יידן וואָס אין דער מדינה רייסן (אוקראַינע) זיינען זיי געווען שררות און געוועלטיקער איבער אַלע רייסישע מקומות, וואָס דערפון האָט זיך געגומען די בייזע גזירה, ווייל זיי האָבן זיך מתקנא געווען אין דעם חשיבות פון יידן.“ (ציטירט לויט דער העברייאישער אויסגאַבע, קראָקע, 1896.)

אָבער ווי קאָן מען פאָדערן פון אַ חיים ליבערמאַן ער זאָל האָבן גע־לייענט דעם „יון מצולה“, אויב ער האָט אפילו ניט געלייענט די יידישע

געשיכטע פון דובנאָוו. דובנאָוו, וועמעס נאָמען ער האָט געהאַט די טרויעריקע חוצפה אַריינצוציען אין זיין שמוציקן אַנטיסעמיטיזם־בלבול אויף זשיטלאָווסקין, דערציילט אַזוי וועגן דער פונקציע פון יידישע אַראַנדאַרן אין אוקראַינע:

„די פוילישע פריצים האָבן על פי רוב געוואוינט ווייט פון זייערע אוקראַינישע גיטער און זיי פלעגן איבערגעבן דיווירטשאַפט זייערע פאַרוואַלטער, אָדער זייערע אַרענדאַרן. צווישן די דאָזיקע אַרענדאַרן האָבן זיך געפונען אַ סך יידן, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון שטאָט אין דאָרף דורך דער קנאה פון די שטאָט־בירגער. זיי פלעגן נעמען אין אַרענדע קרעטשמעס, מילן, מילך־ווירטשאַפטן, גוראַלניעס און דערמיט אויך דאָס רעכט אָפצונעמען צינזן ביי די פויערים. ממילא איז אַ טייל פון דעם תקיפות פון פריצים, וואָס האָט געדריקט אויף די רייסישע פאַרקנעכטע פויערים, אַריבערגעגאַנגען אין די הענט פון יידישע אַרענדאַרן. פונקט ווי דער שררה אַליין, אַזוי האָט זיך אויך דער יידישער אַרענדאַר באַמיט אַרויסצוציען פון דעם פריצישן גוט דעם גרעסטן ריווח, און דאָס האָט גורם געווען די אומברחמנותדיקע עקספּלואַטאַציע פון די פויערים.״ (ש. דובנאָוו, „דברי הימים לעם לישראל״, בד 7, תל־אָביב, 1935. דער דאָזיקער באַנד איז נאָך ניט איבערגעזעצט אין יידיש.)

פונקט אַזוי ווי אין דער געשיכטע פון יידישן עקאָנאָמישן לעבן איז חיים ליבערמאַן „באַהאַוונט״ אין אַקטועלע יידישע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. ער באַפאַלט זשיטלאָווסקין דערפאַר, וואָס ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער יידישער אַרבעטער אין אַמעריקע טראַכט אַלץ „ווי אַזוי אַליין אַרויסצורייסן זיך פון די שקלאַפישע קייטן פון דער לוין־אַרבעט, אָדער לכל הפחות באַפרייען פון זיי די קינדער״ (ז׳ 33). און אָט איז ערשט ניט לאַנג פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אַן אויספאָרשונג וועגן דער יידישער באַפעלקערונג אין פיר אַמעריקאַנער שטעט,* וואָס האָט געגעבן אַזעלכע רעזולטאַטן וועגן פּראָצענט פון אַרבעטער צווישן דער יידישער באַפעלקערונג: אין דעטראָיט — 26.5 פּראָצענט; אין באַפאַלאָ — 22.5 פּראָצענט; אין סאַן־פראַנציסקאָ — 15.6 פּראָצענט, און אין פּיטסבורג — 13.6 פּראָצענט. דער גרויסער פאַרדינסט פון זשיטלאָווסקין, וואָס ער האָט נאָך מיט דרייסיק יאָר צוריק אַלאַרמירט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום וועגן דער טענדענץ פון פאַרמינערונג פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, ווערט אין דעם פּוסטן קאָפּ פון פאַרלוימדער פאַררעכנט פאַר נאָך אַ זינד.

---

* Sophie Robison, Jewish Population Studies, New York, 1943.

ניט אַנדערש זעט עס אויס מיט ליבערמאַנס „בקיאות" אין דער יידישער קולטור־געשיכטע.

ליבערמאַן ברענגט ווי אַ ראיה פון זשיטלאָווסקיס „רוף צו שמד" אַזאַ ציטאַט (ז' 83):

„יידישקייט איז ניט רעליגיע, נאָר נאַציע; ניט קולטוס, נאָר קולטור. ניט די יידישע רעליגיע האָט געשאַפן די יידישע נאַציע, די יידישע נאַציע האָט בלויז פאַר אירע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע צילן באַשאַפן די יידישע רעליגיע, און זי קאָן זי איבעראַנדערשן לויט אירע באַדערפעניש, פאַרבייטן אויף אַן אַנדערער, אָדער לאָזן זי באַשטיין אינאיינעם מיט אַנדערע, אָדער איינגאַנצן זי אָפּשאַפן צוריק."

איינס פון דיביידע, אָדער דער נייער העראָסטראַטאָס ווייסט ניט, אָדער ער מאַכט זיך ניט וויסן און רעכנט אויס אויף דעם אומוויסנדיקסטן לייענער, אַז דער הויפּט־געדאַנק וואָס קומט דאָ ביי זשיטלאָווסקין צום אויסדרוק — ניט די יידישע רעליגיע האָט באַשאַפן די יידישע נאַציע, נאָר פאַרקערט — איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך אַלע טעאָרעטיקער פון דער מאָדערנער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, סיי דורך די פּיאָנערן פון ציוניזם (אחד העם, משה מאַרגאַלין, שלמה שילער), סיי דורך דעם היסטאָריקער און טעאָרעטיקער פון אויטאָנאָמיזם, שמעון דובנאָוו.

דאָס זעלבע טעמפּע עם־הארצות, אָדער באַוואוסטזיניקער שווינדל, אָדער ביידע צוזאַמען, באַווייזט ליבערמאַן אין אַ גאַנצער ריי הויפּט־פּונקטן פון זיין אָנקלאַגע קעגן זשיטלאָווסקין. ווי אַן „איבערצייגנדיקן" באַווייז פון זשיטלאָווסקיס קאַמף קעגן יידישקייט ברענגט ער אַזאַ פאַקט (ז"ז 56־57): אין יאָר 1917, נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, האָט זשיטלאָווסקי געשריבן, אַז מ'דאַרף פאַרלאַנגען פון דער רוסישער רעגירונג אַ פאָנד פון אַ מיליאָן רובל אויף אַרויסצוגעבן אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיעס און גרונט ווערק פון אַלע וויסנשאַפטן אין יידיש און אויף איבערזעצן די קלאַסיקער פון טעאָרעטישן און קינסטלערישן שאַפן. דערצו האָט ער געפאָדערט נאָך אַ צוויי הונדערט טויזנט רובל אויף אַרויסצוגעבן אין יידיש אַלע וויכטיקסטע, אמת־מענטשלעכע שאַפונגען, וואָס געפינען זיך אין דעם אוצר פון דער העברייאישער קולטור.

איין „קלייניקייט" האָט דאָ דער פאַסקוויליסט פאַרגעסן צו דערמאָנען: זינט דעם אויפקום פון דער השכלה איז די איבערזעצונג פון די בעסטע ווערק פון דער אייראָפּייאישער וויסנשאַפטלעכער און שיינער ליטעראַטור דער חלום פון אַלע טעאָרעטיקער פון יידישן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. שלמה לייב ראַפּאָפּאָרט, איינער פון די בויער פון דער מאָדערנער יידישער וויסנ־שאַפט און איינער פון די מוטיקסטע פּיאָנערן פון דער השכלה, האָט איז

יאָר 1828 אָפּגעדרוקט אין „בכורי עתים" אַ ליד, וואו ער האָט אַרויס־געבראַכט דעם הויפּט־געדאַנק, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט זיך נאָר דעמאָלט אויפוועקן פון זיין שלאָף, אויב עס וועט זיך באַקענען אין איבערזעצונג מיט די בעסטע ווערק פון אַלע אייראָפּייאישע פעלקער. נאָר ווען יידן וועלן זיך אָפּזאָגן פון זייער שאָוויניזם און אויפהערן אָפּצושליסן זיך קעגן דער אייראָפּייאישער קולטור וועלן זיי קאָנען ריוואַליזירן מיט אַלע פעלקער און דערגרייכן די העכסטע שפּיץ פון דער קולטור.

דר. יוסף קלויזנער, וועלכער ציטירט דאָס דאָזיקע ליד פון ראַפּאָפּאָרטן אין זיין „היסטוריה של הספרות העברית החדשה" (בד' 2, ז' 221), פאַר־ענדיקט זיין אַנאַליז פון ראַפּאָפּאָרטס קולטורעלן פּראָגראַם מיט די ווער־טער: „דאָס איז „חיקוי של התהדרות" (נאָכמאַכן כדי צו ריוואַליזירן) אין דער שפּעטערדיקער טערמינאָלאָגיע פון אחד העם." און ליבערמאַן באַ־וואָרפט מיט שמוץ זשיטלאָווסקין דערפאַר, וואָס ער איז געגאַנגען אויף דער ליניע פון ראַפּאָפּאָרטן און אחד העם!

אויף דעם זעלבן סאָרט פינצטערן עם־הארצות, טפּשות און געמיינקייט איז אויפגעבויט ליבערמאַנס קאַפּיטל וועגן זשיטלאָווסקיס מכלומרשטן אַרויסטריט קעגן דעם תלמוד. אָט ווי אַזוי דער פאַרשוין אַרגומענטירט: זשיטלאָווסקי האָט אָנגעשריבן אַ שטודיע וועגן בית הלל און בית שמאי, וואו ער מאַכט דעם אויספיר, אַז די בית הלל זיינען געווען די רעפּרעזענ־טאַנטן פון רייכן קלאַס און די בית שמאי זיינען געווען פאַרבונדן מיטן אָרעמען קלאַס. היות ווי דער תלמוד פּסקנט אָבער, אַז די הלכה איז מיט עטלעכע אויסנאָמען אַזוי ווי בית הלל, — טריאומפירט ליבערמאַן, — קומט אויס, אַז זשיטלאָווסקיס כוונה איז געווען צו „דיסקרעדיטירן דעם תלמוד און אָפּציען יידן פון אים" (ז' 101). דער געדונגענער זידלער האָט זיך אַפילו ניט פאַרטראַכט, אָדער ער האָט עס אין זיין גראָביונגישקייט גאָר־ניט געקאָנט וויסן, אַז מיט זיינע פאַרזשאָווערטע פיילן האָט ער דאָ גע־טראָפן ניט זשיטלאָווסקין, נאָר די גאַנצע מאָדערנע וויסנשאַפט וועגן תלמוד. זשיטלאָווסקי דערמאָנט דאָך אַליין, אַז אויף דעם סאָציאַלן אונטערשייד צווישן בית הלל און בית שמאי האָט אים געעפנט די אויגן דאָס גאָונישע ווערק פון גרעטצן. און גרעטץ שרייבט דאָך מיט דער גרעסטער ליבע און שטאָלץ וועגן די קנאים וואָס האָבן אָרגאַניזירט דעם אויפשטאַנד קעגן די רוימער. קומט אויס, אַז אויב גרעטץ האָט באַוויזן, אַז בית שמאי זיינען געווען פאַרבונדן מיט די קנאים אין דעם פרייהייטס־קאַמף, האָט ער געוואָלט דיסקרעדיטירן דעם תלמוד. און פונקט אַזוי האָט, הייסט עס, פאַרשוואַרצט דעם תלמוד דער גרויסער געלערנטער הירש אייזיק ווייס אין זיין „דור דור ודורשיו" ווייל ער איז דאָך איינגאַנצן מסכים מיט גרעטצן וועגן דעם, אַז די בית שמאי זיינען געווען אויף דער זייט פון די קנאים

און די בית הלל זײַנען געווען אַנטשלאָסענע קעגנער פֿון קאַמף קעגן די רוימער. אַ סברה, אַז אויך פּראָפֿעסאָר לוי גינצבבערג געפֿינט זיך אין דער פֿײַנער געזעלשאַפֿט פֿון אַנטי־תלמודיסטן. דער תּלמוד דערקלערט דאָך וועגן דער מחלוקה פֿון בית הלל און בית שמאי „אלו ואלו דברי אלהים חיים (עירובין י״ג, ע״ב). און פּראָפֿ. לוי גינצבערג האָט אין אַ העברעיי־אישער שטודיע וועגן בית הלל און בית שמאי זיך באַמיט אויפֿצואווייזן, אַז די בית הלל זײַנען געווען פֿאַרשטייער פֿון אָרעמען קלאַס און די בית שמאי פֿון רײַכן קלאַס. איז דאָס טאַקע פֿאַרקערט ווי ביי זשיטלאָווסקין, אָבער דער רעזולטאַט איז אַלץ איינס: פֿאַרשוואַרצט דאָס פּנים פֿון בית שמאי, פֿאַר וועלכע אַ בת־קול האָט זיך לויט דער תּלמודישער אגדה יאָ אָנגענומען... הייסט עס, אַז ניט בלויז פּראָפֿעסאָר לואי פֿינקעלשטיין איז אַן „עקאָנאָמישער מאַטעריאַליסט״ און גייט נאָך דער מאָדע פֿון „געוויסע ייִדישע קרייזן״ (ז׳ 91), נאָר אויך זײַן רבי, פּראָפֿ. לוי גינצבערג, איז געכאַפּט אין דער עבֿירה... קופּערנער שטערן פֿון אַ רכילותניק אַן עם־הארץ!

צי דער אייביקער שאַנד פֿון דער גאַנצער אַב. קאַהאַן־ריכטונג אין ייִדישן לעבן, איז אָבער דער ענין חיים ליבערמאַן אַ סך מער ווי אַ פֿראַגע פֿון אַ שמוציקן פּאַסקוויל פֿון אַ רכילות־טרײַבער און אָבסקוראַנט קעגן איינער פֿון די שענסטע און גרעסטע פּערזענלעכקייטן אין מאָדערנעם ייִדישן לעבן. דעם שענדלעכן פּאַסקוויל האָבן כּידוע אויפֿגעכאַפּט ווי אַ יקר־המציאות הלל ראָגאָף און אַב. קאַהאַן און אינדאָרסירט אין „פֿאָרווערטס״ זײַן געמיינעם אינהאַלט. אין „פֿאָרווערטס״ פֿון זונטיק, דעם 30טן יאַנואַר, האָט הלל ראָגאָף אָנגעשריבן אַ גאַנצן אַרטיקל, וואו ער הייבט אין הימל אַרײַן חיים ליבערמאַנען פֿאַר זײַן „אַנטפּלעקונג״. און שבת, דעם 5טן פֿעבּ־רואַר, האָט „דיזער״ רעדאַקטאָר קאַהאַן, בכבודו ובעצמו, אַרויסגעגעבן אַזאַ אַטעסטאַט: „ווי ליבערמאַן באַווייזט, איז זשיטלאָווסקי געווען איינער פֿון די ערגסטע און ווילדסטע אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן געאַרבעט קעגן ייִדן, און מיט דעם איז דובנאָוו אייגנטלעך פֿולשטענדיק אײַנפֿערשטאַנדען״. און אויף ליבערמאַנס „בוך״ גיט ער אַרויס אַ הסכמה, אַז אין אים „ווערט אַלץ באַצייכנט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט, מיט די קוואַלן, מיט די נומערן פֿון פּעידזשעס און קאַפּיטלעך״, און אַז עס „באַשטעטיקט אַלץ, וואָס ער, ליבערמאַן, און אַנדערע איבערצייגטע קעגנער זשיטלאָווסקיס זאָגן אַרויס שוין פֿון יאָרן״. ליבערמאַנס פּאַסקוויל איז דערמיט אַרויסגעגאַנגען פֿון גדר פֿון אינדיווידועלער נבלה, זײַן נידערטרעכטיקייט און עם־הארצות איז אָפֿיציעל אָנגענומען געוואָרן ווי אַ שיטה פֿון דער קאַהאַן־ראָגאָף גרופּע.

דער פֿאַקט אַליין, וואָס די חשובֿע רעדאַקטאָרן האָבן ניט געהאַלטן פֿאַר נייטיק נאָכצוקאָנטראָלירן דעם געמיינעם שקר פֿון ליבערמאַנען וועגן מכלומרשטן עדות פֿון דובנאָוו אויף זשיטלאָווסקיס „אַנטיסעמיטיזם״

איידער זיי האָבן אַרויסגעגעבן די „הסכּמה“, וואָלט פאַר זיך אַליין געווען גענוג צו באַדעקן מיט שאַנד און שמאַך די פירער און פאַרפירער פון אַ גאַנצער פּאָליטישער געזעלשאַפטלעכער גרופּע. ווי פאַרברעכעריש אומ־פאַראַנטוואָרטלעך און ווי גרונטלאָז עם־הארציש דאַרפן זיין די רעדאַקטאָרן פון אַ יידישער „סאָציאַליסטישער“ צייטונג כּדי אויפן יסוד פון אַ פּאַסקוויל צו וואַרפן בלאָטע און שמוץ אויפן פרישן קבר פון אַ פירנדיקער פּערזענ־לעכקייט אין יידישן לעבן פון דעם ראַנג פון דר. חיים זשיטלאָווסקי. אין די אומדערהערטע מעשׂי־תּעתּועים פון דער ראָגאָף־קאַהאַן קליקע אַנט־פּלעקט זיך אָבער דער גאַנצער באַדנלאָזער זומפּ, אין וועלכן זיי פּרואוון אַריינשלעפּן די מחנות פון „פאָרווערטס“־לייענער און אָנהענגער. וואוהין ווילן זיי פאַרפירן די יידישע מאַסן ?

אויב, להבדיל, ליבערמאַן איז גערעכט קעגן זשיטלאָווסקין, דאַן דאַרף מען אויסמעקן די גאַנצע מאָדערנע יידישע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג און צוריקגיין צום מצב פון פאַר צוויי הונדערט יאָר.

לאָמיר זען נאָכאַנאַנד:

זשיטלאָווסקי איז אַן „אַנטיסעמיט“, ווייל ער האָט אַוועקגעשטעלט שאַרף און אַן קאָמפּראָמיסן פאַרן יידישן פאָלק די ברענענדיקע נויט־ווענדיקייט פון פּראָדוקטיוויזאַציע. ראָגאָף אינדאָרסירט דאָך ניט נאָר דעם גאַנצן ליבערמאַן־פּאַסקוויל אין בלאַנקאָ, נאָר רעכנט אויס אַלץ צווישן די „חטאים“ פון זשיטלאָווסקין: „ער וויל, אַז מיר זאָלן אויפגעבן אונדזערע איצטיקע פּרנסות און ווערן ערד־ און פאַבריק־אַרבעטער.“ הייסט עס — אַ רוח אין דער השׂכּלה, וואָס האָט אומדערמידלעך געמאָנט דאָס יידישע פאָלק צו פּראָדוקטיוויזירן זיך, אַריבערצוגיין צו מלאָכה און ערד־אַרבעט. אַ רוח אין ציוניזם, פּועלי־ציוניזם, טעריטאָריאַליזם און אַפילו „אָרט“־אָרגאַניזאַציע, דערפאַר וואָס זיי פאָדערן דאָס זעלבע, אויפווייזנדיק, אַז אונדזער עקאָנאָמישע סטרוקטור איז אַ קראַנקע. אַ רוח אין די חלוצים אין ארץ־ישׂראל, וואָס טרוקענען זומפּן און באַוואַסערן זאַמדן מיט זייער שווייס און בלוט. און אַוודאי און אַוודאי אַ רוח אין דעם ווערק פון אַגראַריזאַציע און אינדוסטריאַליזאַציע פון יידן, וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

זשיטלאָווסקי האָט געוואָלט אומברענגען יידישקייט, דערפאַר, וואָס ער האָט געשטרעבט צו באַהעפטן יידן ענגער מיט דעם בעסטן פון דער אייראָפּייאישער קולטור. אָבער „אייראָפּייאישע“ קולטור מיינט דאָך ניט נאָר קולטור פון אייראָפּע, נאָר אויך קולטור פון אַמעריקע (וועלכע ליבערמאַן דערמאָנט ניט מיט אַ כּיוון!), קולטור פון דער מאָדערנער מענטשהייט. וואָרים ווי זאָגט ליבערמאַן: וועגן „פּראָסטיטוציע, סיפיליס, גייסטיקער קאָרופּציע, אַנטיסעמיטיזם, פאַשיזם און נאַציזם, זיינען די אַלע זאַכן נאָר

צופאַלן, זייטיקע קליינקייטן, אָדער אפשר איז עס די נאַטירלעכע פּרוכט פון דעם אייראָפּייאישן קולטור־בוים?" איז — „דאַלאַי גראַמאַטני"! צוריק צו פאַר־השכלה־צייטן! נידער מיט השכלה, אויפקלערונג, וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע, שעקספיר, ספינאָזאַ און וואָלט וויטמאַן! נידער מיט סאָציאַליזם, קאַרל מאַרקס און זיין פּאָליטישער עקאָנאָמיע! עס איז טאַקע אומדערהערטער „אַנטיסעמיטיזם", אויב מען אַפּעלירט צו אַלע יידן צו נעמען גאַנצע ליניע — אַלע יידן צוריק אין בית־המדרש. און לערנען דאַרף מען זיך פאַר פאַבריק־אַרבעט און ערד־אַרבעט, אָבער עס איז די העכסטע מדרגה פון חכמה צו פאַרמיאוסן ביי יידן אַלץ, וואָס די אייראָפּייאישע, דאָס הייסט די גויאישע קולטור האָט געשאַפן. איז — תשובה אויף דער גמרא נאָר לויט פירוש רש"י, תוספות און מהרש"א, אָן די שמד־שטיק פון גייגער, גרעטץ, הירש אייזיק ווייס און לוי גינצבערג. און צוריק צום ניעשאָווער רבינס הויף, צוריק קיין בעלז און מונקאַטש; וואָרים ווי זאָגט ליבערמאַן אין זיין מוסר: זשיטלאָווסקי „וויזט אָן מיט פרייד אויף די חסידישע מעשיות פון פּרצן און אַנ־סקין. אָבער דאָס האַרץ פון חסידיזם זיינען די צדיקים און זשיטלאָווסקי שטעלט אויס „שדים, רוחות און צדיקים" אין איין שורה פלעקער."

אויף דעם דאָזיקן דרך, הייסט עס, רופן אונדז די ליבערמאַנס, ראַגאָפּס און קאַהאַנס אַרויפצוגיין וואָס שנעלער. „חיים ליבערמאַנס בוך — דער־קלערט ראַגאָף — איז אַן אָנקלאָגע ניט בלויז אויף זשיטלאָווסקין. נאָר אויף די טויזנטער ראַדיקאַלע יידישע נאַציאָנאַליסטן, וואָס זיינען צענדליקער יאָרן אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ רבין"... דער דרך תשובה ווייזט באַשיינפּער־לעך, אַז מען דאַרף זיך אָפּקערן פון זשיטלאָווסקין און אָננעמען דעם רבין — חיים ליבערמאַן; אַ שאָד, אַ גרויסער, וואָס דער דרך תשובה איז ניט געענוי אָנגעצייכנט: דער „פאָרווערטס"־לייענער שטייט נעבעך צעמישט און ווייסט ניט צי אין דער „אַלטער יידישקייט" דאַרף מען אויך אַריינרעכענען צוויי שונד־ראָמאַנען, איין מאָרד־געשיכטע און אַ „פיידזש" „פּיקטשעס" מיט פּיקאַנטע האָליוואָוד־מיידלעך. נאָר מן־הסתם דאַרף מען די רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" דן זיין אויך אין דעם דאָזיקן פּרט לכף זכות: מן־הסתם וועט די האַרבע קשיא פאַרענטפערט ווערן אין איינעם פון די נאָענטסטע „בינטל בריוו", וואו עס ווערט געגעבן דעם פאָלק די אמתע אויפקלערונג...

דאָס איז ניט קיין קאָמעדיע, נאָר אַן אומווירדיקער פאַרס, וואָס ווערט געשפּילט אויפן חשבון פון דעם יידישן פאָלק אין דער שעה פון זיין בלוטיקסטער קאַטאַסטראָפע!

פאַרשטייט זיך, אַז קיין צופאַלן זיינען ניטאָ אין קיין שום פאַזע פון געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, און אויך ניט אין דער רעאַקציאָנערסטער דעגענעראַציע פון אַ ריכטונג. דאָס וואָס די אב. קאַהאַן־מתנה האָט זיך דער־

קייקלט ביז צו שענדלעכער רכילות אין קאַמף קעגן אירע קעגנער, ביז צום שוואַרצסטע אָבסקוראַנטיזם אין דער שטעלונג צו אַקטועלע געזעל־שאַפטלעכע און קולטורעלע פראַגעס פון יידישן פאָלק, איז אַ נאַטירלעכע קאָנסעקווענץ פון דער אַנטוויקלונג פון דער קרענק אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן, וועלכע האָט זיך שוין לאַנג פאַרדינט דעם טרויעריקן נאָמען פון קאַהאַניזם. עס איז אָבער אויך ניט קיין צופאַל, וואָס דווקא אין איצטיקן מאָמענט האָט די קאַהאַן־קאָמפּאַניע געהאַלטן פאַר פּאַסיק אַרויסצוקומען מיט איר שענדלעכער וואַקכאַנאַליע קעגן דר. חיים זשיטלאָווסקין.

וואָלט אב. קאַהאַן און זיינע טאַרבאַנטן טאַקע געווען געמיינט אָנצו־גרייפן זשיטלאָווסקין פאַר זיין „אַנטיסעמיטישן” מאָנען פון פּראָדוקטיווי־זאַציע ביים יידישן פאָלק, אָדער פאַר זיין שטעלונג צו דער מאָדערנער יידישער קולטור, איז געווען אַ געלעגנהייט עס צו טאָן אין משך פון עטלעכע און דרייסיק יאָר פון זשיטלאָווסקיסווירקן אין אַמעריקע. דערצו איז ניט געווען נייטיק צו וואַרטן ביז חיים ליבערמאַן וועט אָנשרייבן זיין פּאַסקוויל. אויסגעקליבן האָט מען דעם איצטיקן מאָמענט פאַר דער שענדלעכער אַטאַקע, ווייל זשיטלאָווסקי איז ניט דער ציל פון די פאַרסמטע פיילן; דער ציל פון אַטאַקע איז די גאַנצע פּראָגרעסיווע באַוועגונג צווישן אַמעריקאַנער יידן און קודם־כל די באַוועגונג פאַר אייניקייט פון יידישן פאָלק. עס וואַקסט אין די לעצטע יאָרן אַלץ מער די פּאָליטישע באַוואוסטזיניקייט פון די יידישע מאַסן אין אַמעריקע. אַלץ ברייטערע און ברייטערע שיכטן פון אַמעריקאַנער יידנטום הייבן אָן צו פאַרשטיין, אַז די צוקונפט פון יידישן פאָלק איז אָפּ־העגגיק פון נצחון פון פּראָגרעס, פון דער ערלעכער און אָפנהאַרציקער פריינטשאַפט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, פון דער אייניקייט פון אַמעריקאַנער יידנטום מיט דעם סאָוועטישן יידנטום פאַר אַ שנעלן נצחון אין דער מלחמה און פאַר אַ געזונטן אויפבוי נאָך דער מלחמה. דער בעסטער באַווייז פון דער געוואַלטיקער ווענדונג אין דער אָריענטאַציע פון אַמעריקאַנער יידנטום זיינען געווען די ריזיקע מיטינגען איבער גאַנץ אַמעריקע, וואו מען האָט אויפגענומען מיט פרייד און ענטוזיאַזם די שליחים פון די סאָוועטישע יידן און זייערע לאָזונגען. די צילן פון דער אייניקייט־באַוועגונג זיינען אָבער פונקט דער היפוך דערפון וואָס אב. קאַהאַן און די פאַרשאַנצטע רעאַקציע הינטער אים האָט געפּרעדיקט און האַלט אין פּרעדיקן זינט צענדליקער יאָרן. אַלע קאַמף־לאָזונגען, וואָס דרינגען הייבט אַרויס פון די בלוטיקסטע איב־טערעסן פון יידישן פאָלק, זיינען סם־המות פאַר דער קאַהאַן־קליקע און פאַר אירע אונטערהעלפער.

דער גייסטיקער פירער, כוחות־זאַמלער און ווירדיקער פאָנען־טרעגער פון דער פּראָגרעסיווער אייניקייט־באַוועגונג איז געווען דר. חיים זשיט־לאָווסקי. זיין מסירת־נפשדיקע אַרבעט פאַר דער אייניקייט־באַוועגונג איז

קעגן די אָנפאַלער אויף דר. חיים זשיטלאָווסקי

געווען דער וואונדערלעכסטער סינטעז פון די אַלע אידייען, וועלכע ער האָט געפּרעדיקט אַ גאַנץ לעבן. זשיטלאָווסקי איז אָנערקענט געוואָרן ווי דער שענסטער סימבאָל פון דער באַוועגונג אין אַמעריקע פאַר באַנייאונג פון יידישן פאָלק. וואָס איז דער חידוש, אַז זשיטלאָווסקין האָט טאַקע אויסגעקליבן דער גענעראַל־שטאַב פון דער יידישער רעאַקציע פאַר דעם ציל־ברעט אין דער אַטאַקע קעגן דער פּראָגרעסיווער כוחות־קאָנצענטראַציע פון אַמעריקאַנער יידנטום. האָט מען זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר די אויסטער־לישסטע שקרים כדי צו פאַרשוואַרצן דעם ליכטיקן נאָמען פון דר. חיים זשיטלאָווסקין. די אויסרעכענונג איז געווען אַ דורכזיכטיקע: אויב עס וועט זיך איינגעבן צו דיסקרעדיטירן זשיטלאָווסקין, וועט ממילא אָפּגעשוואַכט ווערן די באַוועגונג, וועלכע איז פאַרבונדן מיט זיין נאָמען.

היינט קאָנען מיר שוין פעסטשטעלן מיט גרויס גענוגטואונג, אַז די רעאַקציאָנערע פאַרלוימדער האָבן געמאַכט אַ ביטערן טעות אין חשבון. דאָס מיאוסע שטיקל אַרבעט האָט אַרויסגערופן אַזאַ עקל אין אַלע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, אַז „קאַהאַניזם" איז דערזען געוואָרן אין זיין אמתער געשטאַלט אַפילו מצד די, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געהאַלטן פאַר זייער חוב צו רעאַגירן אויף זיינע מעטאָדן. אָנשטאָט אַ פאַראייניקטן פראָנט קעגן זשיטלאָווסקין און קעגן די אידייען, וועלכע ער האָט פאַרטראָטן, האָט די שענדלעכע רכילות־קאַמפּאַניע אַרויסגערופן אַ סאָלידאַרישקייט פון צאָרן קעגן די רכילות־שרייבער ביי אַלע וואָס זיינען ניט פאַרקויפט ביי דער קליקע, און ביי וועמען אב. קאַהאַן און זיין חברותא האָבן ניט פאַר־מאַכט דאָס מויל. קיינמאָל איז נאָך די אב. קאַהאַן־רעאַקציע ניט געווען אַזוי איזאָלירט פון דעם געזונטן שטראָם אין יידישן לעבן ווי נאָך דער טרויעריקער ליבערמאַן־אַפּערע. די אַטמאָספערע פון יידישן לעבן איז דווקא אין רעזולטאַט פון דער שענדלעכער קאַמפּאַניע שטאַרק אַדורכגערייניקט געוואָרן. די פאַרמאַסקירטע פאַרלוימדער פון זשיטלאָווסקיס אָנדענק האָבן אָבער ממילא אויך בנוגע זיין ליכטיקן נאָמען דערגרייכט דאָס פאַרקערטע פון זייערע פינצטערע צילן: ברייטערע קרייזן זיינען באַוואוסטזיניק געוואָרן וועגן דער גרויסער באַדייטונג פון זשיטלאָווסקיס גייסטיקער ירושה און פאַר זיינע פאַרערער איז זיין אָנדענק געוואָרן נאָך טייערער.

„איינקייט"

ב. צ. גאָלדבערג:

די פסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון אָנפּאַל אויף דר. ח. זשיטלאָווסקי

.1

דער ווילדער אָנפּאַל אויף דר. חיים זשיטלאָווסקין, אַכט חדשים נאָך זיין טויט, ניט נאָר מצד אַן אָפּגעריסענעם פּאַסקווילן־שרייבער, נאָר אויך מצד אַ גרויסער יידישער צייטונג און אירע רעדאַקטאָרן, קאָן מען אין די ראַמען פון נאָרמאַלער פּסיכאָלאָגיע ניט דערקלערן.

אַזוינס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן ביי קיין אומה ולשון, אין קיין צייט ניט. אַזאַ אָבסקוראַנטיזם, פעלשונג, דעמאַגאָגיע, און העצעריי אין סאָציאַל־קולטורעלן געביט, האָבן מיר אַפילו ביי די נאַציס ניט געזען. יענע האָבן אַרויסגענומען די ווערק פון געוויסע גרויסע שרייבער פון זייערע ביבליאָטעקן און זיי פאַרברענט אין דרויסן. מיט דעם האָבן זיי זיך פון יענע ווערטן אָפּגעזאָגט. זיי האָבן אָבער ניט אויפגעהויבן אַ קאַמפּאַניע אין דער אַלגעמיינער פּרעסע, מיט פעלשונגען און פאַלשע אויסטייטשונגען — צו פאַראומווירדיקן דעם נאָמען פון היינריך היינע, למשל, און ביי אונדז, אין אונדזער קולטור־געשיכטע, האָט דאָך דר. זשיטלאָווסקי געשפּילט אַ וויכטיקערע ראָלע ווי היינע אין דער דייטשישער.

דער אָנפּאַל ווערט נאָך מער גייסטיק־אַבנאָרמאַלער, ווען איר נעמט אין זין דעם פאַקט, אַז די זעלביקע מענטשן, וואָס האָבן פּלוצים אַנטדעקט אין דר. זשיטלאָווסקין אַל־דאָס־בייז מלידה ובטן אָן, האָבן ביז ערשט מיט עט־לעכע יאָר זיך אַליין באַצויגן צו אים מיט דער העכסטער אַכטונג און גרויסער אָנערקענונג. אַפילו אב. קאַהאַן אַליין, שוין אָפּגערעדט פון זיינע פרינצלינגען פון „פאָרווערטס“, האָט זיך דאָך באַטייליקט אין קאָמיטעט, וואָס האָט געפייערט זשיטלאָווסקיס זיבעציק־יעריקן יובילײ. און דערצו נאָך קומט דאָס אַלץ פאָר אין אַזאַ וועלט־איבערקערנדיקער צייט, אין אַ צייט פון אַ וועלט־מלחמה, ווען דער גורל פון דער מענטשהייט ווערט אַנט־שיידן, און ווען מען פייערט דעם יאָרצייט פון דעם יידישן מאַרטירערטום פון דער וואַרשעווער געטאָ...

מוז מען דעם אָנפאַל אויף דר. זשיטלאָווסקין אַוועקשטעלן אין דעם ראַם, אין וועלכן ער באַלאַנגט — אין דער פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע. צוערשט אין דער פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון די אָנפאַלער, און דערנאָך אין דער סאָציאַלער פּאַטאָלאָגיע פון געוויסע עלעמנטן אין אונדזער יידישער גאַס.

.2

חיים ליבערמאַן איז אַ פּסיכאָפּאַטאָלאָגישער טיפּ. איך אַליין קען אים שוין אַ יאָר זיבן־און־צוואַנציק, און איך געדענק ווי ער האָט שוין דעמאָלט אַרויסגעוויזן באַשטימטע פּאַטאָלאָגישע סימפּטאָמען. ער ליידט מוראדיק פון אַ מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס, אַ געפיל פון אינערלעכער געפאַלנקייט, וואָס דריקט זיך אויס, ווי דער שטייגער איז, אין אַ דראַנג זיך אַליין צו מעלאָדראַמאַטיזירן, צו ווערן דער העלד פון טאָג — מיט וועלכע מיטלען, מאַכט ניט אויס. ער ליידט באַזונדערס פון עקזיביציע, אַ פאַרלאַנג זיך צו אַנטקליידן פאַר דער וועלט — זיין לעצטע פּאַזע פון פרומקייט איז נאָך אַן אויסדרוק דערפון. זיין הויפּט־סימפּטאָם איז אַן עדיפּוס־קאָמפּלעקס, דער אַנטרייב צו „דערמאָרדן דעם טאַטן", אַרונטערצורייסן און צו באַשמוצן אַלע מענטשן, וואָס ער האָט אין זיין לעבן געהאַלטן הויך, אַרויפגעקוקט צו זיי, זיי געשעצט און באַוואונדערט — און אָפט געזוכט נאָכצומאַכן.

דעם דאָזיקן סימפּטאָם זיינעם האָב איך צוערשט באַמערקט נאָך מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק. ליבערמאַן איז דעמאָלט געווען דער סעקרעטאַר פון יידישן לערער־סעמינאַר, און איך בין נאָר־וואָס געוואָרן דער דירעקטאָר, אויף דר. יהודה קויפמאַנס אָרט. דער פּרעזידענט פון סעמינאַר איז דעמאָלט, ווי היינט, געווען דער שריפטשטעלער יואל ענטין. מיר אַלע האָבן צו ענטינען געהאַט די העכסטע אַכטונג ווי צו אַ יידן אַ תּלמיד־חכם און בעל־מידות. ליבערמאַן האָט זיך אָבער אויף אים אָנגעזעצט מיט עפּעס אַ היסטערישער פאַרביסנקייט. ער האָט דעמאָלט רעגיזירט פון סעמינאַר, געפאָדערט עפּעס אַ משונהדיקע סומע פון עטלעכע טויזנט דאָלער ניט־באַצאָלטע שכירות — ווען דער סעמינאַר האָט קיין דאָלער ניט געהאַט — אַלץ ווי אַ מין צו־להכעיס ענטינען.

האָב איך געבעטן אַ פירער פון סעמינאַר, ער זאָל מיר אויפקלערן וואָס דאָ קומט פאָר. און יענער האָט מיר עס אַזוי דערקלערט:

חיים ליבערמאַן האָט יאָרנלאַנג אַרויפגעקוקט צו ענטינען ווי צו אַ גאָט. ענטין איז ביי אים געווען אַ רבי, אַ וועגווייזער, אַן אידעאַל, צו וועלכן ער האָט געוואָלט דערגרייכן. איצט, אַז ער זיצט מיט מיט ענטינען אין איין קאָמיטעט, מוז ער אים אַרונטערשלעפּן צו זיך, כדי זיך אויסצוגלייכן מיט אים. ער מוז אים באַקעמפן, כדי אויפצוהאַלטן זיין זעלבסט־רעספּעקט...

איך האָב גראַד דעמאָלט געהאַלטן אין שטודירן פּסיכאָלאָגיע, האָט אויף

מיר דער דאָזיקער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז פון אַ מענטשן, וואָס האָט מיט פּסיכאָלאָגיע קיין שייכות ניט געהאַט, געמאַכט אַזאַ מין איינדרוק, אַז איך געדענק עס ביזן היינטיקן טאָג. און איך האָב וועגן דעם אַפּט געטראַכט, און איך האָב געזען ווי די פּאַראַנאָיאַ פּראָגרעסירט ביי ליבערמאַנען מיטן גאַנג פון די יאָרן.

ליבערמאַן האָט אַמאָל פאַרגעטערט אַלגינען און אַפילו געפּרובירט נאָכצומאַכן זיין סטיל אין שרייבן — ער מאַכט אים נאָך היינט נאָך — האָט ער ניט געדרוט און געראַשט ביז ער איז אים באַפאַלן און אַפּגעגאַסן מיט אַ פּאַמויניצע. ליבערמאַן האָט אַמאָל אויך געהאַט גרויס אַכטונג פאַר ניגערן און אַרויפגעקוקט צו אים ווי צו דעם קריטיקער, האָט ער ניט געקאָנט איינרוען ביז ער איז אים באַפאַלן אויפן מיאוסטן אופן. זיין גאַנצער מיען זיך צו ווערן אַ ליטעראַטור־קריטיקער, און פּרובירן שרייבן אין סטיל פון אַלגין־ניגער־קאָראַלניק, איז אין תוך געווען אַן אויסגוס פון זיין עדיפּ־קאָמפּלעקס קעגן ענטינען, אַלגינען און ניגערן. אויך לגבי מיר, פּערזענלעך, האָט דער דאָזיקער קאָמפּלעקס געווירקט. געווען אַ צייט, ווען ער האָט געהאַט אַ באַזונדערע באַציאונג צו מיר, אין ווען ער האָט געזען דאָס וואָס ער האָט געוואָלט דערגרייכן. איצט, אַז ער זיצט מיט יואל ענטין אין מיך באַפאַלן מיט די זעלביקע פּאַמויניצעס ווי די אַנדערע „עדיפּן" זיינע.

זיין אַרכ־עדיפּ איז אָבער געווען דר. חיים זשיטלאָווסקי.

דר. זשיטלאָווסקי, וואָס איז געווען דער רבי פון דער גאַנצער ראַדיקאַלער יידישער גאַס, איז פאַר ליבערמאַנען געווען נאָך מער ווי אַ רבי — ליבערמאַן האָט זיך דאָך אַנטוויקלט אויף דער יידישער שפּראַך, ביז ער איז שפּעט אין לעבן אַריין אין קאַלעדזש, אַלץ צוליבן מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס — פאַר אים איז זשיטלאָווסקי געווען מיטלשול, הויכשול, אוניווערסיטעט, ביבליאָטעק, מוזיי, און מוסטער פון פּערזענלעכקייט. אויב אַנדערע יידישע שרייבער זיינען פאַר אים געווען געטער, איז דר. זשיטלאָווסקי פאַר אים געווען דער גאָט איבער אַלע געטער, דער אלהי צבאות. איז גראַד מיט דעם, וואָס דר. זשיטלאָווסקי האָט פאַרנומען אַזאַ הויכע פּאָזיציע אין דער יידישער וועלט, האָט ער נאָך מער פריטשמעליעט ליבערמאַנס עגאָ, און ז'ערמיט געוואָרן דער „הויפּט־טאַטע", וועמען ער מוז „דערמאָרדן".

טאָמער איז דאָס קאָרג געווען, האָט זיך געמאַכט אַ קאָנפליקט צווישן אים און זיין „אַרכ־עדיפּ" ביי ליבערמאַנס ערשטן פאַרזוך אַרויסצוקומען צווישן מענטשן. ער האָט אָנגעשריבן אַ בראָשורע וועגן דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער דערציאונג. האָט דר. זשיטלאָווסקי, וואָס איז געווען דער פאָטער פון דער דאָזיקער אַרט דערציאונג ביי אונדז, געשריבן אַן אַרטיקל וועגן דער דאָזיקער בראָשורע, און געזאָגט, אַז עס דאַרף זיך רופן ניט

נאַציאָנאַל־ראַדיקאַל, נאָר נאַציאָנאַל־קלעריקאַל (ער איז שוין אַלזאָ דעמאָלט געווען אַ רעאַקציאָנער), און פאַרענדיקט דעם אַרטיקל האָט דר. זשיט־לאָווסקי, ווי ציטירט פון קלמן מרמר אין דער „מאָרגן־פרייהייט", מיט די ווערטער: „קומט איר אין דעם ביכל פון הערן ליבערמאַן צו אָט דעם שטעל, דעמאָלט בלייבט אייך שוין גאָר ניט איבער ווי . . . אַ שמיץ צו טאָן דאָס ביכל אונטערן טיש."

אַזוינע ווערטער פון דעם גרויסן דר. זשיטלאָווסקי, וואָס איז אַלעמאָל אַזוי אַקאַדעמיש און דזשענטלמעניש, צום אָנפאַנגער, חיים ליבערמאַן, האָט געמוזט זיין אַ שאָק, פון וועלכן ער האָט ניט געקאָנט קומען צו זיך — בפרט ווען דער מענטש האָט אַזוי געליטן פון מינדערווערטיקייט.

דער נאַטירלעכער עדיפּוס־קאָמפּלעקס האָט אָנגענומען אַ דירעקטע, פּערזענלעכע פאָרמע. דער פּסיכאָפּאַטישער טיפּ איז געוואָרן אַ מאַניאַק.

צוערשט איז ער אַרויסגעשפּרונגען קעגן דר. זשיטלאָווסקין מיט אַ יאָר צוואָנציק צוריק אין דער פּועלי־ציוניסטישער „צייט" איבער אַן ענין ביאָלאָגישע ירושה.

גראָד דעמאָלט האָט זיך ליבערמאַן דערוואוסט פון אַ דאַרווין, לאַמאַרק, און אַ פּראָבלעם פון דער ירושה פון דערוואָרבענע אייגנשאַפטן. און מיטן אייפער פון אַ מענטשן, וואָס האָט נאָר־וואָס אַנטדעקט אַמעריקע, איז ער אַרויסגעקומען מיט אַ גאַנצער סעריע אַרטיקלען קריטיק איבער זשיט־לאָווסקיס אויפפאַסונג פון ירושה. נאָר אַזוי ווי ער האָט דעמאָלט געהאַט אויף זיך אַ רעדאַקטאָר, און אַ רעדאַקטאָר, וואָס איז געווען אַן אינטעלי־גענטער, אָנשטענדיקער מענטש — דוד פינסקי — האָט ער אים ניט געלאָזט אָנגרייפן זשיטלאָווסקין פּערזענלעך — ער האָט די אַרטיקלען בכלל ניט געוואָלט דרוקן און דאָס געטאָן נאָר ווען ליבערמאַן האָט געמאַכט היס־טעריקע פאַרן צענטראַל־קאָמיטעט. איז עס אַרויסגעקומען אַ מין וויסנ־שאַפטלעכע פּאָלעמיק. האָט גענומען דר. זשיטלאָווסקי און געענטפערט, דווקא גרויסמוטיק, און מיט די פיינסטע דזשענטלמענישע מאַניערן גע־מאַכט ליבערמאַנען צו חוכא וטלולא און פון זיין גאַנצער „וויסנשאַפט" אַש און שטויב — ווי איינער וואָס שאַרט אַרונטער אַ פּעדערל פון לאַץ.

פאַר די צוואָנציק יאָר האָט ליבערמאַנס פּאַראַנאָיאַ פּראָגרעסירט אַדאַנק דעם, וואָס פון איין זייט איז זיין אָנזען אין דער פּראָפעסיע געזונקען, ביט געשטיגן און פון דער צווייטער זייט, האָט ער זיך פאַרבונדן מיט אַ מענטשן, וואָס איז אויך פון זעלביקן פּסיכאָלאָגישן טייג געקנאָטן — אב. קאַהאַן. ער, קאַהאַן, פּלעגט אויך אַלעמאָל צוערשט באַגייסטערט ווערן פון אַ מענטשן און דערנאָך ניט רוען ביז ער האָט אים געטראָטן מיט די פיס. און ער, קאַהאַן, האָט אויך געטראָגן אַ האַרץ אויף אַלגינען, אויף ניגערן (קאַהאַן האָט אויך געוואָלט ווערן דער אָנערקענטער קריטיקער און איז ניט געוואָרן)

און באַזונדערס אויף זשיטלאָווסקין, ווייל זשיטלאָווסקי האָט מיט זיך פאַר־קערפּערט אַלץ, וואָס ער אַליין האָט געוואָלט זיין און בשום אופן ניט געקאָנט ווערן.

קאַהאַן האָט ניט געוואָלט בלייבן דער „פּראָלעטאַרישער מגיד" פון „פאָרווערטס". ער האָט געוואָלט גיין ווייטער ווי „פון אַ וואָרט אַ קוואָרט". ער האָט זיך פאַרמאָסטן אויף גרעסערס. ער האָט געוואָלט שרייבן אַ גרינט־לעכע געשיכטע פון אַמעריקע, און מער ווי אַ מאָדנער באַנד פון עטלעכע הונדערט זייטן בלויז וועגן די אַנטדעקונגען אַליין איז פון אים ניט גע־קומען, און אויך דער דאַזיקער באַנד איז געווען אַ שלעכט נאָכגעשריבן ווערק אָן אַ זין, אַפילו פאַר אַמעריקאַנער. ער האָט זיך פאַרנומען איבער־צוזעצן קאַרל מאַרקסעס „קאַפּיטאַל" און אויך פון דעם איז גאָרנישט געוואָרן. און דאָ קומט דר. זשיטלאָווסקי און ווערט פון אַלעמען אָנערקענט פאַרן געלערנטן שרייבער, פאַרן וויסנשאַפטסמאַן, סאָציאָלאָג, פילאָסאָף, און ווען קאַהאַן האָט זיך איינמאָל פאַרמאָסטן מיט זשיטלאָווסקין אין אַ דעבאַטע (אויף רוסיש), האָט זשיטלאָווסקי באַוויזן, אַז ניט נאָר רעדט ער אַ בעסערן רוסיש פאַר קאַהאַנען, נאָר ער, קאַהאַן, פאַרשטייט אַפילו ניט פון וואָס די רייד איז. פון דעם שטאַמט ניט נאָר זיין שנאה צו זשיטלאָווסקין, נאָר אויך זיין האַס און פאַראַכטונג צו יעדן ערנסטן קולטור־שעפערישן כוח אויף דער יידישער גאַס. אויב ער מוז בלייבן ביים „פון אַ וואָרט אַ קוואָרט", טאָר קיינער העכער ניט אַרויף.

אין נאָך אַ פּונקט האָט זשיטלאָווסקי שאַרף אָנגעטראָטן קאַהאַנען.

אב. קאַהאַנס הויפּט־ליידנשאַפט אין לעבן איז אַלעמאָל געווען מאַכט, הערשאַפט — פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, איז אַליין אָן אינטערעסאַנטע ביסל פּסיכאָלאָגיע. איז כדי צו שאַלטעווען אויף דער יידישער גאַס, האָט ער געמוזט אויפבויען אַ צייטונג, זי פאַרשונדעווען און פאַרגעלן, אויפבויען אַ פּערזענלעכע מאַשין אין דער צייטונג, אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיי, מאַניפּולירן יוניאָנס„ און טרייבן אַלערליי פּאָליטיק, און ערשט מיט דעם אַלעם האָט ער געמוזט שטיין אויף דער וואַך, טאָג און נאַכט, מיטן שווערד אין האַנט, צו היטן זיין מלוכה. און אַלע ווילע פלעגן זיך צעוויקלען וואָלקנס פון רעוואָלט. און דאָ קומט דר. זשיטלאָווסקי, אָן אַ צייטונג, אָן אַ מאַשין, אָן אַ פּאַרטיי, און אָן יוניאָנס, און אָן פּאָליטיק און אינטריגעס, און ער ווערט דער הערשער איבער דער יידישער גאַס — ער ווערט אָנערקענט פון אַלעמען פאַרן קעניג פון דער יידישער אַמעריקע, און אָנשטאָט מען זאָל אים אויסלאַכן אָדער אָנזידלען, ווי מען טוט מיט אים, קאַהאַנען, ווייזן אַלע זשיטלאָווסקין אַרויס די גרעסטע ליבע און אַכטונג.

געדענק איך ווי נאָך מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק האָט אב. קאַהאַן אָנ־גערייצט מאָריס ראָזענפעלדן אויף זשיטלאָווסקין, און יענער האָט אָנגע־

שריבן אַ פּעליעטאָן, וואָס האָט אַרונטערגעריסן זשיטלאָווסקין, ניט דער־מאָנענדיק אים ביים נאָמען, נאָר באַצייכענענדיק אים „דער פילאָסאָף". דער פעליעטאָן האָט געהייסן „די צעפּציכע", וואָס איז דער בויך פון אַ בהמה, וואו מען קאָן געפינען אַלץ וואָס איר ווילט אין דער וועלט.

אין זיינע לעצטע יאָרן, איז מאָריס ראָזענפעלד געוואָרן איינער פון דער היפּשער צאָל מענטשן, וואָס קאַהאַן האָט אַרונטערגעשלעפּט צו זיך אין אָפּגרונט און פון זיי געמאַכט טינטער־משרתים און פען־לאַקייען, וואָס פלעגן שרייבן ווי ער האָט געוואָלט און וואָס ער האָט געוואָלט. מאָריס ראָזענפעלד איז אָבער געווען אַ מענטש אַ קינסטלער מיט אַ טיפער נשמה, איז אַפילו אין קאַהאַנישן זומפּ האָט זיין האַרץ רעוואָלטירט, ווייל ער האָט געפילט זיין אייגענע דערנידערונג און געפאַלנקייט. ראָזענפעלדן האָט מען געדאַרפט אַרונטערשלעפּן צו דער מדרגה פון „וויקידאַילע" ביים פּריצישן הויף. ליבערמאַן האָט זיך אַליין געגרן אַרונטערגעקייקלט אין אָפּגרונט אַריין. ער האָט זיך געכאַפּט טראָגן די קאַהאַנישע פּאַמויניצעס אויס ליבע צו דער זאַך. ער האָט מיט שטאָלץ זיך אָוועקגעשטעלט ווי אַ הונט פאַרן טויער פון „פאָרווערטס", אָנצופאַלן אויף וועמען דער פּריץ וועט הייסן, וואָרים אין דער בילעריי געפינט ער זיין אייגענעם זעלבסט־אויסדרוק, זיין עקזיביציע, זיין ציען אויפמערקזאַמקייט, זיין מעלאָדראַמאַטיזירן זיין אייגענע מעגאַלאָמאַניע.

אַט אַזוי איז געשאַפן געוואָרן די קאָמבינאַציע קאַהאַן־ליבערמאַן, פון וועלכער ליבערמאַן איז דער ביליקערער, נידעריקער שותף, וואָרים קאַהאַן פאַרמאָגט כאָטש געוויסע שטאַנדפּונקטן, באַציאונגען און האָט באַשטימטע אָבזיכטן אין זיינע קאַמפּאַניעס קעגן מענטשן — ווי דעמאַגאָגיש זיי זאָלן ניט זיין. ליבערמאַן איז גאָר נישט ניט אויסן מיט זיינע אָנפאַלן, אויסער סענסאַציע, טומל, מען זאָל רעדן וועגן אים. באַלד ווי עס איז דערשינען דער ערשטער אַרטיקל קעגן זיין בראַשור, האָט ער טעלעפאָנירט אַ פריינט אַ גליקלעכער מענטש: דו זעסט? דער טומל הייבט זיך שוין אָן! און ער האָט זיך גאָר אַליין געקליבן אַרויסצוגעבן אין אַ בראָשור אַלע אַרטיקלען, וואָס זיינען דערשינען קעגן אים — אַט ווי ווייט די מאַניע גייט!

אָבער ליבערמאַנען ווערט ענג צו טראָגן אַב. קאַהאַנס אייזערנעם קראַגן אַרום האַלדז. אים איז שווער צו פילן כסדר די קאַהאַנישע קייט, וואָס אַמאָל גיט זי אַזאַ שאַרפן צי, אַז זי נעמט אים אינגאַנצן אַוועק פון טויער, ווי עס איז געווען דער פאַל, בעת ער איז באַפאַלן דר. זשיטלאָווסקין און דעם „טאָג", אַז זיי זיינען שולדיק אין דער הינריכטונג פון אַלטער און עהרליך, און דער „טאָג" האָט געדראָט צו פאַרקלאָגן פאַר אַ לייבעל, האָט זיך דער „פאָרווערטס" גלייך אַנטשולדיקט, עפנטלעך ביי זיך אין צייטונג, פאַרן „טאָג", און פאַרשטאָפּט ליבערמאַנען דאָס מויל אויף אַ ביסל צייט.

אויסער דעם, ווייס ליבערמאַן, אַז צו זיין בילעריי אין „פאָרווערטס" הערט מען זיך שוין מער ניט צו, פונקט ווי אַ מענטש וואָס גייט יעדן טאָג פאַרביי אַ שפּיטאָל פאַר משוגעים הערט אויף אַריינצוקוקן אין די פענצטער און האָרכן דאָס רעוועץ פון די איינגעשלאָסענע. דערפאַר, האָט ער זיך גענומען אַרויסגעבן זיינע אָנפאַלן אין בראָשורן, פּאַסקוויל־בראָשורן, און ער בויט אויף אונדזער פּראָווינציעלן צוגאַנג, אַז וויבאַלד עפּעס קומט אַרויס אויף יידיש אין פאָרמאַט ווי אַ ביכל, דאַרף מען עס רעצענזירן, וואָס פאַר אַן אומזין עס זאָל ניט זיין — בעת ווען עפּעס דרוקט זיך אין אַ צייטונג, ווי גוט עס זאָל ניט זיין, דאַרף עס ניט רעצענזירט ווערן...

ווען ליבערמאַנס פּאַסקוויל אויף דר. זשיטלאָווסקין איז דערשינען, האָב איך עס אַפילו ניט געוואָלט אָנקוקן. און ווען לעזער און פאַרערער פון דר. זשיטלאָווסקין האָבן מיר אָנגעפרעגט הלמאי איך רעאַגיר ניט אויף דעם, האָב איך זיי געענטפערט, אַז אויף פּאַסקווילן פלעגט דר. זשיט־לאָווסקי אַליין אויך ניט ענטפערן, און אַז וויבאַלד אַלץ וואָס ליבערמאַן איז אויסן, איז עס זאָל ווערן אַ טומל אַרום דעם, איז בעסער גאָר ניט צו רעאַגירן אויף דעם. עלעהיי איר גייט אין גאַס און אַ משוגענער שפּרינגט אַרויס פון ערגעץ אַן אַריינגאַנג און באַשפּייט אייך — וועט איר זיך פאַרנעמען מיט אים?

דער סקאַנדאַל מיטן אָנפאַל אויף זשיטלאָווסקין איז אַלזאָ געקומען ניט פון דעם ליבערמאַן־פּאַסקוויל, נאָר פון דעם וואָס ראָגאָף און קאַהאַן האָבן דאָס צעשמירט. עס איז געוואָרן אַ סענסאַציע ניט צוליב ליבערמאַנען, נאָר צוליבן „פאָרווערטס". דער „פאָרווערטס" איז טאַקע אַב. קאַהאַנס, ווי זיינע שטעקשיך זיינען זיינע, אָבער עס ווערט פאַרט געלייענט פון אַ וואָסערע הונדערט טויזנט מענטשן, איז ווען אַ פּאַסקוויל ווערט צעלייגט פאַר אַזוי־פיל מענטשן, מוז עס שוין ווערן אַן עפנטלעכער סקאַנדאַל, און מען מוז רעאַגירן אויף דעם, ווי אומעטיש און אידיאָטיש דער פּאַסקוויל זאָל ניט זיין.

און דאָ קומען מיר צו דעם צווייטן טייל פון דער פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון דעם מין — די פּאַטאָלאָגיע פון אונדזער סאָציאַל־קולטורעלער סביבה.

.3

ווי האָט עס פאָרט געקאָנט פּאַסירן, אַז אַ גרויסע יידישע צייטונג זאָל אויפנעמען אַ שענדלעכן פּאַסקוויל קעגן איינעם פון די גרעסטע יידן פון אונדזער צייט, אָננעמען אַלע פאַרלוימדונגען פאַר גוט געלט, און זיך אַליין פאַרלייגן צו באַשמוצן זיין נאָמען?

איך ווייס, אַז דער לייכטסטער תירוץ איז דער פּערזענלעכער: אַב. קאַהאַן (הלל ראָגאָף איז אויך אַב. קאַהאַן). ס'איז זיין „פאָרווערטס", טוט

ער וואָס ער וויל, און פֿאַרוואָס ער האָט געוואָלט, האָב איך דאָך ערשט אַליין אויבן אָנגעגעבן. אָבער דאָס איז ניט קיין צופֿרידנשטעלנדער תּירוץ.

קאַהאַנס אַבסאָלוטיזם אין „פֿאָרווערטס״ איז נאָר אַבסאָלוט אין זיין הערשאַפֿט איבער די „בעזגראַמאָטנע סוואָלאָטשעס״, ווי ער פֿלעגט אַמאָל רופֿן די שרייבער פֿון זיין רעדאַקציע — איבער די שרייבער, הייסט עס. און אַפֿילו דאָרטן, איז ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ „גראַמאָטנעם״ שרייבער, קומט עס אויך קאַהאַנען ניט אָן אַזוי גרינג. ער האָט לאַנגע יאָר געמוזט פֿירן אַ קאַמף אין דער אַסאָסיאיישאָן ביז ער האָט באַקומען אַ פֿרייע האַנט צו „לינטשן״ שלום אַשן. פֿאַראַן היינט נאָך אַ פּאָר שרייבער, וועמען ער וואָלט דורס געווען — דאָס שטיקל חיונה אַוועקגענומען — ווען ער קאָן. פֿאַראַן זאַכן, וואָס אַפֿילו קאַהאַן קאָן אויך ניט טאָן אין „פֿאָרווערטס״.

ווען ער איז, למשל, געקומען צוריק פֿון זיין רייזע אין ארץ־ישׂראל באַקערט צום ציוניזם, האָט ער אַליין טאַקע געקאָנט באַשרייבן ווי ער האָט געוויינטביים כּותל־מערבֿי, אָבער אַריינגעבן אַ נאָטיץ וועגן געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין, האָט ער ניט געקאָנט... קאַהאַן אַליין האָט די בונדיסטן קיינמאָל ניט ליב געהאַט, און יאָרן לאַנג פֿלעגט די „פֿאָלקס־צייטונג״ אָנגרייפֿן קאַהאַנען ווי אַ קעגנער; און די היינטיקע בונדיסטן, מיט זייער באַרבאַרישן אַנטי־ציוניזם, זיינען אים אַוודאַי ניט צום האַרצן. פֿונדעסטוועגן מוז ער זיי „דולדן״ אין „פֿאָרווערטס״ און דערלויבט דעם „פֿאָרווערטס״ זיך נאָכצושלעפּן נאָך זייער פּאָליטיק.

עס איז דאָ אַ סאָציאַלער קרייז, ווי קליין ער זאָל ניט זיין, וואָס איבט אויס אַ דרוק אויפֿן „פֿאָרווערטס״, ניט געקוקט אויף קאַהאַנס „סאַמאָדערזשאַוויע״. ווי האָט אָט דער קרייז, וואָס פֿאַרמאָגט ניט די פּערזענלעכע מאָטיוון אַרונטערצורייסן זשיטלאָווסקין, דערלויבט אַזאַ מין שענדלעכקייט אין „פֿאָרווערטס״?

און אַז דער „פֿאָרווערטס״ האָט יאָ געמאַכט אַזאַ שענדלעכן אָנפֿאַל, וואו איז געווען די יידישע געזעלשאַפֿטלעכקייט? וואָס האָט זי געטאָן צו דעם? ווי האָט זי רעאַגירט?

דר. חיים זשיטלאָווסקי איז געווען אַן ערן־פּרעזידענט פֿון „ייוואָ״. האָט דער „ייוואָ״ פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ שענדלעכן פּאָגראָם אויף זשיטלאָווסקיס נאָמען? ניין. ער איז געשטאַנען אין אַ זייט, און זיך געמאַכט ניט וויסנדיק.

רעדנדיק וועגן „ייוואָ״, און די נייע כּוחות וואָס קאָנטראָלירן אים היינט, האָט מיר דר. חיים זשיטלאָווסקי געזאָגט אין אַ שפּאַס, אַז זיי וואָלטן אים אַרונטערגעוואָרפֿן פֿון ערן־פּרעזידענטשאַפֿט, נאָר פּאַר אַ געוויינטלעכן פּרעזידענט איז דאָ אַ פּראָצעדורע ווי אַזוי אים אַרונטערצוואַרפֿן, אָבער אַ פּראָצעדורע אַרונטערצוואַרפֿן אַן ערן־פּרעזידענט איז נאָך ניטאָ... עס איז אפֿשר גאָר ניט געווען אַזאַ שפּאַס. און דער זעלביקער „ייוואָ״, וואָס

האָט ניט רעאַגירט אויף דעם שענדלעכן קאַמפּיין קעגן זשיטלאָווסקין, באַשטייט פונדעסטוועגן צו זיין דער יורש זייבער, און שיקט לאָיערישע בריוו צום דר. זשיטלאָווסקי פאָלקס־קאָמיטעט, אַלעמאַי ער גיט אַרויס די שריפטן פון דר. זשיטלאָווסקי...

דר. חיים זשיטלאָווסקי איז געווען אַ מיטגליד פון דעם י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין. ער איז פון פּרץ פאַראיין ניט אַרויס אפילו בעתן סטרייק אין „טאָג", פון וועלכן ער איז אַרויס דער גרעסטער קרבן, דער גרעסטער פאַרלירער — אים אַליין האָט מען געשניטן די הכנסה אויף פופציק פּראָצענט אָן קיין שום פאַרוואָס. האָט דער פּרץ פאַראיין רעאַגירט אויף דער נבלה, וואָס איז קעגן אים באַגאַנגען געוואָרן מצד חברים מיטגלידער פון זעלביקן שרייבער פאַראיין?

נאָך זשיטלאָווסקיס טויט, האָבן זיך באַוויזן אין דעם אָרגאַן פון דער פּועלי־ציוניסטישער פאַרטיי, „דער יידישער קעמפער", אַ פּאָר אָנשטענדיקע אַרטיקלען וועגן אים — ווי אַ מין געוויסן־אָפּצאָל פאַר די פּאָמויניצעס וואָס דער ליבערמאַן פון „קעמפער", גראָדזענסקי, האָט ביים לעבן אויף אים געגאָסן. נאָכן טויט, האָבן פּועלי־ציוניסטישע פירער געשריבן מיט אַכטונג און גרויס אָנערקענונג וועגן דר. זשיטלאָווסקין און זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער באַוועגונג. האַלטן די פּועלי־ציון און דער יידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד אויך, אַז זשיטלאָווסקי איז כל־ימיו געווען אַן אַנטיסעמיט און אַן עוכר־ישראל? אויב ניט, פאַרוואָס האָבן זיי געשוויגן?

די אומפּאַרטייאישע יידישיסטן האָבן זיך תמיד געוואַרעמט אַדום דר. זשיטלאָווסקין. „אויף זיין טעריטאָריע", ווי ריווקין האָט זיך אויסגעדריקט, האָבן זיי דאָך אויסגעבויט זייערע שולן, זייער קעמפּ, זייער גאַנצן רעזאָן ד׳ עטר. דר. זשיטלאָווסקי איז כמעט אַלע יאָרן געווען דער גרויסער ערךגאַסט אויף זייערע יערלעכע באַנקעטן. דער פּרעסטיזש פון זיין קומען האָט דאָך אַפילו געהאָלפן מאַכן די געלט־זאַמלונג פון באַנקעט אַ גרויסן דערפאָלג. שטימען יענע שלום־עליכם יידן אויך איין, אַז זשיטלאָווסקי איז אַלע מאָל, די גאַנצע זעכציק יאָר פון זיין קהלשער טעטיקייט, געווען דאָס וואָס ליבערמאַן האָט געשריבן? אויב ניט, ווי קומט עס, וואָס זיי האָבן דערויף ניט רעאַגירט?

איך וואָלט געקאָנט אָנרופן נאָך אַ צענדליק און מער יידישע אינסטיטוציעס און באַוועגונגען און זיי פרעגן די זעלבע פראַגע. איך האָב אָנגעכאַפּט נאָר די דערמאָנטע פיר, ווייל זיי זיינען געווען אַמאָנעטסטן, אַמדירעקטסטן, אַמאינטימסטן פאַרבונדן מיט דר. זשיטלאָווסקיס טעטיקייט. אָבער זיי געהערן אויך אַריין — ווי דער אַרבעטער רינג, למשל — פאַרוואָס איז עס דעם „פאָרווערטס" אַזוי אָפּגעלאָפן גלאַט — אויסער די עטלעכע

אַרטיקלען אין „טאָג", „מאָרגן־פֿרייהייט" און פֿרייע אַרבעטער שטימע" ?

דעם ענטפֿער אויף דער דאָזיקער פֿראַגע קאָן מען אויך ניט געפֿינען אין די ראַמען פֿון נאָרמאַלער פּסיכאָלאָגיע. עס איז אַ פּאַטאָלאָגישע דער־שיינונג — סאָציאַל־פּאַטאָלאָגיש. און די פּאַטאָלאָגיע וועט אונדז קלערער ווערן, ווען מיר וועלן, אויף אַ מינוט, באַטראַכטן דעם אינצידענט געזעל־שאַפֿטלעך.

דר. זשיטלאָווסקי איז געבוירן אין יאָר 1865 און געשטאָרבן אין יאָר 1943. ער האָט אַלזאָ געלעבט אַכט־און־זיבעציק יאָר. ער האָט אָנגעהויבן זיין געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייט צו צוויי־און־צוואַנציק יאָר, הייסט עס, אַז ער האָט געווירקט אין דער יידישער גאַס זעקס־און־פֿופֿציק יאָר. ווען מען האָט געפֿייערט זשיטלאָווסקיס זיבעציק־יאָריקן יובילייִ אין יאָר 1935, האָט ער שוין דעמאָלט געהאַט אָפּגעדינט דער יידישער גאַס אַכט־און־פֿערציק יאָר. געגוג צייט, מ'זאָל דערקענען, וויסן, פֿאַרשטיין זיין מהות, אָפּשאַצן זיין אַרבעט, בפֿרט ווען מען האָט זשיטלאָווסקין נאָך פֿריער אָפֿט געיובלט און ביי יעדן יובילייִ געשאַצט און אָפּגעשאַצט.

איז צו זיין זיבעציק־יאָריקן יובילייִ, האָבן אַלע עלעמענטן פֿון דער יידישער גאַס זיך באַטייליקט אין דער פֿייערונג. אָט ליגן פֿאַר מיר די נעמען פֿון נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, וואָס האָט אַראַנזשירט יענע יובילייִ־פֿייערונגען איבער אונדזער לאַנד, ווי געדרוקט אין דעם זשיטלאָווסקי־יובילייִ־אַלבום :

עס האָט געהייסן : דר. חיים זשיטלאָווסקי יובילייִ־קאָמיטעט. נאַציאָ־נאַלער קאָמיטעט : ערן־פּרעזידענטן : אַלבערט איינשטיין, ש. דובנאָוו, זיגמונד פֿרויד, מאָזעס גאַסטער, עדוואַרד סאַפּיר. פֿאָרזיצער: דוד פּינסקי. וויצע־פֿאָרזיצער : ב. וולאַדעק, י. וויינבערג, א. ליעסין, דר. א. מוקדוני, ש. ניגער. קאַסירער : דר. י. מעריסאָן. סעקרעטאַר : ה. עהרענרייך. פֿאַרוואַלטער : מענדל עלקין.

און אָט קומט געדרוקט אַ ליסט פֿון אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין יובילייִ :

אַרבעטער רינג, יידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פֿאַרבאַנד, „פֿאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן, פֿאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפֿטן, אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן, קלאָוק און דרעסמאַכער יוניאָן, מילינערי און קאַפּען־מאַכער יוניאָן, פּועלי־ציון, צעירי־ציון, פֿעדעראַציע פֿון לאַנדסמאַנשאַפֿטן פֿאַראיינען, פּראָגרעסיוו אָרדער אָוו דהי וועסט, שלום־עליכם פֿאָלקס־אינסטיטוט, צענטראַלער שול־קאָמיטעט פֿון אַרבעטער רינג, סאָציאַליסטישער פֿאַרבאַנד, י. ל. פּרץ שרייבער פֿאַראיין, יידישע קולטור־געזעלשאַפֿט, יידישער וויסנשאַפֿטלעכער אינ־סטיטוט, פֿרויען לייען־קרייזן, דראַמאַטישע געזעלשאַפֿט, פּיאָנערן פֿרויען־געזעלשאַפֿט.

אַלזאָ, נאָך אַכט־און־פערציק יאָר לעבן און ווירקן אין יידישער געזעל־שאַפטלעכקייט, אין שרייבן, רעדאַקטירן, פּאָרטראַגן, און שטיין אויף דער שפּיץ פון פאַרשיידענע באַוועגונגען און טעטיקייטן, האָט כמעט די גאַנצע יידישע אַמעריקע אים אויסגעדריקט די גרויסע אָנערקענונג און זיך אָנ־געשלאָסן אין יובּיליי־קאָמיטעט, אין וועלכן סיי די געגנאָסן (אַפילו אב. קאַהאַן איז געווען אַ מיטגליד פון קאָמיטעט) און סיי די פּועלי־ציוניסטן האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט.

דאָס, נאַטירלעך, באַווייזט דעם אידיאַטיזם פון ליבערמאַנס פּאַסקוויל אויפן גאַנצן זשיטלאָווסקין, אויפן זשיטלאָווסקי פון 1889 אָן. אָבער וואָס אַזוינס האָט פּאַסירט אין די לעצטע אַכט יאָר פון זשיטלאָווסקיס לעבן, וואָס האָט געמאַכט מעגלעך, אַז דער זעלבער מענטש, וועמענס יובּיליי די גאַנצע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט געפייערט אין 1935, זאָל אַזוי מיאוס פאַר־לוימדעט ווערן אין 1944, און די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט זאָל אַזוי ווינציק רעאַגירן אויף דעם? (איך מיין די פירערשאַפט, נאַטירלעך, די מאַסן זיינען געוואָלדיק אויפגעבראַכט געוואָרן, אָבער די יידישע מאַסן גע־פינען היינט זייער ווינציק אויסדרוק אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן.)

אין משך פון די לעצטע זיבן יאָר פון זיין לעבן, האָט זיך דר. זשיט־לאָווסקי ניט אָפּגעזאָגט פון זיין יידישיזם, פון זיין יידישן נאַציאָנאַליזם בכלל און פון זיין גלות־נאַציאָנאַליזם בפרט, פון זיין סינטעז פון נאַציאָנאַליזם מיט סאָציאַליזם, פון זיין וועלטלעכער יידישקייט ווי אָפּגעטיילט פון דער יידישער רעליגיע, פון זיין אויפפאַסן די יידישע רעליגיע ווי אַ טייל פון דער נאַציאָ־נאַלער יידישער קולטור, פון זיין קאַמף קעגן אַסימילאַציע און פאַר אַ נאַציאָנאַלער יידישער קולטור, יידישע שולן, יידישע וויסנשאַפט, און אַזוי ווייטער. אַפילו פון זיין אַלגעמיינער סאָציאַלער פילאָסאָפיע, האָט ער זיך ניט אָדער אָפּגעזאָגט, אָדער אָפּגעטיילט, נאָר זיך געהאַלטן ביי זיין שטענ־דיקער עס־עראָווסקער פּראָגראַם. דר. זשיטלאָווסקי איז געווען דער אויס־געהאַלטנסטער מענטש אין דער וועלט — פאַר מענטשן וואָס זיינען געווען אינטעליגענט אָפּצושאַצן אידעאָלאָגיע.

איז וואָס אַזוינס האָט דר. זשיטלאָווסקי אָפּגעטאָן, וואָס האָט אויף אים אַרויפגעבראַכט דעם שרעקלעכן גרימצאָרן פון זיין סאָציאַלער סביבה?

דר. זשיטלאָווסקי האָט זינט 1935 אָפּגעטאָן נאָר איין זאַך: ער האָט פאַרטיידיקט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אַנטקעגן זיינע אָנפאַלער. אָט דאָס גאָר, און ניט מער, און פאַר דעם האָט מען אים ניט נאָר ביים לעבן געטרודפט עד־חרמה, נאָר אַפילו פון קבר אַרויסגעשלעפּט און באַוואָרפן מיט בלאָטע.

אויך אין דעם דאָזיקן פרט, איז דר. זשיטלאָווסקי געווען אויסגעהאַלטן. ער איז אַלע מאָל געווען, און געבליבן ביזן טויט, אַ טעאָרעטישער קעגנער פון געוויסע עלעמענטן פון מאַרקסיזם און לעניניזם. ווי אַן „עס־ער" האָט

ער געפונען וואָס צו קריטיקירן אין סאָוועטישן רעזשים. ער האָט אָבער אַלע מאָל קריטיקירט ווי אַ פּריוואַט, ווי אַ מענטש מיט אַ פּאָזיטיווער באַציאונג צום עצם־ענין — צו דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אַז עס האָט זיך אויפגעהויבן די וואַקכאַנאַליע קעגן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד בעת די מאָסקווער פּראָצעסן, האָט ער דערפֿילט זיין חוב אַרויסצוקומען, ניט ווי אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, נאָר ווי אַ טעאָרעטיקער, צו דערקלערן דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד — און טאָקע דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיך ניט אַרונטערגעלאָזט צו דער מדרגה פֿון די סאָוועטן־האַסער, ווייל ער האָט אָנגעהאַלטן זיין אָביעקטיוויטעט אין זיין אייגענעם טעאָרעטישן שטאַנדפּונקט, איז ער דאָס געווען אַזוי געפּערלעך פֿאַר די גיפט־מישער.

זיין שטעלונג צו סאָוועט־רוסלאַנד האָט ער נביאיש אויסגעדריקט אין אַן אַרטיקל „קאַרל מאַרקס און קאַרל מאַרקס", וואָס איז געווען געדרוקט נאָך זיין טויט. דאָרטן האָט ער דערציילט ווי קאַרל מאַרקס איז געווען קעגן דער פּאַריזער קאָמונע, אָבער ווען מען איז די קאָמונע באַפֿאַלן, איז מאַרקס אַרויסגעקומען זי פֿאַרטיידיקן, מחמת זיין קעגנערשאַפֿט צו איר איז געווען גאָר פֿון אַן אַנדער מין, אַ קעגנערשאַפֿט ניט אין פּרינציפּ, ניט אין ציל, נאָר אין טאַקטיק, בעת יענע אָנגרייפֿער זיינען איר באַפֿאַלן צוליב איר ציל — האָט מאַרקס דער קעגנער געמוזט ווערן מאַרקס דער פֿאַרטיידיקער...

דער אָנפֿאַל אויף דר. זשיטלאָווסקין מצד דעם פֿאַסקווילניק, ליבערמאַן, און די „פֿאָרווערטס"־רעדאַקטאָרן, ווי אויך די גלייכגילטיקייט צו דעם מצד אַ גרויסן טייל פֿון דער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט, מוז דעריבער צוגעשריבן ווערן צו דעם פּסיכאָפּאַטישן האַס צום סאָוועטן־פֿאַרבאַנד מצד געוויסע עלעמענטן אויף דער יידישער גאַס, און צו זייער טעראָר, מיט וועלכן זיי שטעלן אָט דעם סאָוועטן־פֿיינטלעכן טאָן אַפֿילו היינט, אין פֿינפֿטן יאָר פֿון וועלט־קריג, ווען דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָט אונדז אַלעמען געראַטעוועט פֿון היטלעריזם.

דאָס אַליין, דאָס פֿאַרפֿאָלגן אַזאַ מענטשן ווי דר. חיים זשיטלאָווסקי, צוליב דער אייך זאַך — זיין פֿאַרטיידיקן דעם סאָוועט־פֿאַרבאַנד, איז גענוג פּאַטאָלאָגיש. וואָרים לאָמיר נאָר זען וואָס זיינען געווען די געוואַלדיקע חטאים זשיטלאָווסקיס אַלס פֿאַרטיידיקער, ריכטיקער געזאָגט: אויפֿקלערער, פֿון דער סאָוועטישער פּאָליטיק?

דריי זיינען זיי געווען, די זינד, און פֿאַר זיי האָט מען ביי אונדז דעם רבין דערשטאָכן: די מאָסקווער פּראָצעסן, דעם סאָוועט־רוסלאַנד־נאַצי־דייטשישן פּאַקט, און די אַלטער־עהרליך היבריכטונגען. מיט זיין שטעלונג צו די דאָזיקע דריי געשעענישן, האָט ער דאָס אַזוי חוטא בעגל געווען.

די מאָסקווער פּראָצעסן, האָט דר. זשיטלאָווסקי אָנגענומען פּשוטו כמשמעו — די פֿאַקטן ווי זיי זיינען אָנגעגעבן געוואָרן. עס איז געווען אַן

אָפּאָזיציע צום סטאַלינשן רעזשים; זי האָט געוואָלט פאַרכאַפּן די מאַכט, און אין דעם פּאַרלאַנג האָבן זיי סאַבאָטאַזשירט און געווען גרייט צו קאָאָ־ספּירירן מיט אויסערלעכע שונאים — ווי רעוואָלוציאָנערן קעגן אַ רעזשים האָבן ניט איינמאָל געטאָן אין דער געשיכטע. מען האָט זיי געכאַפּט, און זיי האָבן איינגעזען צו וואָס זייער אָפּאָזיציע האָט געפירט, צו דעם פאַרראַט פון זייער לעבנס־אידעאַל, האָבן זיי זיך מודה געווען ווי אַ לעצטע תשובה אויף זייער זינד קעגן זייער אייגענעם אידעאַל. אַזוי האָט עס אויפגעפאַסט דר. זשיטלאָווסקי, וואָס איז אין תוך געווען אַ דערהייבונג פאַר די פאַר־משפּטע, ווי ער אַליין האָט אָנגערופן זיין אַרטיקל: „משוגענע הינט אָדער קדושים!"

האָט אים פאַר דעם געקומט צו לינטשן?

דזשאָזעף א. דייוויס, אַן אַמעריקאַנער גרויסער אַדוואָקאַט און אַמבאַ־סאַדאָר צו סאָוועט־רוסלאַנד, איז געזעסן און געהערט די גאַנצע צייט. ער האָט פון געריכט געשריבן קאָנפידענציעלע בריוו צום סטייט־דעפּאַרט־מענט, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערשט מיט יאָרן שפּעטער. האָט ער דעמאָלט פון געריכט געשריבן, אַז ער אַליין, און אַלע אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן אין געריכט, זיינען איבערצייגט, אַז די געמשפּטע זיינען שולדיק, און קאָנען ניט באַגרייפן ווי אַזוי די דרויסנדיקע וועלט האָט עס אָנגענומען, אַז די שולדיקע זיינען אומשולדיק, נאָר די אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן אין מאָסקווע זאָגן, אַז עס מאַכט ניט אויס וואָס די דרויסנדיקע וועלט דענקט אַזוי, ס'איז בעסער אַזוי... זינט דעמאָלט זיינען אַרויסגעקומען נאָך באַווייזן פון דייטשישער און פראַנצויזישער געהיימער דיפּלאָמאַטיע, אַז עס איז יאָ געווען אַ קאָנטאַקט צווישן די אָפּאָזיציאָנערן און די אויסלענדישע מלוכות.

איך בין דאָ ניט אויסן איבערצומשפּטן יענע פּראָצעסן. איך וויל נאָר ווייזן, אַז אָט איז געווען אַ מענטש ווי דזשאָזעף א. דייוויס, וואָס האָט גע־האַלטן, אַז די מאָסקווער פּראָצעסן זיינען געווען ערלעכע, ריכטיקע פּראָ־צעסן און די פאַרמשפּטע זיינען געווען שולדיק, און ער האָט עס פאַר־עפנטלעכט אין אַ בוך, און קיינער האָט אים פאַר דעם ניט געלינטשט; מען האָט אים אַפילו פאַר דעם ניט אָנגעזידלט, אויסער, טאַקע, ווידער אין אַ יידישער צייטונג...

און דייוויס איז דאָך ניט געווען דער איינציקער אין יענער צייט, וואָס האָט אַזוי געהאַלטן — פאַרוואָס האָט אַ מענטש געקאָנט פריי דענקען אַזוי צווישן די גוים און ביי אונדז האָט מען אַפילו דר. זשיטלאָווסקין געלינטשט פאַר דעם?

וועגן דעם סאָוועט־רוסלאַנד־נאַצי־דייטשישן פּאַקט, דאַרף איך שוין ניט אַזוי פיל רעדן. היינט, זעען שוין אַלע איין ווי נייטיק ער איז געווען, און ווי דורך דעם איז גאָר די וועלט געראַטעוועט געוואָרן. ווי האָט מאַקס

לערנער ערשט ציטירט אַן אַמעריקאַנער מאַטראָס: ווען ניט סאָוועט־רוס־לאַנד, וואו וואָלטן מיר היינט געווען? און אַפילו דער רעדאַקטאָר פון „פאָר־ווערטס“, אב. קאַהאַן, האָט דאָך שוין געשריבן, אַז סאָוועט־רוסלאַנד איז ניט געווען גרייט פאַר קריג אין 1939, האָט זי קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי צו מאַכן דעם אָפּמאַך מיט היטלערן, כדי צו קאָנען זיך צוגרייטן צום קריג.

איז דאָס וואָס דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט איינגעזען אין 1939, וואָס אב. קאַהאַן האָט באַגריפן ערשט אין 1944, אַזאַ זינד וואָס איז ניט צו פאַרגעבן?

און וועגן דעם דריטן חטא זשיטלאָווסקיס — דעם ענין אַלטער־עהרליך. וועגן זיי האָט ער געזאָגט אין אַ רעדע, אַז ער גייט ניט איבערמשפּטן זייער פּראָצעס, ניט האַבנדיק די פאַקטן, נאָר ער קאָן באַגרייפן אַז פּונקט ווי די סאָציאַליסטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן געוואָלט אַרונטער־וואַרפן אי דעם רוסישן צאַר אי דעם דייטשישן קייזער און אָפּשטעלן די מלחמה, אַזוי זאָלן די סאָציאַליסטן אין דער היינטיקער וועלט־מלחמה, וואָס זיינען די פאַרביסענע קעגנער פון סאָוועטישן רעזשים, אַרבעטן פאַר דעם, אַז מען זאָל אַרונטערוואַרפן אי דעם סטאַלינשן רעזשים, אי דעם נאַצישן רעזשים און אָפּשטעלן די מלחמה — דערין קאָן זיין געווען די טעטיקייט פון אַלטער און עהרליך אין סאָוועט־רוסלאַנד, פאַר וועלכער מען האָט זיי היגגעריכטעט.

אַז זיין השערה איז געווען ניט אַזוי ווייט פון דער ווירקלעכקייט, קאָן מען זען פון דער דערקלערונג, וואָס די „פּע־פּע־עס“, מיט וועלכער דער יידישער „בונד“ פון פּוילן אַרבעט צוזאַמען, צום פירער פון דער ענגלישער לייבאָר פּאַרטיי, אַטלי, וואָס פרעדעריק קוה האָט איבערגעשיקט צו דער „פי־עם“ פון ניו־יאָרק, און איז דורכגעגאַנגען צווײ צענזורן: די ענגלישע און די אַמעריקאַנישע. די דערקלערונג איז מוראדיק פיינטלעך צום סאָ־וועטישן פאַרבאַנד, ווען די „פּע־פּע־עס“ האַלט פאַר אַ גרעסערער געפאַר פאַר פּוילן ווי היטלערס דייטשלאַנד — און דאָס אין 1944...

אויב אַלטער און עהרליך האָבן געהאַלטן מיט דער „פּע־פּע־עס“, אַז דער אמתער שונא פון פּוילן איז סטאַלין און ניט היטלער, צי סטאַלין איז מער שונא ווי היטלער, פאַרוואָס קאָן זיך ניט לייגן אויפן שכל, אַז זיי זאָלן האָבן געגראָבן קעגן סטאַלינען, און פאַר אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן רוסן און דייטשן אַרונטערצוואַרפן די עקזיסטירנדיקע רעזשימען פון דיביידע לענדער?

אויך דאָ, וויל איך ניט איבערמשפּטן דעם אַלטער־עהרליך פּראָצעס. מיר, זייטיקע, אָן די געריכט־דאָקומענטן, קאָנען נאָר מאַניפּולירן מיט השערות. אָבער ניט שוין זשע איז דר. זשיטלאָווסקיס השערה געווען אַזוי

ווילד, אַזוי אוממעגלעך, אַזוי שרעקלעך, אַז מען זאָל אים פאַר דעם לינטשן ? פאַרוואָס האָט מען ביי די גויים קיינעם גאָרנישט ניט פאַרגעוואָרפן אויב איינער האָט געשריבן, אַז אַ סאָוועטישער געריכט איז אַ געריבט, און ער האָט ניט קיין אורזאַך צו באַשולדיקן דעם סאָוועטישן געריכט אין אומ־ערלעכן אורטייל ?

איז אויב מען האָט צוליב אָט די דריי חטאים ביי אונדז געקאָנט פאַר־פאָלגן, רודפן, פאַרלוימדן, פאַרזידלען און פאַרביטערן די לעצטע יאָרן אַזאַ אדם גדול, און מיט אַזוינע קאָלאָסאַלע פאַרדינסטן, ווי דר. חיים זשיט־לאָווסקי (און נאָך אים אַזוי מיאוס פאַרלוימדן נאָך זיין טויט), איז דאָס אַליין אַ פסיכאָפּאַטאָלאָגישע דערשיינונג פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט. אָבער נאָך קראַנקהאַפטער, נאָך דעגענערירטער, איז דער אופן ווי אַזוי דאָס איז געטאָן געוואָרן.

איך פאַרשטיי, אַז עס קאָנען זיין קעגנער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. איך גיב אויך צו, אַז עס קאָנען זיין קעגנער פון דר. זשיטלאָווסקיס דערקלערונגען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. ווי וואָלט מען געהאַנדלט אין אַ נאָרמאַלער וועלט צווישן נאָרמאַלע מענטשן אין אַזאַ פרט ?

מען וואָלט מיט דר. זשיטלאָווסקין פּאָלעמיזירט. מען וואָלט קריטי־קירט זיין שטעלונג. אים אַליין, וואָלט מען חלילה ניט אָנגערירט. און ווען ער שטאַרבט, וואָלט מען געשריבן, אַז הגם אין געוויסע פרטים איז מען מיט אים ניט געווען איינשטימיק, אַז הגם ער איז געווען אומגערעכט לגבי דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט ער אָבער געהאַט קאָלאָסאַלע פאַרדינסטן אַלס בויער און שעפער פון יידישן וועלטלעכן געדאַנק, פון וועלטלעכן יידישן נאַציאָנאַליזם, פון יידישיזם, און אַזוי ווייטער און ווייטער. מען וואָלט געגאַנגען צו זיין לוויה, מען וואָלט געערט זיין אָנדענק, און וואָס ווייטער די צייט האָט זיך גערוקט, אַלץ העלער און ליכטיקער וואָלט געלויכט זיין נאָמען, מחמת די מאָמענטאַלע קריגערייען און פרטים פאַרגייען דאָך, נאָכן טויט פון אַ גרויסן מענטשן, ווי די וואָלקנס וואָס ס'צעטראָגט דער ווינט.

ביי אונדז האָט מען אָבער אַזוי ניט געהאַנדלט.

פאַרקערט, ביי אונדז האָט מען ערשט גענומען שפּרינגען אויף זיין קבר און טרעטן אים מיט די פיס, מחמת ער איז דאָך שוין טויט און קאָן ניט ענטפערן. ביי אונדז, האָט מען געטאָן נאָך עפּעס, וואָס איז דורכאויס היטלעריש. מען האָט גענומען זשיטלאָווסקיס ווערק און זיך באַגאַנגען מיט דעם ווי די נאַצישע ראָסן־עקספּערטן מיטן יידישן תלמוד — געפעלשט טעקסטן, צעדרייט טעקסטן, און אַרויסגעקומען מיט אַזאַ מין ווילדן, משוגע־נעם פאַרזעעענישדיקן ליגן, וואָס נאָר אַ נאַצישער שטערן האָט געוואַגט צו טאָן. מיר פלעגן זיך וואונדערן: ווי אַזוי שעמען זיך ניט די נאַציס

צו קומען און אָפּצולייקענען, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר? ווי אַזוי קאָנען זיי קומען און זאָגן, למשל, אַז דייטשלאַנד האָט ניט פאַרלוירן דעם לעצטן קריג? ווי אַזוי קאָנען זיי אַרויסקומען מיט טעאָריעס און געדאַנקען, וואָס אַ קינד אין וויג, וואָס יעדער מענטש מיט שכל, ווייס אַז זיי זיינען פאַלש?

היינט זעען מיר עס ביי אונדז אַליין אין אונדזער יידישער גאַס. אָט די נאַצישע מענטאַליטעט האָט זיך אַרויסגעוויזן ביי אונדז אויף אונדזער יידישער גאַס, אין דעם אָנפאַל אויף דר. זשיטלאָווסקין דורך דעם ליבערמאַן־קאַהאַן־ראַגאָף עלעמענט. און ווען מיר פלעגן זיך וואונדערן אַמאָל: וואו זיינען די אָנשטענדיקע דייטשן? וואו זיינען די דייטשישע אינטעליגענטן, די געלערנטע, די קינסטלער, די ליבעראַלן, דער דייטשישער געוויסן? פאַרוואָס רעאַגירן זיי ניט אויף די היטלערישע שקרים? האָבן מיר ביי אונדז היינט אָט די זעלבע פראַגע: וואו איז געווען די אַלגעמיינע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט — אויסער די קליינע אויסנאַמען — פאַרוואָס האָט זי ניט רעאַגירט אויף די ליבערמאַן־„פאָרווערטס“ שקרים?

דער ענטפער אויף די צוויי פראַגעס איז איין ענטפער: סאָציאַלע דעגענעראַציע, פסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון דער געזעלשאַפטלעכער מענטאַליטעט. פונקט ווי היטלער האָט דעגענערירט דעם גאַנצן סאָציאַלן קערפּער פון דייטשלאַנד, אָט אַזוי האָבן אונדזערע שונאים פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אַרונטערגעשלעפּט צו זיך אין זומפּ אַ גרויסן טייל פון דער אָפיציעלער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

עס איז דאָס נאַטירלעכע פסיכאָלאָגישע קייקלען זיך אין וויסטן אָפּגרונט אַריין: פון שנאה צום סאָוועטן־פאַרבאַנד צו רעאַקציע און גייסטיקער נאַענטקייט צום פאַשיזם, צו פאַשיסטישע מעטאָדן לגבי קעגנער און צו פאַשיסטישער מענטאַליטעט.

„איינינקייט“

שלום שטערן:

אַ ווידן און אַ געוויסן

.1

עס קומט אַ גרויסער יישר כוח דעם קריטיקער נחמן מייזיל, וואָס ער איז געשטאַנען אויף דער וואַך און תיכף געענטפערט חיים ליבערמאַנען אויף זיין מיאוסן, בייזוויליקן אַרויסטריט קעגן דעם גרויסן נפטר דר. חיים זשיטלאָווסקי. נאָך מייזילס שאַרפע, טרעפלעכע, אַנאַליזירנדיקע אַרטיקלען האָבן זיך שוין אויך דערמאָנט ש. ניגער און דר. י. שאַצקי און אַרויס מיט אַרטיקלען, וואָס צעקלאַפּן ליבערמאַנס בלבול. איך וויל זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף דעם אופן ווי די לעצטע צוויי שטעלן זיך איין פאַר זשיטלאָווסקין. אייניקע אויסדרוקן וואָלטן זיך בשום אופן ניט געדאַרפט געפינען ביי ש. ניגערן. מיר ווילן דאָ אָבער באַצייכענען דעם פאַקט, אַז דאָס געוויסן פון דער יידישיסטישער אינטעליגענץ האָט אויפגעוואַכט. איך בין איבערצייגט, אַז וואָלטן זיינע תלמידים ביים לעבן געווען באַשיצט דעם כבוד פון זייער רבין און מנהיג, וואָלט אַזאַ פאַרשוין ווי חיים ליבערמאַן ניט געוואַגט צו באַפאַלן זשיטלאָווסקין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן און אַרויסקומען איצט מיט זיין מוקצההדיק ביכל נאָך זיין טויט. ש. ניגער און דר. י. שאַצקי האָבן אָבער געוויזן, אַז עס איז נאָך פאַראַן אַ קאַפּעלע ווירדע און מוט צווישן די סופרי ישראל.

וואָס עס באַליידיקט ממש איז, וואָס מיר האָבן דערגרייכט אַזאַ מעמד, וואָס אַזאַ ריז, אַזאַ גרויסער גייסטיקער פירער, ווי עס איז געווען דר. חיים זשיטלאָווסקי, זאָל מען גאָר דאַרפן פאַרטיידיקן, זאָל מען — אַנשטאָט אים באַקרוינען, באַערן און פאַרערן — גאָר דאַרפן באַשיצן קעגן אַ באַנדע בלאָטע־וואַרפער. דאָס באַווייזט אונדז וואו מיר האַלטן אין דער וועלט מיטן גאַנצן יידישן קולטור־לעבן, מיט דעם געוויסן פון די פאָלקס־מאַסן, מיטן געוויסנדל פון דעם שרייבערטום. הערט און שטוינט! דר. זשיטלאָווסקי, דער מנהיג הדור, דער, וועמענס ווערק און מעשים זיינען פאַקטיש דער פונדאַמענט פון דעם יידישן שול־וועזן; זשיטלאָווסקי, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געקעמפט, ווי אַן אמתער, אויפריכטיקער, אומבויגזאַמער יידישער רעוואָלוציאָנער אין יידישן לעבן; ער, וואָס האָט מיט זיין פאַרטיפטן, ליכטיקן פילאָסאָפישן געדאַנק אָפּגעפרישט די משכילישע מוחות,

טאַקע איבערגעפּורעמט די יידישע אינטעליגענץ גייסטיק, געגעבן פליגל זיך אויפצוהויבן און דערזען דאָס יידישע לעבן אין זיין ירידה און עליה; אָט דער מאַן, וואָס האָט מיט זיין רוח־החיים מחיה געווען גאַנצע דורות און זיך פאַראייביקט אין פאָלקס־זכרון — ווערט געזידלט, מען טראַכט אויס בלבולים און מען איז אים מבזה. און ווער טוט עס? חיים ליבערמאַן!

ווער זשע איז אָט דער ליבערמאַן? אַ ייד, וואָס האָט זיך געריסן צו ווערן אַ קריטיקער ביי יידן. אָבער אים איז ניט אָנגעשטאַנען די יידישע שרייבער, האָט ער זיך געכאַפּט צו אַמעריקאַנער באַרימטקייטן און דער־ציילט וועגן יענע. ווען אַ קריטיקער גיט זיך אָפּ מיט שרייבן און באַשרייבן שרייבער פון פרעמדע ליטעראַטורן און ניט פון זיין אייגענער ליטעראַטור, קאָנט איר זיך שוין אויסמאָלן וואָס פאַר אַ פּערזענלעכקייט, מישטיינס געזאָגט, עס שטייט הינטער זיינע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען. וואָרים אין דעם פאַל גילט דער משכילישער סנאָביזם, פון וועלן אַרויסווייזן, אַז ער איז אַ געלערנטער מענטש און איז באַהאַוונט אין די גרויסע ליטעראַטורן און האָט צו טאָן מיט וועלט־ריזן, אָבער ווי שטייט עס מיט אים אָן צו שרייבן וועגן די אייגענע, קליינע טאַלאַנטן? ניין, ער, ליבערמאַן, קאָן זיי ניט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט מיט זיין גרויסן קריטישן טאַלאַנט...

והשנית, שטעקט הינטער דעם אומוויסן, מיט מבינות וועגן שרייבער פון אַנדערע ליטעראַטורן פּרואוון אַזוינע „שרייבער" סטראַשען די וועלט, אָבער ווען עס קומט צו אייגענע, קאָנען זיי ניט אָפּנאַרן קיינעם. סיי ווי, חיים ליבערמאַן אַלס קריטיקער בישראל האָט זיך עפּעס נישט אָנגענומען. כאָטש אַ פּאָר שרייבער, וואָס לעבן אויפן זכות וואָס מען דערמאָנט זיי, האָבן זיך געדרייט אַרום אים. האָט חיים ליבערמאַן אָפּגעטאָן דער וועלט אַ שפּיצל: ער איז געוואָרן, אויף להכעיס דער וועלט, פרום, און אַזוי ווי אַב. קאַהאַן דאַרף האָבן צום רומל אַזאַ פרומאַק אויך, האָט ער דאָס פרומע יידל אָנגעהויבן אַרויסשטעלן, ער זאָל ווערן דער בילנדיקער הונט ביי אים.

פרעגט זיך טאַקע, וועלכע משמורה איז עס אַצינד, אַז כלבים צועקים? וואָרים חיים ליבערמאַן, וואָס איז ביי זיך דער צדיק אין פּעלץ, פּירט זיך שוין גאָר ניט אויף ווי אַ פרומער ייד. אַ פרומער ייד איז פריער פון אַלץ געהיט מיטן וואָרט, האָט דרך ארץ פאַר אַן עלטערן פון אים און בפרט פאַר אַ תלמיד חכם און מנהיג הדור. מחמת אין דעם פּרט איז יעדער שטיין, וואָס איז געוואָרפן אויף דר. זשיטלאָווסקין, איז עס אויך געוואָרפן אויף דער כנסת ישראל, וואָס האָט זיך געטוליעט אונטער די וואַרעמע פליגל פון דר. זשיטלאָווסקין.

אָבער חיים ליבערמאַן האָט זיך די לעצטע יאָרן אָנגעהויבן אַרויס־שטעלן פאַר אַן איש תם וישר, איז ער געוואָרן שוין פון לאַנג אַ מוכיח. ער, מיט זיין פרומען לייבצעדאַק, איז פּלוצלונג געוואויר געוואָרן, אַז כדי

צו ווערן מפורסם איז די בעסטע זאַך אַרויסצוטרעטן קעגן אַלץ און אַלע־מען. דעמאָלט וועלן זיך שוין געפינען ענטפערער און אַזוי אַרום וועט זיך עס רוכעווען אַרום אַזאַ מענטשעלע ווי חיים ליבערמאַן. ער איז געוואָרן אַ שטראָפער ביי יידן. דאָס גאַנצע מאָדערנע יידישע שול־וועזן איז ניט לייטזעליק אין זיינע אויגן — אַזוי האָט ער געליאַרעמט מיט עטלעכע יאָר צוריק. לויט דער פּיבערדיקער פאַנטאַזיע האָט זיך געקאָנט אויסוויזן עמעצן, אַז דאָס רעדט ער פון אויפריכטיקער פרומעניש. אָבער ער האַלט אין איין שמירן, זידלען און פאַרמיאוסן יעדע שיינעדיקע פערזענלעכקייט ביי אונדז. דער האַר און געביטער, דער בייזער שטן אב. קאַהאַן, גיט אַ באַפעל און ליבערמאַן שטוקעוועט צונויף בלבולים. עס ווערט לעבעדיק אַרום אים, און אַזוי ווי דער „פאָרווערטס“ האָט יידישע „פּאָטייטאָ“־לייענער, מוז מען דאָך ענטפערן דעם מנובל און אינאיינוועגס אויפקלערן דעם „פאָרווערטס“־לייענערטום.

האָבן מיר, הייסט עס, דערגרייכט אַ צושטאַנד, אַז מען דאַרף פאַר־טיידיקן יעדן יידישן שרייבער, אָדער אַנדערע חשובע פערזענלעכקייטן, וואָס וועלן ניט נושא־חן זיין דעם „פאָרווערטס“ מיט חיים ליבערמאַנען בראש. פאַרוואָס זיינען מיר געקומען צו דעם, אַז נעכטן איז געווען דר. זשיטלאָווסקי, היינט איז עס שלום אַש, אים צו לענגערע יאָר? אַ סך סיבות פירן דערצו, אָבער די הויפּט־אורזאַך איז דאָך דאָס, וואָס די דאָזיקע באמת גרעסטע יידישע שריפטשטעלער און דענקער האָבן זיך אויסגעלאַכט פון דעם כאַם אב. קאַהאַן, וואָס זיי זיינען שרייבער מיט מוט, ועל כולם האַלטן זיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און האָבן געפירט און פירן דעם קאַמף פאַר אייניקייט און פאַרברידערונג מיט די סאָוועטישע יידן.

דאָס קאָן אב. קאַהאַן ניט מוחל זיין! בפרט זשיטלאָווסקין, וואָס ער האָט כל ימיו געקעמפט קעגן דעם וואולגאַרן „פאָרווערטס“ און קעגן דעם אדון אַליין. און ליבערמאַן און אב. קאַהאַן האָבן זיך דערטראַכט, אַז ווען דר. זשיטלאָווסקי איז טויט, איז די גרינגסטע זאַך צו פירן די מלחמה קעגן אים. וואָרים ווער וועט זיי ענטפערן, „איך יכל המת להכחיש את החי?“ איז מילא, דער טויטער דר. זשיטלאָווסקי איז לעבעדיקער, פרישער און ווירקנדיקער ווי טויזנטער און צענער טויזנטער לעבעדיקע לופט־פאַרסמער, ווי ליבערמאַן, קאַהאַן און ראָגאָף.

אָבער אַפילו אין פיזישן זין האָבן זיי געהאַט אַ טעות. מען האָט גע־ענטפערט, און ווי געענטפערט! דער גאַנצער בלבול האָט געפּלאַצט ווי אַ זייפן־בלאָז! דאָך, ווען מען האָט אונדז אַרויסגערופן צו ענטפערן, האָבן ווייניקע געענטפערט. נחמן מייזיל, דר. י. שאַצקי, ש. ניגער און נאָך אייניקע זיינען ניט גענוג. די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ האָט געדאַרפט אַ ציטער טאָן, האָט געדאַרפט דערפילן די חרפה און איינמאָל פאַר אַלעמאָל

ענטפּערן אַזוי הויך און שטאַרק, אַז די ליבערמאַנס זאָלן מער ניט וואַגן אָפּצוטאָן אַזאַ נבלה בישראל.

.2

אָבער צוריקגערעדט, ווי זעט אויס די אידישע אינטעליגענץ? אַ סך שרייבער האָבן געקראָגן אַזאַ קאַלט געוויסן אין אייניקע רעדאַקציעס. איינער צוליב זיין דזשאָב, דער צווייטער, ער זאָל חלילה ניט אַרויספֿאַלן פֿון דער חברה וואָס האָבן די דעה אין דער ליטעראַטור און זיך ניט פֿאַר־מיאוסן אין די אויגן פֿון אַ קריטיקער, אָדער אַ צייטונג זאָל ניט וואַרפֿן אַן אומחן אויף אים. אייניקע בעטן זיך ווי געווינלעך אויס דאָרטן וואו ס׳איז באַקוועמער, לייכטער פֿאַר אים. אייניקע זיינען סתם קליינמוטיקע, קליינגלויביקע און שוויגן, ווייל שוויגן, מיינע ליבע לעזער, איז אַמאָל גאָלד... כאָטש די דאָזיקע לייט קריגן מערסטנס אַ פֿייג.

שוויגן די שרייבער, עס אַרט זיי ניט וואָס מען איז מגנה און מבזה זייער רבין, אויף וועמענס קני זיי האָבן תורה געלערנט. די יידישע אינ־טעליגענץ האָט דאָס גאַנצע ביסל וועלטלעך וויסן געלערנט ביי דר. חיים זשיטלאָווסקי. ער האָט זיי אָנגערעגט אַריינצואָטעמען די פֿרישע לופֿט פֿון דרויסן און דאָס אַריינברענגען אין די געצעלטן פֿון שם. פֿון זשיטלאָווסקין האָבן די ערשטע יידישע לערער און קולטור־טוער געקראָגן דעם הכשר, אַז צו זיין אַ יידישער אינטעליגענט איז שיין און סאָציאַליסטיש, אַז מען דאַרף ניט אַנטלויפֿן צו די אומות העולם, נאָר בויען ביי זיך אַן אייגענע קולטור, אַן אייגן פֿול יידיש־וועלטלעך לעבן.

אָט־די יידישע לערער, שול־בויער, קולטור־טוער שוויגן, ווי ניט זיי מיינט מען. ערגעץ איז שוין פֿאַראַן אַ שטילער פֿאַרבאָט זיך ניט צו מישן. וואָרים אין די לעצטע פֿאַר יאָר, נאָך בחיו, זיינען זיי זיך שוין בעסער ניט באַגאַנגען. ביי זיינע יובילײ־פֿייערונגען אין אייניקע שטעט האָבן די דאָזיקע „תלמידים“ זיינע בשתיקה צוגעטראָגן געלט, זאָל חלילה די וועלט ניט וויסן, אַז זיי האָבן עפּעס אַ שטיקל שייכות צו אים. אַצינד, אַז דער רבי איז טויט, איז אַוודאי גרינגער און באַקוועמער צו שוויגן. פֿאַר וועמען צו שעמען זיך איז ניטאָ. דער צער פֿון דר. זשיטלאָווסקין איז מער ניטאָ, וואָס זאָל אַפֿילו אין דער שטיל אַ ברי טאָן. וואָלטן אָבער די שרייבער, לערער, קולטור־טוער געהאָט ווירדע און געווויסן, וואָלטן זיי ניט געשוויגן, וואָלטן זיי אויפֿגעהויבן זייער שטימע פֿון פּראָטעסט קעגן דער נבלה בישראל. זיי וואָלטן געדאַרפֿט רופֿן גרויסע פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונגען, איינ־געאָרדנט פּראָטעסט־מיטינגען קעגן דעם „פֿאָרווערטס“ מיט זיין מיאוסן און געמיינעם בלבול־מאַכער חיים ליבערמאַן. קיין איין פּראָטעסט־רעזאָ־

לוציע פון אַ יידישער שול און קולטור־אינסטיטוציע, וואָס ער האָט געהאָלפן בויען.

זאָלן באַגריסט ווערן פאַר זייער מוטיקער שטעלונג דער איקוף, דער קאָמיטעט פון שרייבער און קינסטלער, דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן מיט זיינע שולן און קולטור־אינסטיטוציעס אין דעם ענין. דער היגער איקוף, די מאָריס ווינטשעווסקי שולן, דער זשיטלאָווסקי־קאָמיטעט און דער הילפס־פאַראיין גרייטן פראָטעסט־רעזאָלוציעס און מאַסן־פאַרזאַמלונגען. וואו איז דער מאָנטרעאָלער שרייבער־פאַראיין? אמת, איך בין אויך אַ מיטגליד אין דער עקזעקוטיווע, אָבער עס דאַרף יעדן איינעם דאָך אַנרירן און דער ענין זשיטלאָווסקי מוז דערזען ווערן אין דער נויטיקער היס־טאָרישער ליכט, און די פאַרשווערער מוזן קריגן זייער פאַרדינטן ענטפער. מחמת מיט קליינע אויסנאַמען הערשט אַ פאַרברעכעריש שווייגן מצד דער יידישער אינטעליגענץ. די דערשטוינענדיקע גלייכגילטיקייט קאָן האָבן וויט־גייענדיקע, צעשטערערישע פאָלגן.

איך וועל ניט ווערן איבערראַשט, אַז אין איין פרימאָרגן זאָל זיך אַזאַ חיים ליבערמאַן אַנשיכורן מיט בלינדער שנאה און זיך אַרויפוואַרפן אויפן זיידן מענדעלע, וואָס האָט דאָך אויך געוואָגט אַנצואווייזן אויף חסרונות אין יידישן לעבן און בייסיק, מיט יענעם באַקאַנטן מענדעלע־סאַרקאַזם, רייסן שטיקער פון דעם מיטלאַלטערלעכן יידישן פאַנאַטישן שטייגער לעבן. דער זיידע מענדעלע האָט דאָך נישט געשאָנעוועט די כנסת ישראל. זיין בייזערן זיך האָט אַרויסגעפירט דאָס יידישע לעבן צו אַ לויטערן דרויסן. און מענדעלע האָט געוויטיקט אויפן יידישן לעבן, אויף דער אָרעמקייט און דער געדריקטקייט. עס קאָן פלוצלונג קומען אַ חיים ליבערמאַן און אויסטראַכטן אַ בלבול, אַרויסכאַפּן אָפּגעריסענע ציטאַטן און מאַכן פון אַזאַ אוהם ישראל ווי מענעדעלע חס־וחלילה אַן עוכר ישראל. ווער וועט אים אָפּהאַלטן?

וואָס עפּעס מענדעלע? וואָס הערט זיך מיט די האַמערדיקע שטראָף־רייד פון ישעיה הנביא: „בנים גדלתי ורוממתי והם פשעו בי". חיים ליבערמאַן האַלט זיך דאָך פאַר אַן „אוטשאָני יעוורעי" און געדענקט מסתמא די צאָרנדיקע רייד פון ישעיהן: „שמעו דברי ד' קציני סדום, האזינו תורת אלהינו עם עמורה". דאָס גאַנצע יידישע פאָלק רופט ער אין אויפ־געברויזטן צאָרן „עם עמורה". אַזוי האָבן אויך אין צאָרנדיקן פּאַטאָס גע־רופן, געוועקט, געשטראָפט אַלע פייערדיקע נביאים — די גרויסע אמת־און פריהייט־קעמפער. אין זייערע פלאַמיקע רייד דער זאָט און צאָרן קעגן אומרעכט, קעגן זינד, פאַרדאָרבנקייט פון פאָלק אין געצנדינסט און קעגן די האַרן, די פאַרפירער און אונטערדריקער.

מיר קאָנען אַראָפּנידערן דורך אַזעלכע פאַרשוינען ווי חיים ליבערמאַן,

אַז מיר זאָלן חס־וחלילה אַזעלכע גרויסע גייסטער דאַרפֿן פאַרטיידיקן. אין אַזאַ ערנסטן און טראַגישן מאָמענט איז דאָס פאָלק דער איינציקער שופט און די פאָלקס־מאַסן דאַרפֿן זיך אויפהויבן און געבן זייער געהעריקן ענט־פער, פאַרמשפּטן די העצער און פאַרדאַרבער. אָבער די ברייטסטע יידישע פאָלקס־מאַסן זיינען ניט שטאַרק גענוג אויפגערודערט געוואָרן. אין דעם אַליין ליגט אַ שטיק טראַגיזם פון דער היינטיקער צייט, און פון דער אַל־געמיינער מערכה פון דער יידישער ליטעראַטור און זיינע שריפטשטעלער. שוין אַ היפּשע שטיקל צייט וואָס דאָס רוב פון די יידישע מאַסן האָט אויפ־געהערט צו לייענען די ווערק פון די בעסטע יידישע שאַפער, האָבן אויפ־געהערט מיטצולעבן מיטן פרישן קוואַליקן גייסט פון די בעסטע יידישע מייסטער. דאָ רעדט זיך ניט בלויז וועגן רעכטע און לינקע שרייבער. אין אַלגעמיין האָט מען זיך אויסגעהוילט פון יענער באַלעבנדיקער, אייגנ־אַרטיקער שעפערישקייט, וואָס גיסט אָן מיט נייעם אינהאַלט אַ פאָלקס־לעבן און שאַפט נייע לעבנס־פאַרמען — ניט דאָ איז דאָס פלאַץ זיך אָפּ־צושטעלן אויף דעם. די שולד פאַלט אויף אַלערליי ריכטונגען אין יידישן לעבן. מען וועט בקרוב דאַרפן רעדן וועגן די שולדיקע.

דאָס האָט דערפירט דערצו, אַז עס איז פאַקטיש אין געוויסע מאָמענטן, ווען די יידישע קולטור און אירע בעסטע און ליכטיקסטע שעפער ווערן פאַרשוועכט און געטראָטן, ניטאָ ווער עס זאָל זיך אָננעמען. דער טפל איז געוואָרן אין די מערסטע פאַלן אַן עיקר. דאָס נשמהדיקע פון יעדן פאָלק, די ליטעראַטור, איז געוואָרן ווי אַ זייטיקער ענין, פאַר די שרייבער בלויז. דעריבער קאָנען אַזעלכע אָנפאַלן זיך טרעפן אָפט ביי אונדז און דורכגיין אומבאַשטראָפט מצד די פאָלקס־מאַסן. ווייל די טיפע, ערנסטע, אחריותדיקע באַציאונג פעלט.

געוויסע פאָלקס־פאַרפירער האָט זיך דורך פינצטערע מאַנעווערס איינ־געגעבן צו פאַראַליזירן דעם ווילן פון די מאַסן. אדרבה, טוט אַ קוק וואָס עס טוט זיך אין אייניקע יוניאָנס, אין געוויסע פירנדיקע קערפערשאַפטן, אין קולטור־אינסטיטוציעס. די רעאַקציאָנערע כוחות האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט און פאַרקלאַמערן אַלץ, פאַרגליווערן אונטער זייערע הענט די וויכ־טיקסטע אינסטיטוציעס. צופיל לעזער שוויגן, ווען מען טרעט אויף זייערע געפילן, ווען מען גייט קעגן זייערע אייגענע אינטערעסן. וואָלט זיך דער דאָזיקער ליבער לעזער אויפגעכאַפּט עפּעס אין זיין געוויסן, וואָלטן מיר אין זין פון אייניקייט שוין פיל וויטער געוועזן היינט אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן.

איך האַלט נישט פון דעם פאַרגעבנדיקן צוגאַנג, אַז דער לייענער איז אינגאַנצן אומשולדיק. אין פּרט פון דעם „פאָרווערטס״־לייענער קאָן מען דאָס ניט אָננעמען פאַר אַ גענוגנדיקן תירוץ. ערגעץ וואו איז דער סאָרט

לייענער אַזוי פאַרטעמפּט, אַז עס אַרט אים ניט וואָס אַרום אים טוט זיך. מחמת וואָלטן די חושים פון דעם לייענער געווען וואַך, וואָלט ער שוין פון לאַנג געשטימט מיט אויפהערן לייענען „דיזן" צאַצקעדיקן „פּעיפּער". דאַכט מיר, בלויז די אומווירדיקע, צעשטערערישע אַרבעט בנוגע דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און ממילא קעגן אייניקייט, פון „פאָרווערטס", האָט געדאַרפט אויפרייסן די אויגן פון דעם דאָזיקן לעזערטום.

און צו די יידישע שרייבער, וואָס שווייגן דאָס פאַרעקשנטע שוויגעניש, ווילט זיך אויסשרייען: פאַרגעסט ניט, אַז סוף־כל־סוף האָט איר אַ מיסיע דורכצופירן. הינטער דעם אַנגעשריבענעם ליד, דערציילונג, עסיי, פּובּליציסטיש אַרטיקל, פאָרשערישער אַרבעט, אַפילו הינטער דער לעבעדיקער זשורנאַליסטיק מוז שטיין אַ פּערזענלעכקייט, אַ האַרץ וואָס פיבערט מיטן גאַנג פון געשעענישן, אַ מענטש וואָס שטעלט זיך איין, קעמפט, מאָנט און רעגט אָן צו גרויסע דערהויבענע מעשים.

עס וואָלט כדאי געווען, אַז יידישע שרייבער זאָלן לייענען די פּראַכטפולע, טיף־דורכגעפילטע עסיי פון דעם גרויסן ערלעכן מוטיקן און געוויסנהאַפטן קינסטלער איליאַ ערענבורג, „די פליכט פונעם שרייבער", אין פעברואַר־נומער „יידישע קולטור". עס איז אַ טיפע איבערלעבונג אויפן פאָן פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט. מיט גרויס באַגייסטערונג רעדט ער וועגן די אויפגאַבן פון די שרייבער, און אַז שרייבער זיינען נאָך אַלץ דאָס געוויסן פון פאָלק. אמת, עס זיינען געווען ירידה, שטרויכלונגען און וואַקלענישן. אמת, הויפּטמאַן און קנוט האַמסון זיינען געזונקען און פאַרראַטן זייער אינערלעכן באַרוף און דאָס געוויסן. דאָך שטייגט אַלץ דאָס געוויסנהאַפטע, קינסטלערישע וואָרט און צוזאַמען מיט אים דער שריפטשטעלער. ער רופט די שרייבער פון די סאָוועטישע פעלקער און די דאָזיקע פעלקער איבערגעפורעמטע, אויסגעלייזטע, געלייטערטע זיינען געוואָרן דערלייזער און וועלט־לייטערנדיקע פעלקער. און דאָס געוויסן פון שרייבער דאַרף זיין וואַך, אַפּרופּעריש און שלאַגנדיק, ווי אַ פרישער וואַסער־קוואַל. דער שרייבער דאַרף געבן די איצטיקע טראַגישע, ראַנגלענדיקע צייט, טראָגן מיט זיך די פרישע באַטויענדיקע שעפערישקייט, וואָס דערהויבט די נשמה פון פאָלק. די שעפערישע, קינסטלערישע פערזענלעכקייט דאַרף אויפוועקן צו קעמפן פאַר די הויכע, מענטשלעכע, באַפרייערישע אידעאַלן.

יאָ, דער שרייבער מוז אויפהויבן די פאָן פון קאַמף, רופן די פאַרשקלאַפטע פעלקער צו מרידות קעגן פאַשיזם און רעאַקציע אין אַלערליי פאָרמען. דער שרייבער איז און בלייבט אויף אייביק דאָס פאָלקס־געוויסן. יידישע שרייבער מוזן דאָס געדענקען און זיך אויסקריצן אויפן טאָוול פון זייער האַרץ. דעמאָלט וועט ביי אונדז ניט מעגלעך זיין מען זאָל אַזאַ הויכע פערענלעכקייט אַוי שענדן נאָכן טויט. דר. זשיטלאָווסקי איז דער אויס־

שלום שטערן

דרוק פון אַלץ, וואָס אי נאָבל, שעפעריש, קעמפעריש און אידעאַליסטיש אין יידישן לעבן. אַזעלכע גייסטיקע קאַרליקעס ווי חיים ליבערמאַן קאָנען גאָרנישט מינערן פון זיין שיינקייט און גרויסער און טיפער ווירקונג אין יידישן לעבן. זיין באַלעבנדיקער גייסט איז מיט אונדז. אָבער מיר, יידישע שרייבער, דאַרפן פילן ווי עס ברענט אונדזער פנים פון חרפּה און דאָס האַרץ ווערט צעריסן פון ווייטיק אויף דער באַליידיקונג און דער געזונקענ־קייט פון אַ געוויסן מין פען־מענטשן. מיר מוזן שטיין אויף דער וואַך און ני טדערלאָזן צו נאָך אַזעלכע שענדונגען פון יידישע שרייבער און גרויסע פירנדיקע גייסטער ווי דר. חיים זשיטלאָווסקי.

שרייבער, זאָל אייער געוויסן אויפוואַכן אין צייט! ווערט מענער פון הויכן מוט אין צייט ווען מוט איז דאָס מעכטיקסטע געווער קעגן אַלע פינצטערע כוחות אומעטום און אויף דער גאָרער וועלט.

„קאַנאַדער וואָכנבלאַט" (טאָראָנטאָ)

צעהוליעטע דעמאַגאָגיע

די מיאוסע קאַמפּאַניע, וואָס דער „פאָרווערטס" פירט צו פאַרשוואַרצן דעם אָנדענק פון דר. חיים זשיטלאָווסקי, איז אַ סקאַנדאַל, וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלייכן אויף דער יידישער גאַס פון אַמעריקע. די שענדער פון דעם נאָמען זשיטלאָווסקי האָבן זיך צעהוליעט, ווי זיי וואָלטן פון דעם די גרעסטע הנאה געהאַט, און איינער פון זיי, חיים ליבערמאַן, וואָס האָט אַריינגעוואָרפן די „באָמבע" אויף דער יידישער גאַס, שרייבט טאַקע אין „פאָרווערטס" פון 12טן מערץ, אַז ער האָט גרויס הנאה, וואָס זיין פּאַסקוויל־ביכל וועגן דר. זשיטלאָווסקי האָט אַרויסגערופן אַזאַ טומל און סענסאַציע.

אָבער דער דאָזיקער פּאַסקוויל־שרייבער דאַרף זיך אַזוי שטאַרק ניט באַלעקן מיט זיין אויפטו. זאָל ער ניט מיינען, אַז זיין ביכל האָט עפּעס אַזאַ ווערט, אַז עמעצער מיט אַן ערנסטער באַציאונג צו ערנסטע ענינים וואָלט אים געשענקט וועלכע־ניט־איז אויפמערקזאַמקייט. ווען דער „פאָרווערטס" וואָלט אים ניט גענומען אונטער זיין שוץ און געזוכט פאַנאַנדערצעפּויקן פאַר דער וועלט, אַז חיים ליבערמאַן האָט מיט זיין ווערקל געמאַכט אַ תל פון דר. זשיטלאָווסקיס לעבנס־אַרבעט. חיים ליבערמאַן איז פאַר דער יידישער גאַס גאָרניט; אָבער דער „פאָרווערטס" איז אַ טעגלעכע צייטונג, וואָס ווערט געלייענט פון צענדליקער טויזנטער יידן; און ווען דער רעדאַק־טאָר פון „פאָרווערטס", אב. קאַהאַן, און דער פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר, הלל ראָגאָף, שרייבן זיך אונטער אויף אַלע פאַלסיפיקאַציעס און בלבולים, וואָס מר. ליבערמאַן האָט געמאַכט אויף דר. זשיטלאָווסקיס שריפטן, איז דער גאַנצער ענין געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכער סקאַנדאַל, וואָס טאָר ניט פאַרשוויגן ווערן — אַ סקאַנדאַל, פאַר וועלכן דער „פאָרווערטס" טראָגט די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

וואָס איז שייך חיים ליבערמאַנס פאַלסיפיקאַציעס אין זיין ביכל, האָט שוין אונזער חשובער מיטאַרבעטער, ש. ניגער, גאַנץ גרינטלעך געדעקט אין אַ סעריע פון זעקס אַרטיקלען אין „טאָג". אָבער די טענה פון דער יידישער געזעלשאַפט איז געווענדט צום „פאָרווערטס", וועמעס רעדאַקטאָר און פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר, אב. קאַהאַן און הלל ראָגאָף, האָבן ניט נאָר גענומען דעם פּאַסקוויל־שרייבער אונטער זייערע פליגלען, נאָר זיי האָבן נאָך צוגעלייגט אַ ביסל פון אייגענעם סם און זיך צעהוליעט אויף דעם גרויסן מת, וועמעס אָנדענק איז טייער דער יידישער אינטעליגענץ און די אויפגעקלערטע יידישע פאָלקס־מענטשן.

פאַר דענקענדיקע מענטשן איז דער פאַרשטאָרבענער דר. חיים זשיט־לאָווסקי געווען אַ גרויסער, שעפערישער מענטש, וואָס האָט מיט זיין קולטור־טעטיקייט געשאַפן יידישע געשיכטע און ער געהערט נאָך אַפילו איצט צו דער לעבעדיקער יידישער געשיכטע. דריי פערטל פון דער

יידישער אינטעליגענץ טראַכט נאָך אין די באַגריפן, וואָס דר. זשיטלאָווסקי האָט פאָרמולירט אין וועלטלעכער יידישער קולטור, אין יידישן סאָציאַליזם, אין יידישער עקאָנאָמיק.

דר. זשיטלאָווסקי האָט ניט געדאַרפט וואַרטן אויף קעשענעווער, האָמליער און ביאַליסטאָקער פּאָגראָמען, וואָס האָבן די היגע ראַדיקאַלן אַ ביסל געיידישט — צו נאַציאָנאַליזירן דעם יידישן סאָציאַליזם. אין הסכם מיט די ערשטע חובבי ציון, מיט דר. לעאָן פּינסקערן, האָט ער געהאַלטן, אַז אַלע יידישע אומגליקן נעמען זיך פון דער אויסגעקרימטער יידישער עקאָנאָמיק; ער האָט געהאַלטן, אַז די יידישע עקאָנאָמיק דאַרף נאָרמאַליזירט ווערן אין אַלע לענדער, וואו יידן לעבן.

יאָ, מען האָט געהאַט טענות צו דר. זשיטלאָווסקין. ווי אַ פּראָגראַמען־בויער פאַר די רוסישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, האָט ער גע־שריבן פּראָגראַמאַטיש, גראַדליניג, מיט איבערטריבענער שאַרפקייט, ווי אַלע קלאַסנקעמפערישע סאָציאַליסטן. אָבער געטאָן האָט ער עס אין גע־טרייהייט צו זיין יוגנט־שבועה, אַז דאָס יידישע פאָלק מוז אויפגעריכט ווערן. ער איז ממש פאַרליבט געווען אין יידישן פאָלק; ער האָט פאַר־הערלעכט די יידישע עטיק, ווי עס ווייזן זיינע סעריעס אַרטיקלען אין „טאָג" וועגן די נביאים, וועגן די תנאים. נאָר מיט דעמאַגאָגיש־העצערישע מעטאָדן, פעלשנדיק, פאַרדרייענדיק ציטאַטן, קאָן מען אַרויסקוועטשן פון זיינע שריפטן בלבולים, אַז ער איז געווען אַ יידן־שונא. פּונקט אַזוי וואָלטן דעמאַגאָגן געקאָנט אויסברייטן, אַז דער „בונד" איז געווען אַן אַנטי־סעמיטישע פּאַרטיי, ווייל ער האָט אָנגערופן יידישע פאַבריקאַנטלעך עקס־פּלואַטאַטאָרס.

נו, אויף דעם אומפאַראַנטוואָרטלעכן שרייבער, חיים ליבערמאַן, איז ניטאָ וואָס זיך צו וואונדערן. דאָס איז זיין דרך. ער האָט שוין פיל מאָל באַוויזן אויף וואָס פאַר אַ פּאַסקווילן ער איז פּיאיק. אָבער — הלל ראָגאָף? און נאָך מער — אב. קאַהאַן? זיי, די פאַראַנטוואָרטלעכע רעדאַקטאָרן פון „פאָרווערטס" — זיי האָבן אינדאָרסירט, געגעבן זייער ערבות פאַר די פאַלשע וועקסלען, וואָס ליבערמאַן האָט אויסגעשטעלט. דאַרפן זיי אָדער צוריקציען זייער ערבות אָדער זיי שטייען ביידע באַשולדיקטע צוזאַמען מיט דעם פּאַסקווילניק אין שענדונג פון דעם גרויסן מת, אין פעלשונג פון דער יידישער געשיכטע.

איצט, ווען מיר דאַרפן דעם גאַנצן אויסגעוואָקסענעם יידישן באַ־וואוסטזיין, די געשליפנסטע שאַרפקייט פון יידישן געדאַנק, די פולע אויפ־געוועקטקייט פון יידישן געוויסן, כדי אָנצונעמען גורלדיקע באַשלוסן וועגן ארץ־ישראל, וועגן יידישער רעטונג און וועגן באַפעסטיקן דעם יידישן שטאַנד אין אַמעריקע — איצט דעמאַגאָגיש, שונדיש פאַרפלאַכן און פאַר־

י. ר.

טעמפּן דעם יידישן געדאַנק, פאַרסמען דעם יידישן געוויסן, פאַרהעצן די לופט, מיט וועלכער יידן אָטעמען — איז אַ הימל־שרייענדער נאַציאָנאַלער פאַרברעכן.

דער „פאָרווערטס", דער „פאָרווערטס"־רעדאַקטאָר, די גאַנצע „פאָר־ווערטס"־אינסטיטוציע דאַרף זיך ריינוואַשן פון דער ליבערמאַן־שענדונג פון דר. זשיטלאָווסקיס נאָמען. אַז ניט, וועט די יידישע עפנטלעכקייט אַזוי אויפגעשטורעמט ווערן, אַז די שענדער וועלן געשענדט ווערן און זיי וועלן נאָך חרטה האָבן, וואָס זיי האָבן גענומען אויף זייער געוויסן אַזאַ געמיינע פאַלסיפיקאַציע.

אונזער יידישע גאַס באַזיצט נאָך גענוג ערן־געפיל צו משפטן און פאַרמשפטן צעהוליעטע דעמאַגאָגן.

(עדיטאָריעל אין „טאָג", 20טן מערץ, 1944.)

י. ר.:

אַ נבלה בישראל

עס קומט אַ גרויסער יישר כח דעם ליטעראַטור־קריטיקער ש. ניגער פאַר די דריי אַרטיקלען, וועלכע ער האָט שוין ביז איצט פאַרעפנטלעכט אין „טאָג" וועגן דער מאָדנער וואַקכאַנאַליע, וואָס געוויסע לייט פון „פאָר־ווערטס" האָבן אויפגעהויבן מיטן ציל צו באַשמוצן דעם נאָמען פון דר. חיים זשיטלאָווסקי, עליו השלום. עס קומט ניגערן אַ יישר כח פאַר דער גרינטלעכקייט, מיט וועלכער ער דעמאַסקירט דעם וואַנדאַלישן אָנגריף.

ס'איז אַ נבלה בישראל. מען קאָן זיך האָבן וועלכע מיינונג מען וויל וועגן זשיטלאָווסקיס געדאַנקען־גאַנג, וועגן זיין אידעאָלאָגישן איינשטעל און וועגן געוויסע אַרויסטריטן זיינע. מען קאָן מסכים זיין און ניט מסכים זיין מיט די גרונט־טעזיסן פון זיינע טעאָרעטישע אַרבעטן איבער יידן און יידיש־קייט, דעם פּראָבלעם פון „ישראל בין העמים", יידישן נאַציאָנאַליזם, סאָציאַ־ליזם און מאָראַל, ייד און מענטש, און נאָך און נאָך. מען קאָן אים באַ־וואונדערן און מען קאָן אויף אים שטאַרק אַפּראַיבל האָבן. מען קאָן האַלטן אַן עולם ומלואו פון זשיטלאָווסקיס ליטעראַרישן סטיל און מען קאָן אָנ־נעמען, אַז דער אמתער פיינער סטיליסט איז גאָר אב. קאַהאַן... ס'איז אַ פרייע מדינה. דאָך, אַפילו אין אַ פרייער מדינה טאָר ניט הערשן קיין פרייהייט פאַר וואַנדאַלישער פאַרלוימדונג.

וואָס מיינט וואַנדאַלישע פאַרלוימדונג? סתם פאַרלוימדונג מיינט ווען מען קומט אַרויס מיט אַ בלבול אויף איינעם וואָס לעבט נאָך און ער קאָן זיך נאָך פאַרטיידיקן; וואַנדאַלישע פאַרלוימדונג מיינט, ווען דער בעל־דבר וואָגט ניט אַרויסצוקומען מיט דער פולער גרויזאַמער באַשולדיקונג כל זמן

זיין קרבן לעבט נאָך, נאָר וואָרט אָפּ מיט דער „באָמבע" ביז יענער פאַר־לאָזט אונדזער וועלט און קאָן זיך שוין מער ניט פאַרטיידיקן. געבוי דאָס לעצטע האָבן געוויסע לייט פון „פאָרווערטס" איצט אָפּגעטאָן אין זייער פאַרזוך צו „דערהרגענען" די רעפּוטאַציע פון דעם שוכן עפר, דר. חיים זשיטלאָווסקי.

אויף דעם באַזיס פון אַ בינטל ציטאַטן, וועלכע חיים ליבערמאַן האָט מיט געשיקטער זשורנאַליסטישער פלינקייט אָפּגעריסן פון זייער אַלגע־מיינעם קאָנטעקסט אין זשיטלאָווסקיס שריפטן און זיי צוזאַמענגעבראַכט אין זיינעם אַ נייעסטן פּאַמפלעט, וואָס האָט די אויפגאַבע צו באַווייזן, אַז דר. חיים זשיטלאָווסקי איז געווען ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ שונא ישראל, אַן „אַנטיסעמיט" און וואָס אין דער קאָרט, איז אב. קאַהאַן אַליין אַרויסגעקומען מיט אַ גרויסער פלאַכטע אין „פאָרווערטס", דערקלערנדיק דעם פאַרשטאָרבענעם גרויסן יידישן פּובליציסט פאַר אַ „ווילדן אַנטי־סעמיט", וועלכער האָט כלומרשט „באַרעכטיקט פּאָגראָמען אויף יידן".

אויף וואָס איז די שרעקלעכע באַשולדיקונג געבויט? פון ליבערמאַנס פּאַמפלעט באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז דעם הויפּט־באַוויז נעמט ער פון אַ ווערק, וואָס זשיטלאָווסקי האָט פאַרעפנטלעכט ביים אָנהויב פון זיין פּובליציסטישער קאַריערע, דאָס הייסט, אויב איך האָב קיין טעות ניט, מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. דאָס ווערק איז געווען אין דער רוסישער שפּראַך און האָט געטראָגן דעם נאָמען „יעווריי ק׳יעווריאַם" — „אַ ייד צו יידן". לויט ליבערמאַנען, זאָל דר. זשיטלאָווסקי אין יענער ערשטער בראָשור זיינער האָבן אַרויסגעטראָטן קעגן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן, ניט מער און ניט ווייניקער.

זייער ריכטיק פרעגט ש. ניגער: ווי באַלד אַז ס׳האַנדלט זיך אין אַ „באַוויז", וואָס איז שוין אַזוי אַלט, טאָ פאַרוואָס זיינען די ליבערמאַנס מיט די קאַהאַנס דערמיט ניט אַרויסגעקומען כל זמן זשיטלאָווסקי האָט געלעבט? באמת אַ טענה. יענע בראָשור איז אַרויס, ווען זשיטלאָווסקי איז נאָך געווען אין אייראָפּע. קיין אַמעריקע איז ער געקומען אין 1908. ווי זשע קומט עס, וואָס אַנשטאָט צו באַגעגענען דעמאָלט זשיטלאָווסקין ביי דער שיף מיט אַ פולער „פאָרווערטס" שווערער באַשולדיקונג קעגן אים, אַז ער איז אַ „ווילדער אַנטיסעמיט" און „באַרעכטיקט פּאָגראָמען אויף יידן", איז גאָר אב. קאַהאַן (ווי עס דערציילט יעקב מילך אין דער „מאָרגן־פרייהייט") אויפגעטראָטן מיטן גאַסט אויף זיין פּלאַטפאָרמע אין אַ פריינט־לעכער עפנטלעכער דיסקוסיע מיט אים?

און ווייטער:

פון דער צייט, ווען זשיטלאָווסקי איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, ביז זיין טויט, האָבן די „פּראָקוראָרן" זיינע געהאַט אַ קימא־לן פון 35 יאָר

י. ר.

אַרויסצוקומען מיט זייער שרעקלעכער באַשולדיקונג. פאַר וואָס זשע האָבן זיי עס ניט געטאָן?

דער תירוץ איז קלאָר: די גאַנצע מעשה מיט יענעם גרויסן „באַוויין" איז לא דובים ולא יער, ווי ש. ניגער ווייזט עס אָן אַזוי גלענצנד, און פאַר געוויסע מענטשן, וועלכע פיגורירן ווי צדיקים אין פעלצן, איז עס ווייזט אויס באַקוועמער צו הרגענען די רעפּוטאַציעס פון טויטע קעגנער, ווי פון לעבעדיקע.

ס'איז געוויס געווען אַ סך צו קריטיקירן און טאַדלען אין זשיטלאָווסקיס איינשטעל, ס'איז אָבער געווען זייער אַ סך צו באַוואונדערן, ווייל ער איז געווען אַ גלענצנדער שריפטשטעלער, אומפאַרגלייכלעך אַלס לעקטאָר, אַ מוטיקער קעמפער פאַר אַ געזונטן יידישן לעבן אין אַ באַפרייטער וועלט, ווי ער האָט עס פאַרשטאַנען. ווי קאָנען זיינע פאַרלוימדער אַזוי געמיין וואַנדאַלעווען איבער זיין קבר? וואָס איז דאָס פאַר אַ הפקרות?

„קענעדער אָדלער" (מאָנטרעאָל), 3טן מערץ, 1944.

דר. זשיטלאָווסקי און זיינע פאַרלוימדער

(אַ בריוו אין רעדאַקציע פון „טאָג")

חשובע רעדאַקציע פון „טאָג":

דערלויבט מיר אייניקע באַמערקונגען אַרום דעם זייער אָנגעווייטיקטן ענין — דר. זשיטלאָווסקי.

1) דער מענטש זשיטלאָווסקי איז טויט עטלעכע חדשים און איצט טרעטן און טראַמפּלען אויף זיין קבר, ווען די וואונד ביי די נאָענטע און אינטימע איז נאָך ווייט ניט פאַרהיילט, איז אַן אוממענטשלעכער אַקט, וואָס גרענעצט זיך כמעט מיט סאַדיזם. עס איז אַ גרויסער חילול־המת פון אַ יידיש־עטישן שטאַנדפּונקט און פון יעדן מענטשלעכן שטאַנדפּונקט.

2) צום 70טן געבוירנטאָג פון זשיטלאָווסקין איז געשאַפן געוואָרן אַ יובילײ־קאָמיטעט צו פייערן די דאָזיקע געלעגנהייט. אין קאָמיטעט זיינען געווען פאַרטראָטן כמעט אַלע ריכטונגען פון יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, צווישן זיי: דער אַרבעטער רינג, יידיש־סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד, פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן, אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן, אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, דער אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס, נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד, „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן און הונדערטער פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן, צווישן וועלכע ס'געפינען זיך אויך די נעמען פון אב. קאַהאַן און הלל ראָגאָף, וואָס זיינען איצט צווישן די שאַרפסטע פּראָקוראָרן קעגן זשיטלאָווסקין. די דאָזיקע נעמען פון אָרגאַניזאַציעס און פּערזענלעכקייטן זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם ספּעציעלן זשיט-

לאָווסקי יובל־בוך, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1935. אב. קאַהאַן איז, אגב, געווען איינער פון די רעדנער ביים גרויסן זשיטלאָווסקי יום־טוב, וואָס איז דאַן פֿאָרגעקומען אין גרויסן בראָנקסער קאָליסעאום.

3) וואָס פֿאַר אַ נייע אַנטדעקונגען האָבן דאָס די דאָזיקע הערן געמאַכט אין זשיטלאָווסקיס ווערק, וואָס זאָלן באַרעכטיקן זייער מיאוסן קרייצצוג קעגן אים? די לאָגיק זאָגט אונדז אונטער, אויב אַ מענטש איז זוכה אַז מ׳זאָל פֿייערן זיין 70טן געבוירנטאָג — און צו 70 יאָר, דוכט זיך אונדז, האָט שוין דער מענטש קלאָר אַנגעצייכנט זיין היסטאָרישע ראָלע אין לעבן, ער קאָן שוין זייער ווייניק מחדש זיין — זיינען דעריבער די איצטיקע גיפֿטיקע טענות פון זיינע אָנפֿאַלער אַבסורד. זשיטלאָווסקי איז געווען אַ געזעלשאַפֿטלעכער מענטש, וואָס האָט זיינע מיינונגען ניט אויסבאַהאַלטן פֿאַר קיינעם. זיינע געדאַנקען זיינען געווען אַן אָפֿן בוך פֿאַר יעדן אָפֿענעם מוח... אמת, ס׳איז מעגלעך, אַז יחידים זאָלן גרייזן אין דעם אָפּשאַץ פון אַ מענטשן — און אַז מ׳זאָל אין אַ שפּעטערדיקער צייט זען דעם מענטשן פון אַ גאָר אַנדערן פּערספּעקטיוו. ס׳איז אָבער כמעט אוממעגלעך, אַז צענדליקער אָרגאַניזאַציעס און אינטערנאַציאָנאַלע באַוועגונגען, און הונדערטער באַרימטע פּערזענלעכקייטן, זאָלן מאַכן אַזאַ ווערזן פון אַ מענטשן צו זיין 70טן געבוירנטאָג, ווען 50 יאָר פון זיין באַוואוסטזיניק לעבן איז שוין הינטער אים — אַז די דאָזיקע אַלע אָרגאַניזאַציעס און מענטשן זאָלן זיך ניט האָבן אין די אַלע יאָרן אָרומגעזען, אַז זיי גרייזן אין זייער אָפּשאַץ און ראָלע פון זשיטלאָווסקיס גאַנג אין יידיש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. ביין, ס׳לייגט זיך ניט אויפֿן שכל. ס׳איז קינדיש־נאַאיוו.

4) זיכער זיינען אין אונדזער לעבן ניט פֿאַראַן קיין פּערפֿעקטע מענטשן. יעדער מענטש באַזיצט מעלות און חסרונות. דאָס איז דאָך אַן אלף־בית אמת. מיר ווייסן אויך, אַז ביי יעדן געזעלשאַפֿטלעכן מענטשן קאָן מען געפֿינען סתירות. ביי טויטע מענטשן קאָן מען קיין סתירות און חסרונות ניט געפֿינען. ס׳לעבן איז דינאַמיש, זיגזאַגיש. זיכער דאַרף מען ניט באַרעכטיקן קיין סתירות — אָבער דאָס געהערט צו דער ספֿערע פון מענטשלעכע שוואַכקייטן און גלייכצייטיק צו קאָמפּליצירטע פּסיכישע רעטענישן. סתירות ביי זשיטלאָווסקין זיינען פֿאַראַן — און ביי וועלכן שעפֿערישן מענטשן זיינען זיי ניט פֿאַראַן? מען דאַרף אויף זיי אָנווייזן, אָבער בשום אופֿן טאָר מען ניט שענדן זיין ליכטיקן אָנדענק אויף אַזאַ אופֿן, ווי מען טוט עס ביי אונדז. מ׳זאָל און מ׳דאַרף אָנווייזן אויף טעותן אין זשיטלאָווסקיס שאַפֿן, אָבער די פּאָלעמיק דאַרף זיך האַלטן אין די ראַמען פון אידייען־אויסטויש און קאָלעגיאַלער עטיק. מ׳טאָר אויף דעם פרישן קבר פון זשיטלאָווסקין זיך ניט לאָזן וואוילגיין אויף אַ גראָבּ־יונגערישן און היסטערישן אופֿן.

5) אין אַ לענגערער אַרבעט וועגן זשיטלאָווסקין, וואָס מיר האָבן געשריבן פאַר די „יידישע שריפטן“, רעדאַקטירט פון אבא גאָרדין, האָבן מיר אָנגעוויזן אויף די ליכטיקע און שאָטנדיקע זייטן אין זשיטלאָווסקיס שאַפן — מיר וויזן דאָרטן אָן, אַז די אַלע בייזוויליקע בלבולים וועלן פאַריבערגיין — אָבער די ליכטיקע, מאַגנעטישע פּערזענלעכקייט פון זשיטלאָווסקין וועט דאָך בלייבן אין אונדזער היסטאָרישן זכרון.

6) אין הלל ראָגאָפס אַרטיקל פון שבת, דעם 18טן מערץ, אין „פאָרווערטס“, שרייבט ער אין זיין ענטפער צו ש. ניגער: „די נביאים האָבן געמוסרט די יידן פאַרוואָס זיי זיינען אַזוי שלעכט ווי די אַרומיקע פעלקער, פאַרוואָס זיי לערנען זיך אָפּ די שלעכטס פון די גוים, פאַרוואָס זיי זיינען ניט שענער און בעסער ווי די גוים. זשיטלאָווסקי, אָבער, אַטאַקירט די יידן פאַרוואָס זיי זיינען ערגער פאַר די גוים, פאַרוואָס די שטייען נידעריקער ווי די גוים, פאַרוואָס זיי טוען שלעכטס די גוים.“

לייענט איר און איר טראַכט ווי די לאָגיק קאָן דאָס אַ מענטשן פאַרפירן. האָט ראָגאָף געטראַכט בשעת ער האָט אָנגעשריבן די דאָזיקע משונהדיקע ווערטער?... ווען און וואו האָט זשיטלאָווסקי געשריבן, אַז יידן זיינען ערגער פון די גוים? מיט אַרויסכאַפּן אַ צעדרייטן זאַץ פון זשיטלאָווסקיס קאָנטעקסט, ווי ס׳טוט דאָס חיים ליבערמאַן אין זיין שוין באַרימטן זשיטלאָווסקי־פּאַמפלעט, גיט ניט קיין באַרעכטיקונג פאַר אַזאַ אומגעלומפּערטן שטאַנדפּונקט. אויב זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן, אַז יידן זיינען מינדערווערטיקער, טאָ צוליב וואָס זיין עקשנותדיקער קאַמף קעגן אַלערליי אַסימילאַציע־ריכטונגען אין יידישן לעבן? האָט ער דאָך גאָר געדאַרפט פריידיקן דעם היפּוך פון נאַציאָנאַלן אויפהאַלט — אַסימילאַציע, צונויפמישונג און צוזאַמענשלעצונג פון קולטורן... אָבער גיי זוך לאָגיק ביי מענטשן, וואָס זוכן זיך אַרויסצודרייען פון אַן אומבאַקוועמער סיטואַציע, וואו דער טייוול האָט זיי פאַרפירט...

פון ראָגאָפס שטאַנדפּונקט קאָן זיך אויך שאַפן דער איינדרוק, אַז אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט דער קריסטלעכער קולטור — איז שלעכט. אַזאַ שטאַנדפּונקט איז פאַשיזם, אַפילו ווען דער געדאַנק ווערט געשריבן מיט יידישע אותיות. ניין, מיר וועלטלעכע יידן, פרייהייטלעך־פּראָגרעסיווע יידן, וואָס האָבן טאַקע גענאַשט פון זשיטלאָווסקיס שיריים, קאָנען זיך בשום אופן ניט אידענטיפיצירן מיט אַזאַ שמאָלקעפּיקן באַגריף וועגן גויאישער קולטור. די קריסטלעכע וועלט האָט זיכער גרויסע, זייער גרויסע זינד, באַזונדערס קעגן אונדז יידן. אָבער ס׳איז פאָרט ניט אַלץ שלעכט דאָרטן. מיר האָבן אַ סך צו לערנען און האָבן געלערנט פון די וועלט־פעלקער. אָך, וויפיל אָרעמער מיר וואָלטן דאָס געווען, ווען מיר זאָלן צוריקשליידערן אַלע קולטור־אוצרות, וואָס מיר האָבן מיט אַ ברייטער האַנט גענומען און

איבערגענומען פון די „גוים“... מיר יידן האָבן גוואַלדיקע פּאַרדינסטן אין דער עוואָלוציע פון די וועלט־קולטורן. קיינער זוכט עס ניט צו מינימיזירן— און זשיטלאָווסקי האָט עס ביי אומצייליקע מאָל אָנגעוויזן, מען דאַרף נאָר לייענען זיינע ווערק אָביעקטיוו, אָן פּאָליטיש־סעקטאַנטישע, זייטיקע מאָטיוון... אָבער מען דאַרף אויך ניט אַריבער צום אַנדערן עקסטרעם און גלאָריפיצירן אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט אונדזער יידיש לעבן. עס איז ביי אונדז געווען און ס׳איז נאָך פאַראַן אָפּפאַל, פּסולת. יידישע שריפט־שטעלער זאָלן און דאַרפן עס אָנווייזן, פּונקט ווי עס טוען דאָס שריפט־שטעלער ביי אַנדערע אומות.

7) דער ציוניזם איז אַנטשטאַנען — צי ראָגאָף און ליבערמאַן ווילן עס אָדער ניט — אַלס רעאַקציע צו די אַבנאָרמאַליטעטן אין יידישן לעבן. איז דער סאָציאַליזם, דער „בונד“ ניט אַ דירעקטער רעזולטאַט פון אַבנאָרמאַלע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע דערשיינונגען? וויל דער סאָציאַליזם ניט אומבייטן דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, ווייל דער קאַפּיטאַליזם איז — לויט די אויסטייטשן פון אַלע סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגן — אַ פּאַראַזיטישער געוואוקס אין אונדזער סאָציאַלן לעבן?

שלום־עליכם, מענדעלע, פּרץ, ביאַליק, בערדיטשעווסקי, אחד העם, פּינסקער, ליליענבלום, סירקין, באָראָכאָוו, קאָראַלניק, זשאַבאָטינסקי, הערצל, נאָרדוי, אַלע די דאָזיקע שריפטשטעלער און דענקער האָבן אָנגעוויזן אויף אַבנאָרמאַלע זייטן אין יידישן לעבן, געמוסרט יידן. מיר האָבן נאָר דאָ אָנגעוואָרפן אייניקע נעמען פון אונדזער נאָענטסטער צייט. דאָך האָט קיינער ניט געוואַגט זיי צו באַשולדיקן אין אַנטיסעמיטיזם, ר״ל, ווי עס טוען די יעניקע גרופּע יידן, וואָס זוכן צו דיסקרעדיטירן זשיטלאָווסקיס אָנדענק ביים יידישן פאָלק.

זשיטלאָווסקי האָט אָנגעוויזן אויף נעגאַטיווע זייטן אין יידישן לעבן. איז דאָך יעדער פּאָזיטיווער געדאַנק געבויט אויף נעגאַציעס. אָבער זיינע שאַרפע און ביטערע פיילן זיינען געווען צוליב זיין דראַנג פאַרן אמת און זיין שטאַרקער אינעווייניקסטער ליבע פאַר דעם גערודפטן יידישן פאָלק. מ׳דאַרף זיך אַראָפּלאָזן צו אַ זייער נידעריקער מדרגה, כדי צו בראַנדמאַרקירן זשיטלאָווסקין אַלס „ווילדער אַנטיסעמיט“... ווי קאָן די פעדער פון אַ יידישן וואָרט־פירער זינקען צו אַזאַ מדרגה, כדי אָנצושרייבן אַזעלכע שרעקלעכע ווערטער וועגן איינעם פון אונדזערע ליכטיקע פּערזענלעכקייטן... ווי קאָן מען אויף אַ ייד מאַכן אַזאַ שרעקלעכן בלבול, אויף אַ ייד וואָס איז געווען אַקטיוו אין יידישן לעבן פאַר זעכציק לאַנגע יאָר...

מיט פולן דרך ארץ, אייער

נחום פומער